STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06035

NAYE HORIZONTN VEGEN UNZERE ALTE YONTOYVIM

Gershom Bader

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גרשם באַדער

נײַע האָריזאָנטען

וועגען אונזערע אַלטע ימים־טובים

NEW PERSPECTIVES
ON OUR ANCIENT FEAST DAYS

A COMPILATION OF RELIGIO-HISTORICAL STUDIES

BY

GERSHOM BADER

NEW YORK
1 9 3 8

PARDES PUBLISHING HOUSE, Inc.
U. Z. Bookbinder, President
42-44 Canal St., New York, N. Y.

Posy-Shoulson Press, 19 West 21st. St., New York City
255

נייע האָריזאָנטען

וועגען אונזערע אַלטע ימים־טובים

א זאַמלונג היסטאָריש-רעליגיעזע עטיודען

פון

גרשם באדער

תרצ"ח.

בהוצאת
בית מסחר ספרים „פרדס"
י. ז. בוכבינדער, נשיא
42-44 רחוב קאנאל, ניו־יאָרק, נ. י.

פאָזי־שאָולזאָן פרעס, 19 וועסט 21טע סטריט, ניו־יאָרק, נ. י.

געווידמעט צו'ן א ליעבהארציג איבערגעבענעם
פריינד התורני והנדיב

מר יששכר טאָה הי"ו

צום אנדענקען פון זיין טראגיש־אומגעקומענער
גערֹאָטענער און העכסט אידעאליסטישער
טאָכטער

רות טייטעלבוים

זכרה לעד לעולם.

גודר פרצות בישראל, הוא יגדור את הפרצה
הזאת בישראל!
(ברכות דף מ"ו עמוד ב')

דער גרעסטער טרייסט פאר א מענש איז, ווען
ער גלויבט, אז פאר זיין אומגליק איז נישט
פארהאנען קיין טרייסט.
(ניעטשע)

אינהאַלטס-פאַרצייכניס

זייטע

די „אַטמאָספערישע" אורזאַכען פון אונזערע ימים־טובים ...... 7—17

דער שופר פון ראש־השנה .... 18—23

אַ שפּריצעל פון אַ געדאַנק לכבוד ראש־השנה 23

דער לעצטער „אבינו מלכנו" 24

לקונה עבדיו בדין 25

אַ מסירה אויף'ן „מלך אביון" .... 26—30

דאָס אַרומשפּרינגען ביים דאַוונען .... 31—32

נאָך אַ געדאַנקען־שפּריצעל 32

„כל נדרי .... 33—36

עבירות געגען אידישען פאָלקסטום .... 37—39

געדאַנקען־שפּריצלעך לכבוד יום־כפור .... 40—42

דער יום־טוב סוכות אינ'ם אַלטען ארץ־ישראל .... 43—49

אונזערע געהויבענע געסט לכבוד סוכות .... 50—55

וועגען ספר „קהלת" .... 56—58

פּענטאקאכאָס בענשט „גשם" .... 59—67

הושענא־רבה ביי נאַכט 68

שמחת־תורה 69

בימים ההם, בזמן הזה 70

דריי עפּיזאָדן פון משה רבנו'ס לעבען: א) זיין געבורט; ב) משה רבנו'ס יוגענד; ג) די פּטירה פון משה רבנו.... 71—96

מדרש אחשורוש .... 97—107

ערב־פּסח אינ'ם אַלטען ארץ־ישראל .... 108—114

געדאַנקען־שפּריצלעך פון שיר השירים 115

ל"ג בעומר .... 116—121

די מעשה פון „מתן תורה" .... 122—128

פון גרשם באַדער'ס חבורים איז ביז יעצט ערשינען:

„דרייסיג דורות אידען אין פוילען", פון דער ערשטער צייט, וואָס אידען זיינען אהין געקומען וואוינען ביז צום לעצטען „מיאַטעזש". — 511 זייטען.

„אייביגע אמת'ן", פון ספרים און פונ'ם לעבען. קליינע מעשיות און שאַרפע באַמערקונגען פאַר כל-ערליי גרויסע קינדער. — 304 זייטען.

„אונזערע גייסטיגע ריעזען", די חכמים פון דער משנה, דאָס לעבען און די לעהרען פון אונזערע תנאים און אמוראים, זייט דער צייט פון די „אנשי כנסת הגדולה" ביז נאָך ר' יהודה הנשיא. — 416 זייטען.

„אונזערע גייסטיגע ריעזען", צווייטער טייל, די אמוראים פון ארץ-ישראל און דער תלמוד ירושלמי. — 225 זייטען.

„אונזערע גייסטיגע ריעזען", דריטער טייל, די אמוראים פון בבל און דער תלמוד בבלי. — 200 זייטען.

„דברי חן ושכל". גלייכווערטלעך און אנעקדאָטען, שאַרפע און שפּיציגע, אַמאָליגע און היינטיגע, הומאָריסטישע און ערנסטע, אידישע און וועלטליכע, שטוביגע און דרויסענדיגע, ליטעראַרישע און אַלטעגליכע. 104 זייטען.

אין דרוק געפינט זיך:

„די מלחמות פון די חשמונאים". א היסטאָרישע באַלייכטונג וועגען די אידישע קעמפפע געגען די סיראַגרעקען ביז צום פולשטענדיגען זיעג פון די חשמונאים מיט א אידישער איבערזעצונג פון אַלע פיער „מאַקאַבעער ביכער" און פונ'ם בוך „יהודית", פון „מגילת אנטיוכוס" און „מדרש מעשה חשמונאים".

הויפּטפאַרקויף פון אַט די אַלע ספרים ביים פאַרלאַג

„פּ ר ד ס"

42-44 קאַנעל סטריט, נויאָרק.

PARDES PUBLISHING HOUSE

42-44 Canal Street, New York City

די אַטמאָספערישע אורזאַכען פון אונזערע ימים־טובים

ס׳איז א מערקווירדיגער פאַקט אין אונזער נאַציאָנאַלען לעבען, וואָס יעדער יום־טוב אונזערער האָט חוץ דער רעליגיעז־היסטאָרישער באַדייטונג זיינער א באַגרינדונג אין דער נאַטור פון דער צייט, אין וועלכער ער פאַלט אויס, א שטייגער ווי: דער יום־טוב פון פריהלינג (חג האביב), דער יום־טוב פון די ערשטע פרוכטען (חג הביכורים) און דער יום־טוב פונ׳ם אהיים־נעהמען דעם יעהרליכען שניט פון די פעלדער (חג האסיף). בזה האופן האָט יעדער יום־טוב אונזערער צו טהון מיט דער ערד פון אונזער אמאָליגען היימלאַנד און מיט די צייטען פונ׳ם יאָהר: פריהלינג, זומער און הערבסט.

יעדעס קינד ביי אונז ווייסט, אז דער יום־טוב פון „יציאת מצרים" פאַלט אויס אין דער פריהלינגס־צייט, ווען די נייע תבואה הויבט אָן רייף ווערען, האָט מען טאַקי דעם צווייטען טאָג פסח נעדאַרפט ברענגען דעם „עומר" פון דער נייער תבואה. שבועות, ווייסט מען, איז אין זיין גאַנצער יום־טוב׳דיגער אנטפלעקונג דער טאָג פון די „ביכורים" — און סוכות איז דער יום־טוב פון אהיים־נעהמען די תבואות.

פיעלע היסטאָרישע געשעהענישען פונ׳ם אידישען לעבען, וואָס מיר פייערען זייער אָנדענק, זיינען באַאיינפלוסט פון דער צייט, אין וועלכער זיי זיינען פאָרגעקומען. אין א שעהנער פריהלינגס־נאַכט, ווען די לבנה איז געווען אין איהר פולען גלאַנץ, זיינען די אידען אויסגעלייזט געוואָרען פון „גלות מצרים" — און קאַרגע דריי חדשים שפּעטער, ווען דער זומער האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער מדבר, זיינען זיי צוגעקומען צום באַרג סיני.

דערנאָך אויפ׳ן דריטען טאָג האָט דער אויבערשטער גערעדט צו די אידען — אין א דונערנדיגער שפּראַך, מיט פלאַמפייערדיגע בליצען באַגלייט — און נאָך א וויטערער מאַנאַטען־לאַנגער וואנדע־רונג זיינען זיי ביים אָנקומען פון דער הערבסט־בייט צוגעקומען צו׳ן

נייע האָריזאָנטען

א פלאַץ, וואו דער אויבערשטער האָט זיי באַשיצט מיט זיינע וואָל־קענס.

אויף אַט אַזאַ אופן האָבען אַלע אונזערע ימים־טובים אַזוי צו זאָגען אן „אַטמאָספערישע" באַדייטונג — און אפילו די אידישע צרות זיינען אויך פאָרגעקומען אין אַזעלכע צייטען, וואָס די נאַטור האָט, ווי עס דאַכט זיך, דערצו געהאָלפען.

צווישען פסח און שבועות זיינען די „תלמידים פון ר' עקיבא", די רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטען פון בר־כוכבא, אַרויסגעגאַנגען אין קאַמף געגען רוים. נאָך פסח האָבען זיך קאַרג'ע טויזענד יאָהר שפּעטער אָנגעהויבען די „קרייצציגע", אין וועלכע עס זיינען די אייראָפּעאישע קריסטען געגאַנגען אַפּנעהמען ארץ־ישראל און זיי האָבען זיך דערוייל אויף זייער וועג געבאָדען אין אידיש בלוט.

נאָך דעם ערשטען „קרייצצוג" איז באַשטימט געוואָרען דער צוואַנציגסטער טאָג פונ'ם חודש סיון פאַר א „תענית צבור" און 550 יאָהר שפּעטער איז דערזעלבער טאָג באַשטימט געוואָרען פאַר א תענית־צבור וועגען די הריגות אין פוילען פון שנת ת"ח.

אים תשעה־באב זיינ'ען ביידע בתי־מקדשים חרוב געוואָרען. אין דעמזעלבען טאָג איז געפאַלען די פעסטונג פון ביתר און 14 יאָהר־הונדערטער שפּעטער זיינען די אידען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון שפּאַניען. אפילו דער גרויסער וועלט־קריעג פון אונזערע טעג האָט זיך אויך אָנגעהויבען אים תשעה־באב.

ווען דער אויבערשטער האָט אַמאָל געוואָלט העלפען זיין פאָלק, האָבען די שטערען פונ'ם הימעל מיטגעקעמפט געגע'ן דעם שונא, איז דער טייך „קישון" אַרויסגעגאַנגען פון זיינע ברעגעס, און ער האָט אַוועקגעשלעפּט די פיינדליכע קריעגער. ביי אן אַנדערער געלעגענהייט איז געווען געגנוג דאָס וואָרט פונ'ם אידישען פיהרער, אַז די זון זאָל בלייבען שטעהען, ביז מען וועט האָבען דעם פיינד פאַרניכטעט.

און האָט אַמאָל דער אויבערשטער נישט געוואָלט העלפען, האָט די זון פאַרבאָרגען איהר ליכט און א וואָלקען האָט דעם הימעל באַדעקט, עס זאָל דאָרט כביכול נישט קענען גרייכען דאָס געבעט פון די אידען.

„חנוכה" ווערד אָנגערופען ביי יאָזעפוס פלאַוויוס „דער יום־טוב פון די ליכטלעך" — און די אידישע טראַדיציע האָט די אורזאַך פון אַט דעם יום־טוב אויף פאַרשיעדענע אופנים ערקלערט. מען קען אויך זאָגען, אַז גלייך ווי די אַנדערע ימים־טובים שטעקט אויך

די אַטמאָספערישע אורזאַכען פון אונזערע ימים־טובים

דער יום־טוב חנוכה איז זיין וואָרצעל און אין זיינע פאַרצווייגונגען אין די געשעהענישען פון דער נאַטור און אין די אַטמאָספערישע ערשיינונגען פון דער ערד.

די גמרא רעדט וועגען דער מצוה פון צינדען „חנוכה־ליכט״ ווי פון א באַקאַנטער טהאַטזאַך. דאַביי — דאַכט זיך — איז נאָך נישט געווען געסעטעלט די מחלוקה פון „בית שמאי״ און „בית הלל״, צי מען דאַרף אָנהויבען מיט אַכט ליכטלעך און אָנצינדען יעדען טאָג איינס ווייניגער, אָדער מען דאַרף אָנהויבען מיט איין ליכטעל און אָנצינדען יעדען טאָג איינס מעהר. עס ווערד אויך איבערגעגעבען, אז די „חנוכה־ליכט״ דאַרפען אוועקגעשטעלט ווערען אין דרויסען פאַר דער טהיר פונ׳ם הויז אָדער אויפ׳ן פענסטער, וואָס געהט אין גאַס אריין, און נור ביי א „סכנה״, א שטייגער ווי ווען אידען האָבען געוואוינט צווישען די פערזישע פייער־דיענער און מען האָט נישט געלאָזט אָנצינדען קיין ליכט אין א פריוואַטער וואוינונג, האָט מען געמעגט אוועקשטעלען די „חנוכה־ליכט״ אויפ׳ן טיש.

גלייכצייטיג קאַרגט די גמרא זעהר שטאַרק אין די שילדע־רונגען פונ׳ם נס גופא און זי דערצעהלט גאָר ווייניג וועגען די מלחמות פון די חשמונאים, וועלכע האָבען געדויערט פערציג לאַנגע יאָהרען, ביז ארץ־ישראל איז אין גאַנצען באַפרייט געוואָרען פון גריכישער הערשאַפט.

דערנאָך פלוצים נאָך די אלע שילדערונגען פונ׳ם דין וועגען די ליכטלעך, פרעגט די גמרא ווייטער: „מאי חנוכה?״ און זי ערקלערט, אז 25 טאָג אין חודש כסלו הויבען זיך אָן אַכט טאָג חנוכה, אין וועלכע מען טאָר נישט מאַכען קיין הספדים און מען טאָר נישט פאַסטען, ווייל ווען די „יוונים״ זיינען אריינגעקומען אין בית־המקדש, האָבען זיי דאָרט פאַראומרייניגט אלע אוילען. האָט מען דאַן געפונען בלויז איין קריגעל אויל, וועלכעס איז געלעגען באַהאַלטען מיט׳ן זיגעל פונ׳ם כהן־גדול. האָט אָבער דאָס דאָזיגע קריגעל נישט געהאַט מעהר אויל ווי בלויז אויף איין טאָג, איז מיט איהם געשעהען א נס און מען האָט דערפון געצונדען אַכט טאָג. האָט מען דערנאָך אויפ׳ן אנדערן יאָהר די דאָזיגע טעג באַשטימט אלס ימים־טובים מיט הלל און דאַנק־געבעטען (זעה שבת דף כ״א עמוד ב׳).

נייע האָריזאָנטען

און ווען עס ווערד וועגען דעם גערעדט אין „מגלת תענית", ווערד דאָרט צוגעגעבען: „וואָס איז די אורזאַך פאַר'ן אָנצינדען ליכט אים חנוכה? איז ווען די חשמונאים זיינען אריינגעגאַנגען אינ'ם בית־המקדש, האָבען זיי דאָרט געפונען אכט אייזערנע שפּיזען, וועלכע זיי האָבען אריינגעשטעקט אין דער מנורה און זיי האָבען אָנגעצונדען אין זיי די ליכטלעך".

וועגען די דאָזיגע שפּיזען פון די חשמונאים ווערד אויך גערעדט אויף אַן אנדער אָרט אין דער גמרא, וואו עס ווערד געזאָגט, אַז אזוי ווי דאָס זיינען געווען אייזערנע שפּיזען, האָט מען זיי פאַרדעקט מיט בליי. זיינען דאַן די חשמונאים רייך געוואָרען, האָט מען יענע שפּיזען געמאַכט פון זילבער. און זיינען זיי נאָך רייכער געוואָרען, האָט מען די דאָזיגע שפּיזען געמאַכט פון גאָלד (מנחות דף כ"ח עמוד ב').

ס'איז אפילו א קשיא אויף דער מעשה מיט'ן קריגעל אויל, נישט וועגען דעם נס, נור וועגען וועלכען כהן־גדול עס ווערד דאָרט גערעדט, וואָס דער חותם זיינער האָט באַוויזען, אַז דער אויל איז א כשר'ער, ווייל די כהנים גדולים פון בעפאָר די חשמונאים, וואָס זייערע נעמען זיינען געווען: יאַזאָן, מענעלאָאָס, ליזימאַכאָס און אלקימאָס, זיינען אלע געווען אָנהענגער פון די גוים און זייער באַריהרונג האָט דעם אויל טרפה געמאַכט ווי די באַריהרונג פון א גוי.

מתתיהו אליין איז נישט געווען קיין כהן־גדול און דער טיטעל „כהן־גדול" אין דער תפלה „בימי מתתיהו" געהט אויף יוחנן, וועלכער האָט אויך געהייסען „חוניו". אנדערע היסטאָריקער זאָגען, אַז נאָך די ערשטע זיעגען פון מתתיהו'ס קינדער און נאָכדעם ווי מען האָט די פאַרהערעטערישע כהנים אויסגעה'רג'ט, איז מעגליך, אַז דאָס פאָלק האָט צו דעם אַלטען מתתיהו געגעבען דעם טיטעל „כהן־גדול". האָט אָבער דאָס געפונענע קריגעל בוימעל נישט געקענט האָבען זיין חתימה. די זיעגען פון מתתיהו'ס קינדער זיינען אויך אויסערדעם פאָרגעקומען נאָך מתתיהו'ס טויט.

דער ספר „יוסיפון", וועלכער איז א העברעאישע באַארבייטונג פונ'ם גריכישען יאָזעפוס פלאַוויוס, דערצעהלט וועגען דעם „נס חנוכה" דאָס פאָלגענדע: „יהודה, דער זוהן פון מתתיהו און די גאַנצע פרומע עדה, וואָס איז געווען מיט איהם, זיינען נאָך זייער זיעג אָנגעקומען אין ירושלים און זיי האָבען דאָרט צושטערט די מזבחות, וואָס די ערלים האָבען אויפגעבויעט, זיי האָבען אויך אָפּגע־

רייניגט דעם בית־המקדש פון די געצקעס, דערנאָך האָבען זיי אויפ־געבויט א נייעם מזבח און ארויפגעגעבען אויף איהם דאָס פלייש פון די קרבנות. האָבען זיי אָבער נישט געפונען דאָס הייליגע פייער, וועלכעס האָט פריהער טאָג און נאַכט געברענט אויפ׳ן מזבח. האָבען זיי דאַן געבעטען צו גאָט, איז ארויסגעקומען א פייער פונ׳ם שטיין, וואָס איז געלעגען אויפ׳ן מזבח. און ווען דער מזבח איז דאַן געווען געהעריג איינגעאָרדנעט, האָט מען געמאכט א „חנוכת המזבח״ אינ׳ם 25טען טאָג פונ׳ם חודש כסלו און מען האָט אויסגעלייגט דעם לחם־הפנים, אָנגעצונדען די ליכט און געלויבט וועהרענד אכט טאָג״.

עהנליך צו דעם ווערד דערצעהלט אינ׳ם צווייטען „ספר חשמונאים״ פון די „אפּאָקריפען״, אז ווען נחמיה בן חכליה איז אָנגעקומען אין ירושלים און ער האָט געוואָלט מקריב זיין קרבנות אויפ׳ן מזבח, האָט ער געהייסען זוכען דאָס הייליגע פייער, וואָס די כהנים האָבען ביים חורבן פונ׳ם ערשטען בית־המקדש געהאט באהאלטען אין א טיעפער גרוב. און אזוי ווי מען האָט דאַן דאָס פייער געפונען, האָט מען די זאך פארשריבען, צו פייערען צוליעב דעם א יום־טוב יעדעם יאָהר...

ווי עס דאַכט זיך, האָט אָבער די מעשה וועגען דעם „אש מן השמים״ ביים בית־שני נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג ביי אידען, זיי זאָלען גלויבען, אז דאָס איז די אורזאך פונ׳ם יום־טוב חנוכה. די חכמים פון דער גמרא זיינען איבערהויפּט געווען אין ספק, צי עס איז אין אלגעמיין ביים בית־שני געווען „אש מן השמים״ (זעה יומא דף כ״א עמוד ב׳).

איז דערפאר אָנצונעהמען, אז גלייך ווי עס האָבען אונזערע דריי וויכטיגסטע ימים־טובים (פסח, שבועות און סוכות) א נאַטיר־ליכע באגרינדונג, איז אויך דער יום־טוב חנוכה באגרינדעט אין דער אַטמאָספערע פון זיין צייט און דער „יום־טוב פון די ליכטלעך״ איז וואהרשיינליך עלטער ווי די מלחמות פון די חשמונאים. קען מען צוליעב דעם זאָגען, אז נאָכדעם ווי מען האָט דעם דאָזיגען יום־טוב א לאַנגע צייט געפייערט, האָט מען איהם שפּעטער אָנגעטהון א רעליגיעזע צורה און מען האָט איהם פארבונדען מיט די חשמונאים.

די נסים פון חנוכה און די מלחמות פון די חשמונאים זיינען פאָרגעקומען נאָך׳ן פארענדיגען די „כתבי קודש״, איז דערפאר ביי די שילדערונגען פון יענע געשעהענישען אויסגעמישט דאָס היסטאָ־רישע מיט׳ן לעגענדארישען. האָט מען עס געקענט צולאָזען, אז עס

נייע האָריזאָנטען

זאָל פאַרלוירען געהן דער אָריגינעלער העברעאישער טעקסט פונ׳ם ערשטען „מאַקאַבעער־בוך” צוזאַמען מיט׳ן ספר „יהודית” און אַז די אַנדערע דריי „מאַקאַבעער־ביכער” זאָלען בלייבען אין גריכיש, אַזוי ווי זיי זיינען פון זייערע מחברים געשריבען געוואָרען.

עס פאַרשטעהט זיך אויך, אַז עס איז נישט אָפּגעהיט געוואָרען דער אינהאַלט פון די פיער „מאַקאַבעער־ביכער” אין זייער היסטאָרישער אָריגינאַליטעט. אַזוי ווי זיי זיינען באַהאַנדעלט געוואָרען אַלס „ספרים חיצונים”, האָט זיך וואַרשיינליך יעדער איבערשרייבער ער־לויבט, צו מאַכען דאָרט אַזעלכע ענדערונגען, ווי עס איז איהם געפעלען.*)

קענען מיר זיך ווענען דער באַשרייבונג פון יענע צייטען פאַר־לאָזען בלויז אויף די ביכער פון יאָזעפוס פלאַוויוס, וואָס ווען מיר זאָלען היינט נישט האָבען זיינע היסטאָרישע ביכער, וואָלטען מיר גאָר נישט געוואוסט וועגען די געשעהעענישען, וואָס זיינען פאָרגעקו־מען אין די צייטען פונ׳ם צווייטען בית־המקדש. דערצו דאַרף מען אויך וויסען, אַז עס זיינען ביי יאָזעפוס פאַרהאַנען גרעסערע אָדער קלענערע ווידערשפּרוכען, וואו ער ווידערשפּרעכט זיך אָפּטמאָל אין איין בוך זיינעם מיט דעם, וואָס ער האָט אין זיינעם אַן אַנדערען בוך אָנגעשריבען. אויסערדעם זיינען פאַרהאַנען ביי איהם געוויסע קליינע פאַרשידענהייטען אין זיינע שילדערונגען פון דער ביבלישער געשיכטע, וועלכע זיינען געווען מעגליך צוליעב דעם, וואָס ער האָט געקענט האָבען אַ פעהלערהאַפטע איבערגעשריבענעם תנ״ך, אָדער ווען דער איבערשרייבער פון זיינע ביכער האָט געמאַכט אַ טעות.

נויטיג איז אויך אויסדריקליך צו ווידערהאָלען, אַז די משנה, ווי גרויס זי איז, דערמאָנט גאָר נישט וועגען די חשמונאים — און די חכמים פון דער גמרא זאָגען כמעט גאָר נישט וועגען זייערע מלחמות פאַר דער פרייהייט פון ארץ־ישראל, וועלכע האָבען געדויערט גאַנצע פערציג יאָהר. פון דער קורצער נאָטיץ אין דער גמרא וועגען די דאָזיגע מלחמות, וואָלט זיך געקענט אויסדאַכטען, אַז עס איז דעמאָלס אַלסדינג ערליידיגט געוואָרען אין איין גאַנג.

---

*) אַלע פיער „מאַקאַבעער־ביכער” צוזאַמען מיט די מדרשים וועגען די חשמונאים און אַ פולשטענדיגע געשיכטע פון זייערע מלחמות איז פון מיר צונויף־געשטעלט געוואָרען אין אַ באַזונדער ווערק, וועלכעס וועט קירצליך ערשיינען. צו באַמערקען איז אויך, אַז די „מאַקאַבעער־ביכער” זיינען דאָרט דאָס ערשטע מאָל איבערזעצט אין אידיש.

די אַטמאָספערישע אורזאַכען פון אונזערע ימים־טובים

די אורזאַך דערפון איז וואַרשיינליך געווען, וואָס נאָך'ן טויט פון יוחנן כהן גדול, וועלכער האָט אליין אויך נישט פארענדיגט זיין לעבען אין א פולשטענדיגער הארמאָניע מיט'ן פאָלק*), האָבען די חשמונאים געקעמפט צווישען זיך אליין און מיט זייערע אייגענע הענד האָבען זיי געבראַכט שרעקליכע צרות אויף אידען, האָבען זיי דערפאר די חכמים פון דער גמרא כמעט אין גאַנצען איגנאָרירט — און ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט, צו ערקלערען די באדייטונג פון חנוכה, האָט מען גאָר נישט דערמאָנט וועגען די מלחמות און מען האָט בלויז אָנגעגעבען אלס אורזאַך פונ'ם יום־טוב דעם נס מיט'ן קריגעל בוימעל (פך השמן).

ווייטער פרעגט די גמרא: „מאי חנוכה?" און זי ענטפערט אויף דער דאָזיגער שאלה מיט א ציטאַט פון א ברייתא, וועלכע געפינט זיך גאָר נישט אין אונזער גמרא און מיר האָבען זי שוין אויבען דערמאָנט, אז פונ'ם פינף־און־צוואַנציגסטען טאָג אין כסלו אָנגעהויבען זיינען אכט טאָג חנוכה, וואָס מען טאָר נישט דאַמאָלס קלאָגען אָדער פאַסטען, ווייל ווען די יוונים זיינען אריינגעדרונגען אינ'ם בית־המקדש, האָבען זיי דאָרטען פאַראומריינינגט אַלע אוילען, און ווען דאָס „מלכות בית השמונאי" האָט דאַן געזיגט, האָט מען געזוכט א ביסיל בוימעל פאר'ן „נר תמיד", און מען האָט בלויז געפונען איין קריגעל אויל, פאַרזיגעלט מיט'ן זיגעל פונ'ם כהן־גדול, פון וועלכען עס האָט געדאַרפט זיין גענוג, אָנצוצינדען דעם „נר תמיד" פאר איין טאָג, איז אָבער געשעהען א נס, וואָס דער אויל האָט געברענט אכט טאָג.

איז ווייטער צו פרעגען די אויבען־דערמאָנטע קשיא: ווי קומט עס, וואָס א נישט־פאַרזיגעלטער אויל איז שוין דאַמאָלס אין דער צייט פון די חשמונאים באַטראַכט געוואָרען אלס „שמן עכו"ם"? אמת איז, אז לויט דער מיינונג פון רב האָט שוין דניאל געהאַלטען, אז שמן עכו"ם איז טרפה. איז אָבער פאַראַנען אן אנדערע מיינונג, וועלכע באַהויפטעט, אז דער איסור אויף „שמן עכו"ם" שטאַמט פון די אכטצען גזרות, וואָס מען האָט מתקן געווען בעליית חנניה בן גוריון, דאָס הייסט, אין דער צייט פון סוף בית שני. טאָ ווי קומט עס, וואָס די חשמונאים האָבען זיך נישט געקענט באַנוצען מיט שמן עכו"ם פאר'ן „נר תמיד"? וויכטיגער איז נאָך א גרעסערע פראַגע וועגען דעם זיגעל פונ'ם כהן־גדול, וואָס מען ווייסט נישט, וועגען

*) זעה „אונזערע גייסטיגע ריזען", ערשטער טייל (זייטע 58 ביז 65).

וועלכען כהן־גדול עס ווערד דאָ געערדט, ווייל די כהנים גדולים, וואָס האָבען דאמאָלס אַמטירט, זיינען געווען ערגער ווי גוים און זייער חותם אויפ׳ן בוימעל וואָלט איהם ערשט רעכט געמאַכט פאַר „שמן עבו״ם״!

האנדעלט זיך אונז אָבער נישט וועגען דעם דין פון „שמן עבו״ם״ אָדער פון צינדען חנוכה־ליכט, נור וועגען דעם היסטאָרישען פאַקט וואָס די חכמים האָבען איגנאָרירט די מלחמות פון די חשמונאים. דארף מען דאָ ווייטער ציטירען, וואָס עס ווערד געזאָגט וועגען דעם אין „מגילת תענית״ (פרק ט׳) *).

פינף־און־צוואַנציג טאָג אין חודש כסלו — זאָגט זיך דאָרט — זיינען אַכט טעג, וואָס מען טאָר נישט אין זיי קלאָגען, ווייל ווען די יוונים זיינען אריינגעדרונגען אינ׳ם בית־המקדש, האָבען זיי פאַר־

---

*) „מגילת תענית״ פלעגט אמאָל געדרוקט ווערען צוזאַמען מיט די „מסכתות קטנות״ פונ׳ם תלמוד. אינהאַלטליך הויבט זי זיך אָן מיט׳ן אויפצעהלען א צעטעל טעג, וואָס די חכמים האָבען נישט ערלויבט, צו פאַסטען און צו קלאָגען אין זיי צוליעב פאַרשיעדענע פרעהליכע געשעהענישען, וואָס זיינען אין יענע טעג פאָר־געקומען. איז אַט די אַזוי אָנגערופענע „מגלה״ געווען אויפגעשריבען און פריי פאַר יעדען, איידער עס איז נאָך געווען עטוואָס אויפגעשריבען פון דער „משנה״ (זעה ערובין דף ס״ב עמוד ב׳). ווי עס הייסט, איז דער מחבר פון דער „מגלת תענית״ געווען חנניה בן חזקיה בן גוריון, וועלכער איז געווען א פראָמינענטער מענש אין דער צייט פון הלל ושמאי, אבער אינ׳ם צוועלפטען פרק פון דער דאָזיגער "מגלה״ איז פאַרשריבען, אַז דער מחבר איהרער איז אלעזר בן חנניה.

ביים אָנהויב איז די „מגלת תענית״ געשריבען אין אראַמיש לשון, וועלכעס איז וואהרשיינליך געווען דעמאָלט די שפראַך פון די פאָלקסמאַסען אין ארץ־ישראל. ס׳איז אויך כאַראַקטעריסטיש, וואָס ר׳ יהודה הנשיא האט נישט אריינ־גענומען די „מגלת תענית״ אין זיין „משנה״, ווייל ער האט זי נישט געהאלטען פאַר וויכטיג גענוג און ער האט זי בלויז איין מאָל דערמאָנט (תענית פרק ב׳ משנה ה׳). דאַגעגען האָבען אַנדערע חכמים מדקדק געווען אין איהרע אויסדרוקען און ארום־גע׳דרשנ׳ט יעדעס וואָרט, גלייך ווי מען דרשנ׳ט וועגען די פסוקים פון תנ״ד (ירושלמי תענית פרק ב׳ הלכה י״ב). אין שפּעטערע צייטען איז צו די קורץ־געהאַלטענע סענטענצען פון "מגלת תענית״ צוגעגעבען געוואָרען פאַרשיע־דענע ערקלערונגען און אויסטייטשונגען, וועלכע זיינען ווי צוגעטשעפּעטע פירושים און אפּפרעגונגען פון דעם, וואָס עס ווערד דאָרט געזאָגט ביים אָנהויב.

אַט דער צוגעגעבענער טייל פון דער „מגלת תענית״ איז געשריבען אינ׳ם לשון פון דער „משנה״. איז אַלזאָ אָנצונעהמען, אַז דער דאָזיגער טייל איז צוגעגעבען געוואָרען אין דער צייט פון דער משנה און די אמוראים פון אונזער גמרא האָבען דאָס באַטראַכט ווי א „ברייתא״. איז ווען זיי ציטירען עטוואָס אין דער גמרא פונ׳ם ערשטען טייל „מגלת תענית״, באַצייכענען זיי דעם ציטאַט מיט „כתיב במגלת תענית״ אָדער אויף אַן עהנליכען אופן (זעה מסכת תענית דף י״ח עמוד ב׳, מגלה דף ה׳ עמוד ב׳, חולין דף קכ״ט עמוד ב׳). ציטירען זיי אָבער עטוואָס פונ׳ם צווייטען טייל, באַצייכענען זיי דעם ציטאַט, ווי זיי טוהען געווערנליך ביי א „ברייתא״, מיט „תנו רבנן״ אָדער „תנינא״ (זעה ראש השנה דף י״ח עמוד ב׳, בבא בתרא דף קט״ז עמוד ב׳, מנחות דף ס״ד עמוד א׳).

די אַטמאָספערישע אורזאַכען פון אונזערע ימים־טובים

אומריינינגט אַלע אוילען, און ווען עס האָט זיך געשטאַרקט די האַנד פון בית חשמונאים און זיי האָבען געזיעגט, האָט מען געזוכט און נישט געפונען מעהר ווי איין קריגעל אויל, וועלכעס איז געווען פאַר־זיגעלט מיט׳ן חותם פונ׳ם כהן־גדול, אז עס איז נישט פאַראומריינינגט געוואָרען.

און וואָס האָבען זיי איינגעזעהן — ווערד דאָרט ווייטער גע־פרעגט — צו מאַכען חנוכה אכט טאָג, ווען די „חנוכת המזבח", וואָס משה רבנו האָט געמאַכט אין דער מדבר, האָט בלויז געדויערט זיבען טאָג, און דאָסזעלבע איז אויך געווען ביי שלמה המלך. טאָ וואָס האָבען זיי איינגעזעהען, צו מאַכען חנוכה אכט טאָג? — איז דער תירוץ, אז אין דער צייט פון מלכות יון זיינען אריינגעקומען די חשמונאים אינ׳ם בית המקדש און זיי האָבען אויפגעבויט דעם מזבח, נאָכדעם וואָס זיי האָבען איהם אויסגעקאַלעכט און פאַרריכט די כלים פון דער עבודה, האָט דאָס גענומען אַכט טאָג, האָבען זיי דערפאַר איינגעפיהרט אַ יום־טוב פון אַכט טאָג.

פרעגט זיך ווייטער, פאַר וואָס האָבען זיי געהייסען אָנצינדען ליכט? איז דער תירוץ, אז ווען די חשמונאים זיינען אריינגעקומען אין בית־המקדש, האָבען זיי געהאַלטען אין די הענד זיבען אייזערנע שפּיזען, באַדעקט מיט האָלץ, מיט וועלכע זיי האָבען אָנגעצונדען די מנורה.

און פאַרוואָס זאָגט מען דאַן גאַנץ הלל? — איז דער תירוץ אז אַלס אַ דאַנק פאַר יעדע הילף, וואָס דער אויבערשטער האָט ווען עס איז געטהון צו אידען, האָט מען איהם געזונגען לויב־געזאַנגען. דאַרף מען איהם אויך ביים נס פון חנוכה אָפּדאַנקען מיט הלל!

לאַנג בעפאָר די מלחמות פון די חשמונאים האָבען די פעלקער פון אַרום ארץ־ישראל געפייערט יעדען ווינטער אַ יום־טוב לכבוד דעם ליכט, וואָס זיי האָבען זיך אין דער ווינטערדיגער קעלט געלערנט אָפּשאַצען זיין ווערדע. דער איבערברוך פונ׳ם הערבסט צום ווינטער, אַרום דער תקופה פונ׳ם חודש טבת, איז ביי יענע פעלקער געווען אַ מאָטיוו, צו פייערען די ווערדע פונ׳ם ליכט. אזוי ווי עס איז דאַן אָנגעקומען דער קירצעסטער טאָג פונ׳ם יאָהר, האָט דאָס צוגעצויגען דעם מענשליכען געדאַנק, אָפּצוגעבען כבוד צום ליכט.

ביי די אַלטע פּערזער האָט מען געפייערט פינף טאָג בעפאָר דעם קירצעסטען טאָג פונ׳ם יאָהר אַ יום־טוב מיט׳ן נאָמען „די נאַכט פונ׳ם גוטען פייער". אין יענער נאַכט פלעגען די פּערזער אָנצינדען פייע־

נייע האָריזאָנטען

רען אין די גאַסען פון זייערע שטעדט, צו ווייזען די שטאַרקע קראַפט פון דער זון, וועלכע גרייט זיך אין יענעם טאָג, צו באַזיגען די כחות פון דער פינסטערניש אין די לאַנגע ווינטער־נעכט.

אינ׳ם אַלטען גריכענלאַנד פלעגען די מענשען אייינאָרדנען שעהנע פייערונגען מיט טענץ און געזאַנג, אַזוי ווי מיט ליכטער און פאַקלען, לכבוד דעם גאָט „דיאָניזוס" אין דער צייט פונ׳ם קלענסטען טאָג, וועלכער פלעגט דאָרט פאַרקומען צווישען דעם 19טען און 22טען דעצעמבער, נאָהנט צום אָנהויב ווינטער — און געוואָלט האָט מען אויסדריקען מיט דער דאָזיגער פייערונג דעם גרונד־געדאַנק, אַז גלייך מיט׳ן אָנקומען פונ׳ם ווינטער גרייט זיך די נאַטור צו׳ן איהר נעקסטער ערוואַכונג אינ׳ם צוקינפטיגען פריהלינג.

די אַלטע רוימער האָבען געהאַט א חגא מיט׳ן נאָמען „סאַטור־נאַליא", לכבוד זייער אָפּגאָט „סאַטורן", וועלכער איז אויסגע־פאַלען דעם 19טען דעצעמבער פון יעדען יאָהר. פלעגט מען דאַן שיקען מתנות איינער צום אַנדערן און די גלויביגע פלעגען אָנצינדען פיעל ליכט וועהרענד זיבען טאָג. באַהויפּטען מאַנכע היסטאָריקער, אַז די דאָזיגע ליכטעלעך האָבען געדיענט אַלס א פּראָטעסט געגען די לאַנגע ווינטער־נעכט און עס האָט אויך אין זיי געשטעקט אן איינ־לאַדונג צו דער זון, זי זאָל ווי צום גיכסטען צוריקקערען אין איהר פולער שטאַרקייט.

אין די לעצטע יאָהרהונדערטער פונ׳ם אַלטערטום איז באַקאַנט געווען אין רוים דער דיענסט פון דער זון, וואָס דער טאָג פון איהר געבורט איז איינגעאָרדנעט אינ׳ם ערשטען טאָג נאָך׳ן אַזוי אָנגערו־פענעם „סאָלסטים" (לאַטייניש : „סאָלסטיציום"), ווען די זון קומט צו׳ן איהר העכסטער אָדער צו׳ן איהר נידריגסטער שטופע (אין תמוז אָדער אין טבת). איז דאַן געפייערט געוואָרען „דער געבורטסטאָג פון דער אומבאַזיעגטער זון".

דער יום־טוב פונ׳ם „סאָלסטים" איז אויך געווען באַקאַנט ביי אידען, ווי די גמרא דערצעהלט, אַז ווען אדם הראשון האָט געזעהען, ווי דער טאָג ווערד יעדעם מאָל קלענער, האָט ער געזאָגט : „וועה איז מיר, וואָס אפשר ווייל איך האָב געזינדיגט, ווערד מיר די וועלט א פינסטערע און זי געהט צוריק צו׳ן איהר תוהו־ובוהו, און דאָס איז טאַקי דער טויט, וועלכער איז אויף מיר אַרויסגעזאָגט געוואָרען פונ׳ם הימעל !" — האָט ער זיך דאַן אוועקגעשטעלט אַכט טאָג אין פאַסטען און בעטען. ווי ער האָט אָבער דערנאָך געזעהען די שפּעטערע תקופה,

די אַטמאָספערישע אורזאַכען פון אונזערע ימים־טובים

ווי דער טאָג ווערד יעדעס מאָל גרעסער, האָט ער געזעהען, אז עס איז אזוי דער סדר פון דער וועלט. איז ער געגאַנגען און ער האָט זיך געמאכט אכט טאָג יום־טוב. דערנאָך אויף'ן אנדערן יאָהר האָט מען שוין ביידע צייטען געמאכט ימים־טובים (זעה עבודה זרה דף ח' עמוד א').

פון אָט דעם אלעמען איז צו זעהען, אז דער אידישער „יום־טוב פון די ליכטעלעך", וועלכער פאַלט אוים נאָהנט צום „סאָלסטים", איז אין אָנהויב געפייערט געוואָרען אלס א יום־טוב פון דער נאַטור און ערשט שפּעטער איז ער געוואָרען א היסטאָרישער יום־טוב לכבוד דעם זיעג פון די חשמונאים.

פונקט אין דער צייט, וואָס די זון באקומט צוריק איהר שטאַר־קייט און די גריכען האָבען דעם דאָזיגען טאָג געוואָלט מאכען פאר א יום־טוב פון צושטערען דעם אידישען דת דורך פארברענען די תורה און אויפשטעלען געטשקעס אינ'ם בית־המקדש, איז באשטימט געוואָרען א יום־טוב פון ליכט פאר די, וואָס גלויבען אין דער אידישער תורה און זיי זיינען געבליבען טריי צו זייער אמונה.

דער שופר פון ראש־השנה

(לויט דער אויסטייטשונג פונים „זוהר")

אין די הערליכע געזאַנגען פון אונזער געטליכען ספר „תהלים", וועלכע האָבען נישט קיין גליכען אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור, ווערד געזאָגט: „תקעו בחודש שופר, בכסה ליום חגנו, כי חק לישראל הוא, משפט לאלהי יעקב". איז דער טייטש דערפון: „בלאָזט דעם שופר אינ'ם נייען חודש, אין דעם באַשטימטען טאָג לכבוד אונזער יום־טוב, ווייל דאָס איז א געזעץ ביים אידישען פאָלק, א פיהרונג אזא ביים גאָט פון יעקב".

ווערען די דאָזיגע צוויי פסוקים אויסגעטייטשט, אז זיי באַציהען זיך אויפ'ן שופר־בלאָזען אים ראש־השנה, וועלכער איז א טאָג פון משפט, וואָס דער אויבערשטער זעצט זיך דאַמאָלס אוועק, אויסצוהערען די טענות פון און וועגען זיין פאָלק.

זאָגט אויף דעם דער „זוהר" דאָס פאָלגענדע:

אים ראש־השנה איז די צייט, ווען עס דערוועקט זיך אויבען אין הימעל דער „מדת הדין" אויפ'ן פאָלק ישראל אין זיין גאַנצער הארבקייט. און אזוי ווי עס דערוועקט זיך דאַמאָלס אָט דער כח פון די מקטרגים, וואָס ווילען ריידען אויפן פאָלק ישראל, פאַרדעקט דאַן די לבנה איהר ליכט, זי זאָל נישט לייכטען איבער דער וועלט. און אזוי ווי עס איז דאַמאָלס נישט פאַרהאַנען דאָס ליכט פון דער לבנה, ווערט די גאַנצע וועלט, סיי די אונטערשטע אויף דער ערד און סיי די אויבערשטע אויפ'ן הימעל, אָנגעפילט מיט דין.

געהט דאַן ארויס א רוף איבער אלע הימלען, וועלכער זאָגט: „גרייט צו דעם שטוהל פון דין פאַר'ן באַשעפער פון אלע וועלטען, ווייל ער וויל זיך יעצט אוועקזעצען משפט'ן זיינע באַשעפענישען!"

פרעגט זיך א קשיא: „וואָס דערוועקט זיך עפּיס אין אָט דעם טאָג דער מדת־הדין און ער קריגט אזא שטאַרקען כח?"

איז די תשובה אויף דעם, אז אלע הייליגקייטען און אלע גוטסקייטען פון דער וועלט הענגען אָפּ פונ'ם אויבערשטען'ס „מדת המלכות", ווען ער נעמט זיך קיניגען איבער זיין וועלט, לייכטען דאַן

אַלע ליכטיגקייטען, ווייל ווען דער אויבערשטער הילט זיך ארום אין זיין מאַנטעל, וואַרפט עס א שיין פון ליכט איבער דער גאַנצער וועלט. אזוי ווי די צייט איז אָבער א צייט פון דין, איז דאָס ליכט קאַלט — און דער אויבערשטער איז דאַן מרוצה, צוצובויגען זיין אויער צו די מקטרגים, איינצוהערען זיך צו דעם וואָס זיי האָבען צו זאָגען וועגען אידען.

קומען אָבער די אידען מיט זייערע תפלות און זייערע ברכות, ווירקען זיי מיט דעם פאַר דער אויסבעסערונג פון יענעם ליכט. פאַרשפּרייט זיך דאָס גרויסע געטליכע ליכט און עס באַקומט וואַרימ־קייט. איז דאָס אָבער נור דאַן, ווען די מענשען זיינען עס ווערטה דורך זייערע תורה ומצוות. און ווען זיי זיינען דאָס נישט ווערטה, שטאַרקט זיך דער „מדת הדין״ און די צדיקים פון דער וועלט מוזען ליידען פאַר די זינד פון די רשעים, פאַרשטאַרקערט זיך דער כח פון די מקטרגים און די לבנה פאַרדעקט איהר פּנים.

קריגט אָבער דער אויבערשטער רחמנות אויף זיינע באַשעפע־נישען, בויגט ער זיך צו צום סניגור, קלינגען די ווערטער פון׳ם סניגור אזוי ווייך ווי די ווערטער פון א מאַמע און זיי לאַשטשען דאָס אויער ווי א צאַרט ווינטעל אין דער מדבר. שטעהט פון דעסט־וועגען דער מקטרג שטאָלץ אויף זיין פּלאַץ און דער כח זיינער איז ווי א האַרטער שטאָל, וואָס לאָזט זיך נישט צוברעכען.

האָט דער אויבערשטער אן עצה פאַר די אידען, וואָס זיי זאָלען אין אזא אויגענבליק טהון. האָט ער געזאָגט „תקעו בחודש שופר״, בלאָזט דעם שופר, וועט איהר צוטומלען דעם קטיגור, ער זאָל נישט קענען מקטרג זיין! בלאָזט דעם שופר, וועט איהר צוברעכען די האַרטע דעק, וואָס די לבנה איז מיט איהר היינט צוגעדעקט און זי וועט לאָזען לייכטען א ליכט אויבען, דער אויבערשטער זאָל זעהען אייער תשובה און עס זאָל זיגען דער „מדת הרחמים״ זיינער איבער׳ן „מדת הדין״.

און אזוי ווי די אידען אונטען אויף דער וועלט נעהמען זיך בלאָזען דעם שופר, שלאָגט זיך אָן דער קול, וואָס געהט ארויס פון׳ם שופר, אין דער לופט און ער שפּאַלט די הימלען, ביז ער צורייסט די טונקעלקייט, וואָס באַדעקט די לבנה.

באַווייזט זיך באַלד א התעוררות פון רחמים. פאַרמישען זיך די געפיהלען פון אונטען אויף דער ערד מיט די געפיהלען פון אויבען אין הימעל. און אזוי ווי עס דערגרייכט דאָרט אויבען די שטים

פונ'ם שופר, פארשווינדעט דער דין, און אזוי ווי עס ווערד אונטען אויף דער ערד א התעוררות פון תשובה, דערוועקט זיך אויבען אין הימעל דער אויבערשטער שופר פון די „מליצי יושר", וועלכער ברענגט ארויס די קולות פון רחמים. באגעגענען זיך דאן די קולות פונ'ם שופר, וואָס אידען בלאָזען אונטען אויף דער ערד, מיט די קולות פונ'ם שופר, וואָס די „מליצי יושר" בלאָזען אויבען אין הימעל, און מיט דער התעוררות פון תשובה, וואָס אידען באווייזען אונטען אויף דער ערד, פארפלאָנטערט זיך די „מדת הרחמים" פון אויבען אין הימעל.

ר' שמעון זאָגט: „תקעו בחודש שופר", דאָס איז דער בית־דין דער שוואכער, וועלכער הייסט „כסה", דאָס איז דער שטוהל פונ'ם אויבערשטען מיט א הא צוגעגעבען ביים סוף, דאָס איז דער „פחד יצחק", וועלכער איז דער שטוהל פונ'ם מלך עליון. און נאָך מיינט דאָס וואָרט „בכסה" אויפ'ן הארטען דין, וועלכער איז שטענדיג באהאַלטען און ער איז נישט עפענטליך. כי חק, דאָס איז דער שוואכער דין פון גערעכטיגקייט. משפט, דאָס איז דער שאַרפער דין, אויסגעמישט מיט רחמים, וואָס ביידע צוזאמען הערשען אים ראש־השנה, איינער דעם ערשטען טאָג און איינער דעם צווייטען טאָג.

ר' אלעזר זאָגט: „ווען דער פסוק זאָגט בכסה ליום חגנו, מיינט דאָס, אז די לבנה באַדעקט זיך. און ווי אזוי באַדעקט זי זיך? ווען עס שטעהט דער וואָלקען און די זון באַלייכט נישט די נשמה, באהאַלט זיך די לבנה און זי לייכט נישט".

און ווען די זון איז פאַרוואָלקענט און זי לייכט נישט, איז דעמאָלט די לבנה באהאַלטען און זי לייכט אודאי נישט. דערפאַר שטעהט דאָס וואָרט „בכסה" מיט א הא צום סוף אנשטאָט מיט אַן אלף, אָנצודייטען, אז די לבנה פאַרדעקט זיך, ווייל זי וויל נישט לייכטען. און ווי אזוי קריגט זי צוריק איהר ליכט? דורך תשובה און מיט'ן קול שופר, ווי דער פסוק זאָגט „אשרי העם יודעי תרועה, ה' באור פניך יהלכון", וועלכעס מיינט: אז וואויל איז דעם פאָלק, וואָס ווייסט צו בלאָזען שופר, ווייל זיי געהען דאן אינ'ם ליכט פון גאָט'ס פנים.

קען מען אפילו פרעגען, צי פאַרשטעהען דען נישט די אומות־העולם, ווי אזוי צו בלאָזען? פאַרמאָגען זיי דען נישט מאָסען הערנער, טראָמפייטען און טראָמפייטערער? אלא וואָס וויל אונז דער פסוק זאָגען? ער וויל אונז זאָגען, אז וואויל איז צו דעם

פאָלק, וואָס פאַרשטעהט מפייס צו זיין זייער בורא מיט דער שאַלונג פונ׳ם שופר!

און פאַרוואָס איז די לבנה אים ראש־השנה פאַרדעקט? ווייל ווען עס קומט ראש־השנה, קומט דער שטן פאָדערן ביי גאָט, ער זאָל משפט׳ן די אידען, לויט ווי עס קומט זיי, ווייל איהם דער אויבערשטער נישט גלויבען, וואָס ער דערצעהלט. זאָגט ער, אז ער וועט ברענגען עדות פאַר זיינע באשולדיגונגען. ברענגט ער מיט זיך די זון, וועלכע זעהט ווי אידען זינדיגען ביי טאָג, און ווען עס איז נישט גענוג דאָס עדות־זאָגען פון דער זון, געהט ער ברענ־גען די לבנה, וועלכע זעהט ווי אידען זינדיגען ביינאַכט. באַהאַלט זיך די לבנה, דער שטן זאָל זי נישט געפינען. און וואָס מיינט עס, אז די לבנה באַהאַלט זיך? ווי קען זיך דען די לבנה באַהאַלטען, מען זאָל זי נישט זעהען? איז דער תירוץ, אז זי געהט ארויף אויבען און זי באַהאַלט זיך הינטער׳ן רוקען פון דער שכינה.

פאַרשטעהען דערפון די אידען, זיי זאָלען צוגרייטען תפלות, דעם אויבערשטען מפייס צו זיין פאַר זייערע עבירות, ווייל תפלות זיינען ביים אויבערשטען חשוב׳ער ווי מצוות — און פון די תפלות מאַכט מען אויבען מטעמים פאַר דער שכינה, איז דאָס ביים אויי־בערשטען אזוי חשוב ווי קרבנות. און אזוי ווי מיר גרייטען דאָס אלעס צו לכבוד ראש־השנה, פאַרשטעהען מיר אויך, מיר זאָלען א בלאָז טהון אינ׳ם שופר, ווייל מיט׳ן שופר וועט דער אויבער־שטער צונויפנעהמען אלע אידען, ארויסצופיהרען זיי פונ׳ם גלות, פון אלע פיער עקען פון דער וועלט, ווי מיר זאָגען אינ׳ם דאַווענען: „תקע בשופר גדול לחרותנו ושא נס לקבץ גליותינו". דענקט דעמאָלט דער מקטרג, אז אנשטאָט וואָס ער האָט געוואָלט ארויס־באַקומען א הארבען דין אויף די אידען, איז גאָר פלוצלונג געקומען זיין יום־הדין, דערשרעקט ער זיך און ער אנטלויפט.

ר׳ אבא איז אמאָל געזעסען ביי די פיס פון ר׳ שמעון און ער האָט געזאָגט: „אָט האָב איך דיך שוין פיעל מאָל געפרעגט, וואָס דער ענין שופר איז און איך האָב נאָך ביז איצט נישט באַקומען די ריכטיגע תשובה!"

האָט איהם ר׳ שמעון געענטפערט, אז מען דאַרף נעהמען א האָרן פון א ווידער, נישט פון קיין אנדערער בהמה, ווייל דער האָרן פון א ווידער דערמאָנט אונז דעם ווידער, וואָס אברהם אבינו האָט מקריב געווען, ווען ער האָט יצחק׳ן געבראַכט אויף דער

„עקדה". שמעקט טאקע אין דעם די שטארקייט פון יצחק'ס זכות ביים אויבערשטען, גליך ווי עס איז אין דעם א לויב פאר די אבות.

און ווען עס הערט זיך דער קול פונ'ם שופר — האָט ר' שמעון ווייטער געזאָגט — און די מענשען טהוען תשובה אויף זייערע זינד, דערוועקט זיך די „מדת הרחמים" און זי פאר־שטארקט זיך איבער דער „מדת הדין", ביז די „מדת הדין" ווערד אין גאנצען אָפגעשוואכט.

מיט די דאָזיגע קולות פונ'ם שופר גיבען די אידען כח צו דער „מדת הרחמים". דארף מען דערפאר בלאָזען דעם שופר אונטען אויף דער ערד און מכוון זיין ביי די קולות, אז מיט'ן כח פונ'ם ערדישען שופר זאָל זיך אויבען אויפ'ן הימעל דערוועקען דאָס גרויסע רחמנות אויפ'ן פאָלק ישראל.

און אזוי ווי עס הערט זיך די ערשטע תקיעה, געהט זי ארויף אויבען און זי שלאָגט זיך דורך די וואָלקענס, ביז זי געהט אריבער די הייליגע ספירות און זי דערגרייכט צו אברהם אבינו, וואו זי בלייבט זיצען ווי א קרוין אויף זיין קאָפּ און עס שטראָמט אויף איהם דעמאָלט דאָס גרויסע ליכט פון דער אויבערשטער חכמה.

דערווייל קומט ארויף דער צווייטער קול פון די תקיעות, וועל־כער איז אזוי שטארק, אז ער צוברעכט דעם רוגז פון דער וועלט. און ווען ער קומט ארויף אויבען, ווערען די דינים צובראָכען אין שטיקלעך. קומט דאן דער קול צום אָרט פון יצחק, דערמאָנט זיך באלד די מעשה פון דער „עקדה".

עס דארף אויך דער תוקע אהין ווענדען צו אָט דעם ענין זיין הארץ און זיין מחשבה, צו צוברעכען מיט זיין בלאָז דעם כח פונ'ם דין.

דערנאָך געהט ארויף דער דריטער קול פונ'ם שופר, וועלכער שפאַלט אלע הימלען און די „מדת הרחמים" ווערד דערוועקט. דערגרייכט דער דאָזיגער קול צום קאָפּ פון יעקב. נעהמען זיי ביידע, אברהם און יעקב, יצחק'ן ביי די הענט, איינער ביי איין זייט און דער אַנדערער ביי דער צווייטער זייט, איהם צוצופיהרען צום „כסא הכבוד", וואו ער דארף בעטען גאָט, ער זאָל זיך צובויגען צום קול פונ'ם שופר און ער זאָל מוחל זיין אונזערע עבירות אינ'ם זכות פונ'ם ווידער, וואָס מען האָט מקריב געווען ביי דער „עקדה".

ר' ברכיה האָט אָנגעהויבען דרש'נען וועגען ראש־השנה און ער האָט אזוי געזאָגט:

דער שופר פון ראש־השנה

— דער נביא עמוס זאָגט: „אם יתקע שופר בעיר ועם לא יהרדו", מיינט דאָס, אז ווען דאָס פאָלק דערהערט דעם בלאָז פון'ם שופר, וועלכער איז א צייכען, אז דער שונא איז נאָהנט, מוז איטליכער פארציטערט ווערען. קען אויך דאָס גלייכניס געזאָגט ווערען מכח ראש־השנה, אז דער בלאָז פון'ם שופר איז אן אָנזאָג וועגען דער געפאהר, וואָס לאָקערט אויף די מענשען, ווייל דער אויבערשטער עפענט דעמאָלט די ספרים, וואו עס זיינען פארשריבען די מענשען און זייערע מעשים. ערוואַרטעט דאן איטליכער זיין אורטייל. און ווען די מענשען ווערען פארציטערט און עס ווערד צובראָכען זייער הארץ פון חרטה, איז זיי דער אויבערשטער מוחל די עבירות און עס ענדיגט זיך פאר זיי דער יום־הדין אָהן יעדער שטראָף. דער אויבערשטער וויל איבערהויפט גערן געבען דאָס לעבען צו די מענשען, ווייל נור לעבעדיגע מענשען קענען איהם אָפגעבען א לויב און באוואונדערען זיין גרויסקייט, ווי דער פסוק זאָגט: „לא המתים יהללו יה ולא כל יורדי דומה".

אַ שפּריצעל פון אַ געדאַנק לכבוד ראש־השנה

וואָס דער פסוק זאָגט: „אם יום או יומים יעמוד, לא יוקם כי כספו הוא" (שמות כ"א), האָט א געוויסער בעל־דרשן אויס־געטייטשט, אז דאָס געהט אויף די ספּעציעלע ימים־נוראים'דיגע שוהל־אידען און ער האָט געזאָגט: „אם יום או יומים יעמוד", ווען אזא מין איד שטעהט אין שוהל בלויז אינ'ם טאָג פון יום־כפור, אדער אויך אין די צוויי טעג ראש־השנה, „לא יוקם", וועט דאָס אידישקייט ביי איהם נישט קיין קיום האָבען, „כי כספו הוא", ווייל אזא שטייגער איד קומט אין שוהל אריין בלויז צו בעטען אויף געלד — און יעדע אנדערע זאַך געהט איהם גאָר נישט אָן.

דער לעצטער „אבינו מלכנו״

אלע „אבינו מלכנו׳ס״ ווערען געוועהנליך געזאָגט הויך מיט א ברען. קומט מען אָבער צום לעצטען „אבינו מלכנו״, ווערד ער שוין געזאָגט אין דער שטיל. איז א קשיא: פאַרוואָס? איז דאָס אפשר צוליעב דעם, וואָס מיר האָבען זיך אָפּגעמוטשעט מיט די אנדערע „אבינו מלכנו׳ס״ און מיר זיינען שוין געבליבען אהן כחות?

האָט דער דובנא׳ר מגיד אויף דעם געזאָגט, אז דאָס איז דערפאַר, וואָס מיר געפינען זיך בײַ אָט דעם לעצטען „אבינו מלכנו״ אין דערזעלבער לאַגע, וואָס א קליינער סוחר קומט אמאָל אריין אין א האָלסייל־געשעפט און ער גיט דאָרט אָן אָרדער אויף כל־ערליי סחורות. פאַרען זיך די משרתים ארום איהם און זיי האַלטען אין איין פרעגען: „אפשר נאָך עפּיס?״ — און דער סוחר לאָזט זיך נישט בעטען און ער שאָקעלט כסדר מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ.

ערשט ווען אַלעס איז שוין ערלעדיגט און מען דערלאַנגט די רעכנונג, רופט דער סוחר אוועק דעם איינגענטימער אין א ווינקעל און ער רוימט איהם איין אויף׳ן אויער, אז ער האָט נישט בײַ זיך קיין מזומן געלד, דעם חשבון צו באצאָהלען, ער קען אָבער געבען א וועקסעלע, די רעכנונג צו דעקען...

דאָס נעמליכע איז אויך מיט אונז. פריהער שטעלען מיר זיך אוועק ווי יענער סוחר און מיר רופען אויס הויך אויף׳ן קול, אָנווייזענדיג אויף די פּאָליצעס מיט די פארשיעדענע מיני סחורות: „אבינו מלכנו״, זיי אזוי פריינדליך און היים אונז געבען אָט דאָס שטיקעלע שטאָף מיט דער מארקע פון „חדש עלינו שנה טובה!״ — „אבינו מלכנו״, גיב אונז א ביסינקע „גאולה וישועה״! — „אבינו מלכנו״, מיר ווילען א פּעקיל „פרנסה וכלכלה״! — „אבינו מלכנו״, מיר דארפען א „רפואה שלמה לחולי עמך״! — „אבינו מלכנו״, מיר ווילען א גרויסע פּאַרציע „סליחה ומחילה״!

ערשט ווען דער גאַנצער אָרדער אונזערער איז שוין פארטיג, לאָזען מיר ארונטער דעם קאָפּ און מיר זאָגען שטילערהייד: „אבינו

מלכנו", טאטע הארציגער, „חננו ועננו", האב נישט פאראיבעל „כי אין בנו מעשים", וואס מיר האבען נישט קיין מזומן צו באצאהלען פאר דעם אלעמען, „עשה עמנו צדקה וחסד", מוזט אונז געבען אויף קרעדיט. מיר קענען דיר בלויז געבען א וועקסעלע, אז מיר וועלען זיך וועהרענד דעם יאהר סטארען, צו באצאהלען !...

„לקונה עבדיו בדין"

וואס מיר זאגען אין דער תפלה „לאל עורך דין": „לקונה עבדיו בדין, לרחם עמו ביום דין", האט ר' משה ליב סאסאווער אויף פאלגענדען אופן אויסגעטייטשט:

ס'איז אן אנגענומענער כלל אין דער גמרא, אז „כל הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו" (קדושין דף כ' עמוד א'), ווייל קוים האט זיך איינעם פארגלוסט, צו קויפען אן „עבד עברי", איז ער מחויב, צו פארזארגען איהם מיט אלעמען, מקיים צו זיין דעם פסוק „כי טוב לו עמך". דער באלעבאס טאר נישט עסען ברויט פון געבייטעלטען מעהל, ווען ער גיט דעם עבד גראב מעהל; דער באלעבאס טאר נישט טרינקען אלטען וויין, ווען ער גיט דעם עבד נייעם וויין; דער באלעבאס טאר נישט ליגען אויף פאכענע פעדערען, ווען ער לייגט דעם עבד אויף שטרוי. און תוספות ברענגט דארט אויף'ן נאמען פונ'ם ירושלמי, אז ווען דער באלעבאס פארמאגט אפילו נישט מעהר ווי איין קישען צו־קאפענס, מוז ער עס אוועקגעבען צום עבד.

טענה'ן מיר דערפאר צום רבונו־של־עולם: „לקונה עבדיו", קוים האסטו אונז געקויפט אלס „עבדים", ווי דו האסט אמאל ערקלערט „כי עבדי הם", אז אידען זיינען דיינע עבדים, איז „בדין", מוזטו זיך אקעגען אונז פיהרען לויט'ן דין, דהיינו: „לרחם עמו", צו האבען אויף אונז רחמנות, ווי דער דין איז, אונז צו פארזארגען מיט אלע אונזערע הצטרכות'ן.

א מסירה אויף'ן „מלך אביון"

זאָגענדיג אינ'ם ימים-נוראים'דיגען מחזור דעם פיוט „מלך עליון", צו וועלכען עס ווערד געעפענט דער ארון-קודש און דער חזן ציקעלט זיך דאביי מיט זיינע משוררים, ווערד פלוצים בעפאַר דער ענדע פונ'ם פיוט שטיל, פאר א רגע ווערד דער ארון-קודש פאַר-מאַכט און דער עולם טהוט עפּיס א מורמעל אונטער דער נאָז ווענגען א „מלך אביון", ביז דער חזן רופט ארויס פלוצים אין דער הויך: „אבל מלך עליון"...

איז אַמאָל ווענגען דעם דאָזיגען „מלך אביון" געווען א גרויסע מהומה אין דער אידישער גאַס אין רוסיש-פוילען, וואו עס האָט א חברה מוסרים מיט אריבער נייַנציג יאָהר צוריק דערצעהלט צו דער רוסישער רעגירונג, אז אין די אידישע תפלות פון די „ימים נוראים" רופען די אידען דעם רוסישען צאַר מיט א צונעמעניש „מלך אביון".

נור לאָמיר דאָ איבערגעבען דאָס דאָזיגע געשעהעניש כסדר:

געווען איז דאָס נאָך'ן דורכגעפאַלענעם פוילישען „מיאַטעזש" פון 1831 — איז די צענזור פאר פוילען שטאַרק פאַרשאַרפט גע-וואָרען. די באַאמטע פון דער רוסישער רעגירונג האָבען דאַן אלס-דינג חושד געווען, אז עס איז געווענדעט געגען רוסלאַנד און דער צענזאָר האָט אָהן רחמנות געשטראָכען און געמעקט ביי יעדער דרוק-זאַך, ווי וויט ער האָט נור געקענט.

און ערגער ווי ביי פוילישע דרוק-זאַכען איז דאַן געווען די צענזור אויף אידישע ספרים, ווייל עס איז דאָ נאָך צוגעקומען די שנאה צו אידען און דער פאַקט, וואָס מען האָט די דאָזיגע ספרים נישט פאַרשטאַנען, האָט מען דערפאַר אין יעדען אידישען וואָרט געזעהן א שונא.

די רוסישע רעגירונג איז אויך געווען איבערצייגט, אז די אי-דישע ספרים זיינען פול שנאה צו קריסטען און זיי זיינען אָנגעפּיקע-וועט מיט מיינונגען, וואָס זיינען שעדליך פאַר דער גאַנצער קריסט-ליכער באַפעלקערונג. האָט מען דאדורך שיקאַנירט די אידיש-גע-דרוקטע ספרים אויף'ן שרעקליכסטען אופן.

א מסירה אויף'ן „מלך אביון"

אלס צענזאָר פאַר העברעאיש איז דאַמאָלס געווען אין וואַרשאַ — דער משומד טשערסקער און אלס געהילף האָט ביי איהם געדינט דער באַוואוסטער השכלה־טוער יעקב טוגענדהאָלד.

דער דאָזיגער יעקב טוגענדהאָלד איז עטליכע יאָהר נאָך זיין חתונה אנטלאָפען פון דער פוילישער שטעדטעל דזיאלאָשיץ קיין ברעסלוי און ער איז דאָרט אריינגעטרעטען אין גימנאזיום. דערנאָך האָט ער דורכגעמאַכט אלע „שבעה מדורי גיהנום" פון א דאַמאָלס־דיגען „משכיל" און ער האָט זיך אויך אָנגעזאפּט מיט דער אידישער אויפקלערונג פון דייטשלאַנד. דאָס האָט איהם דאַן געבראַכט צו'ן א פאַרגעטערונג פון משה מענדעלסאָן און ער האָט איבערזעצט זיין „פעדאָן" אויף פויליש. ער האָט אויך חוץ דעם איבערזעצט אין פויליש דעם ספר „בחינת עולם" פון ר' ידעיה הפניני און דעם ספר „תשועת ישראל" פון מנשה בן ישראל. און אזוי ווי ער האָט געקראָגען זיין וועלטליכע בילדונג אין פּרייסען, איז ער געווען א שטאַרקער פּאַטריאָט פון אן אבסאָלוטיסטישער מלוכה־אָרדנונג און ער האָט זיך קיינמאָל נישט דערוואַרעמט פאַר דער באַפרייאונג פונ'ם פוילישען „פּאַטערלאַנד".

פאַר'ן בוי פון א מאָנומענט צו עהרען פון צאַר אלעקסאַנדער דעם ערשטען האָט טוגענדהאָלד מנדב געווען עטליכע הונדערט פּוילישע גילדען, און חאָטש ער האָט געשריבען פויליש און ער האָט געוואָלט פאַרפּוילישען אלע אידען, איז ער פון דעסטוועגען געווען א געגנער פון יעדער פויליש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דערפאַר האָבען די רעוואָלוציאָנערען פון 1863 חרוב געמאַכט זיין וואוינונג און פאַרוואונדעט זיינס א קינד.

איז דער דאָזיגער טוגענדהאָלד געווען גאָר א גרויסער מחמיר אין די ענינים פון דער אידישער צענזור. ער איז אפילו אזוי וויט געגאַנגען, וואָס ער האָט געפאָדערט, אז אפילו אזעלכע ספרים, וואָס זיינען שוין אין רוסלאַנד צענזורירט געוואָרען, זאָלען מוזען נאָך אמאָל דורכגעהן די צענזור אין וואַרשאַ. אָבער טראָץ די דאָזיגע חומרות, וואָס ער האָט מחדש געווען אין זיין אמט, האָט ער כסדר געלעבט אין א שרעקליכער מורא פאַר מסירות פון זיינע שונאים.

דער גרעסטער געגנער זיינער איז געווען דער הויפּט־צענזאָר טשערסקער, וועלכער האָט זיך אָהן אויפהער באַמיהט, צו באַפלעקען טוגענדהאָלד'ס רעפּוטאַציע ביי דער רוסישער רעגירונג, כדי איהם

ארונטערצוזעצען פון זיין אמט. און חוץ טשערסקער האָט ער נאָך געהאַט אַנדערע שונאים, הויפּטזעכליך איז עס געווען דער דירעק־טאָר פון דער וואַרשאַ'ר ראבינער־שולע, אַנטאָני אייזענבוים מיט זיין איידעם פּאפּראַצקי, וועלכע האָבען כסדר געזוכט מיטלען, ווי אזוי טוגענדהאָלד'ן צו שעדיגען מיט כל־ערליי מינדליכע און שריפטליכע מסירות.

האָט טוגענדהאָלד דערפאַר שטענדיג געמוזט זיין פאָרזיכטיג ביים צענזורירען, אויסצושטרייכען די כשר'סטע זאַכען, זיינע שונאים זאָלען זיך נישט קענען אָנחאַפּען ביי וועלכער ס'איז צווייד־יטיגקייט און אויסנוצען עס אלס א געוועהר געגען איהם.

אָט אזא מסירה וועגען דעם באַוואוסטען ספר „שבט יהודה" האָט דאָן שיער נישט געהאַט זעהר טרויעריגע פאָלגען פאר טוגענד־האָלד'ן. אלס צענזאָר האָט ער (אין 1841) געגעבען זיין ערלויבניס צו דרוקען דעם „שבט יהודה". און ווען דער ספר איז שוין געווען פאַרטיג אָפּגעדרוקט, האָבען אייזענבוים און פּאפּראַצקי אריינגע־געבען א געהיימע מסירה, אז דער „שבט יהודה" אַנטהאַלט שטעלען, וואָס זיינען געגען דעם כבוד פון קייזער און געגען דער קריסטליכער אמונה. אזוי זאָגט דאָרט, למשל, דער שפּאַנישער קעניג אלפאָנזאָ, אז די אָפּשטאַמונג פון קריסטוס איז נישט קיין קלאָרע און ער וואונ־דערט זיך, ווי אזוי דער אויבערשטער האָט געקענט מקריב זיין דעם אייגענעם זוהן זיינעם פאר די חטאים פון דער וועלט. דעסגלייכען ווערד דאָרט דערצעהלט, אז אין פראַנקרייך האָט זיך דער גלח פון דער קעניגין פאַרליבט אין א אידישער מיידעל און ער האָט זיך מגייר געוועזן.

מיט אזעלכע און עהנליכע מעשיות — האָבען די מוסרים אָנגע־געבען — ווערד געלעסטערט די קריסטליכע אמונה, איבערהויפּט ווען א קעניג רעדט דאָרט ווי אן „אפּיקורס", ווי עס פּאַסט גאָר נישט פאַר א מאָנאַרך.

אין די רוסישע רעגירונגס־קרייזען האָט די דאָזיגע מסירה גע־מאַכט א שטאַרקען איינדרוק. א צייט לאַנג האָט מען זי געהאַלטען בסוד. דערנאָך האָט מען באַפוילען טשערסקער'ן ער זאָל ארויסזאָגען זיין מיינונג וועגען דעם. האָט זיך טשערסקער נישט געפוילט און ער האָט אין גאַנצען באַשטעטיגט אַלע באַשולדיגונגען. האָט עס דאָן געהאַלטען אזוי ווייט, אז מען האָט אַזש געוואָלט פאַרניכטען די גאַנצע אויפלאַגע פונ'ם ספר „שבט יהודה" און קאָנפיסקירען טו־

א מסירה אויף'ן „מלך אביון"

גענדהאָלד'ס פאַרמעגן, אויף צו באַצאָהלען דערמיט דעם דרוקער זיין היזק. דערצו האָט מען נאָך געוואָלט אַרונטערזעצן טוגענדהאָלד'ן פון זיין שטעלע און פאַרפיהרען געגען איהם א פּראָצעס פאַר פאַר־נאַכלעסיגען זיין אמט.

„נאַמיעסטניק" אין וואַרשאַ איז דאַן געווען פּאַסקיעוויטש, וועל־כער איז געווען א פריינד פון טוגענדהאָלד'ן צוליב זיין שטעלונג צו דער רוסישער רעגירונג און געגען א פּוילישע רעוואָלוציע. האָט ער געהאָלפען ריינוואַשען טוגענדהאָלד'ן פון יעדען חשד און די מוסרים זיינען געבליבען מיט א נאָז.

אין אַזאַ מין אַטמאָספערע פון חשדים און מסירות איז אין זומער 1845 אָנגעגעבען געוואָרען די מסירה געגען דעם „מלך אביון" פון'ם ימים־נוראים'דיגען דאַווגען. מיט אָט דער נייער מסירה האָט מען אויך געוואָלט טרעפען טוגענדהאָלד'ן, ווייל ער האָט ער־לויבט צו דרוקען דעם מחזור. אָבער פון די פאָלגען, וואָס די דאָזיגע מסירה האָט געהאַט, האָט שיער נישט געהאַט צו ליידען דער גאַנצער כלל־ישראל אין רוסיש־פּוילען.

די מוסרים האָבען זיך באַקלאָגט ביי דער מאַכט, אַז ווען אידען זאָגען דעם פּיוט „מלך אביון" פון די ימים־נוראים, מיינען זיי נישט קיין אַנדערען ווי צאַר ניקאָלאַי. די אידען מאַכען דאָרט פּשוט חוזק פון'ם מאָנאַרך, וועלכען זיי האַלטען פאַר מאַכטלאָז, ווען עס האַנ־דעלט זיך וועגען אידען.

מען קען זיך אַלזאָ פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַן איינדרוק אַזאַ מין מסירה האָט געמאַכט אויף די רוסישע טשינאָווניקעס, וועלכע האָבען ערנסט געגלויבט, אַז די אידען מאַכען חוזק אין זייער דאַוו־נען פון'ם צאַר. האָט מען שוין נישט געהאַט מעהר אין זינען דעם צענזאָר אָדער די מחזורים — און אָהן א באַזונדערער אונטערזוכונג האָט מען באַשלאָסען, די דאָזיגע תפלה צו פאַרניכטען. אין גאַנץ רוסיש־פּוילען האָט מען געוואָלט אוועקנעהמען ביי אַלע אידען די מחזורים, ברענגען זיי קיין וואַרשאַ און דאָ זאָל מען אַרויסרייסען אַלע בלעטער מיט דעם „מלך אביון". די הוצאות דערפון זאָלען דאַן מוזען דעקען די אידישע קהלות.

אַזאַ מין באַפעהל האָט שוין געזאָלט פאַנאַנדערגעשיקט ווערען דורך דער אינערן־קאָמיסיע איבער דער גאַנצער פּראָווינץ. איז דער־ווייל טוגענדהאָלד געוואויר געוואָרען פון דער גאַנצער מעשה און עס האָט זיך איהם קודם־כל איינגעגעבען, צו איבערצייגען די מאַכטהאָ־

נייע האָריזאָנטען

בער וועגען דער אמת'ער באדייטונג פון יענעם פיוט. אין א גרוי־סען „מעמאָריאל" האָט ער דאן אויפגעקלערט דעם צוזאמענהאנג פונ'ם „מלך אביון" מיט די אנדערע פסוקים פון דעמזעלבען פיוט און אז די גאנצע זאך האָט גאָר נישט צו טהון מיט'ן רוסישען צאַר.

די השתדלות זיינע האָט אויך געהאט די געווינשטע ווירקונג און די גזרה וועגען צונעהמען די מחזורים און פארניכטען דעם „מלך אביון", איז בטל געוואָרען. אָבער אין די שפּעטערדיגע אויס־גאבען פון די מחזורים אין פּוילען האָט מען געדאַרפט צודרוקען ביים „מלך אביון" א באמערקונג פונ'ם צענזאָר וועגען דער באדייטונג פון דעם דאָזיגען פיוט.

טוגענדהאָלד אליין דערצעהלט וועגען דער דאָזיגער מסירה, אז דער רעדאקטאר פון דער פּוילישער צייטונג „פּוסטעלניק", ווילא־נאָווסקי, א גוי, וועלכער האָט זיך שטארק משתדל געווען וועגען קאָנ־פיסקירען די מחזורים און ארויסרייסען דעם „מלך אביון", איז אים יום־כפור פון דעמזעלבען יאָהר, בשעת די אידען האָבען געדאַווענט אין די שוהלען און ער האָט מיט די אייגענע אויערען געהערט, ווי זיי זאָגען דעם „מלך אביון", קראנק געוואָרען און אין עטליכע שעה ארום איז ער געשטאָרבען.

אונזער ארומשפרינגען ביים דאַוו־
נען איז דעם אויבערשטען ליעב

אויף'ן פסוק „ודגלו עלי אהבה" (שיר השירים קאפיטעל ב' פסוק ד') דרשנ'ט דער מדרש רבה, אז דער פסוק וויל דאָ זאָגען „ודלוגו עלי אהבה", וועלכעס מיינט, אז אפילו דאָס ארומשפרינגען פונ'ם איד איז דעם אויבערשטען ליעב און אן אנדערער וויל זאָגען „ולגלוגו עלי אהבה", אז אפילו דאָס קינדערשע פלאַפלען פונ'ם איד איז דעם אויבערשטען ליעב.

האָט זיך אמאָל געטראָפען, וואָס א מתנגד'שער רב איז געקומען צו'ן א חסידישען רבי'ן, האָט ער דאָרט געזעהען, ווי די חסידישע מתפללים לויפען ארום ביים דאַוונען אהין און צוריק ווי אויף א יריד און די ווערטער, וואָס זיי זאָגען, קומען ביי זיי ארויס צודרעהט און צוקריפעלט. פארדריסט דאָס דעם מתנגד'שען רב, געהט ער צו צו עטליכע פון די מתפללים און ער טהוט צו זיי א זאָג:

— נישט געדאכט זאָל ווערען אזא דאַוונען! איהר פארקריפעלט מיט אייער עברי יעדעם וואָרט און אָנשטאָט א לויב צו השם יתברך, איז אייער צודרעהטע עברי פראָסטע פשוט א חירוף וגדוף כלפי מעלה!...

האָט דאָס יענער חסידישער רבי געהערט און ער האָט א זאָג געטהון:

— נעמט עס נישט פאר אומגוט, ווען איך וועל אייך זאָגען, אז איהר זענט נישט גערעכט. אויף'ן פסוק „ודגלו עלי אהבה" דרש'נט דער מדרש, אז מען דארף זאָגען „ודלוגו" אָדער „ולגלוגו", וועלכעס מיינט, אז דער אויבערשטער האָט ליעב אונזער דאַוונען, אפילו ווען מיר שפרינגען ארום דאביי אָדער מיר פלאַפלען נישט על פי דקדוק. משל למה הדבר דומה? צו'ן א קינד, וואָס שפרינגט ארום אָדער עס פלאַפעלט און טאַטע־מאַמע קוועלען דערפון. די גרעסטע חכמים אין דער וועלט קענען אמאָל נישט פארשטעהען דאָס קינ־דערשע לשון, אָבער טאַטע־מאַמע פאַרשטעהען עס, אפילו ווען עס

נייע האָריזאָנטען

פלאפעלט אומפארשטענדליכע ווערטער. דאָסזעלבע איז ביי אונז אידען, וואָס מיר זיינען „בנים למקום", דעם אויבערשטען'ס קינדער, פארשטעהט אונז טאַקי אונזער טאַטע אין הימעל און ער ווייסט, וואָס מיר ווילען...

נאָך א געדאַנקען-שפריצעל

וואָס מיר זאָגען אין אונזער תפלה: „באין מליץ יושר מול מגיד פשע תגיד ליעקב דבר חק ומשפט", האָט דער רבי ר' בונם פשיסכער אויסגעטייטשט, אז דאָס מיינט: אויב עס געפינט זיך נישט קיינער, וואָס זאָל אויף אונז ממליץ זיין, נור אלע זיינען מקטרג און שרייען „הייב!", דאן איז „תגיד ליעקב דבר חק ומשפט", מוז זיך דעמאָלט דער רבונו של עולם מיט אונז באַגעהען לויט'ן דין פון דער גמרא, אז „סנהדרין שראו כולם לחובה, פוטרין אותו" (סנהדרין דף י"ז עמוד א'). דערפאַר בעטען מיר „וצדקנו במשפט", ווייל ווען מיר האָבען נישט גאָר קיין מצוות, וואָס זאָלען אונז גע־רעכט מאַכען ביים משפט, קומט אונז אויף אזא אופן על פי דין, מיר זאָלען ארויסגעהען פונ'ם משפט אין גאנצען ריין און גערעכט...

„כל נדרי"

או אומאויסשפרעכליכעם געפיהל לייגט זיך ביי אונז אויף דער נשמה און עס צוטרייסעלט אלע אונזערע נערוועו, ווען מיר באקומען צו הערען די נגינה פון „כל נדרי". עס דאכט זיך אונז דאן, אז מיר הערען דערביי די קרעכצען פון לאנגע דורות מארטירער, וואס האבען אויסגעהויכט זייער נשמה אין די שרעקליכסטע יסורים אין די זיל־בער־מינען פון דער אלטער רוימישער אימפעריע, אויף די שייטער־הויפענס אין שפאניען, אונטער דער ברענענדיגער זון פון די אפרי־קאנער מדבריות אדער אונטער די מערדערישע העק פונ'ם צוואנ־ציגסטען דייטשען מאב.

נישט די ווערטער פון דער דאזיגער תפלה האבען פאר אונז די גרויסע צוציהונגס־קראפט, חאטש די נאכט מיט איהר גאנצער הייליגקייט האט פון איהר דעם נאמען. מיר ווייסען אפילו נישט, ווער עס האט דעם „כל נדרי" אוועקגעשטעלט ביים אנהויב פונ'ם יום־כפור'דיגען דאווענען.

מבינים זאגען, אז דער נגון פון „כל נדרי" איז געבויעט אויף אן אלטען דייטשען קירכענגעזאנג צו קאפיטעל ק"ל פון תהלים (ממעמקים קראתיך). איז עס אפשר גיכער אנצונעהמען, אז ווען די קירכע האט געוואלט אויסדריקען איהר „ממעמקים קראתיך", האט זי אדאפטירט אונזער נגון.

דעם אמת זאגענדיג, פיהל איך נישט אין דער נגינה פון „כל נדרי" דעם גייסט פון „ממעמקים קראתיך", נור די בענקעניש פון דער אידישער נשמה צו דער שכינה. איך הער דארט אין יענער תפלה דעם אפקלאנג פון „צמאה לך נפשי, כמה לך בשרי". לויט ווי איך פיהל, האט דער מחבר פון דער דאזיגער נגינה געוואלט אויס־דריקען, ווי די כנסת־ישראל גארט צו'ן א באהעפטונג מיט דער געט־ליכער שכינה, וועלכע דערווייטערט זיך יעדעס מאל מעהר פונ'ם אידישען פאלק, גלייך ווי עס דערווייטערט זיך אמאל א געליבטער פון זיין געליבטע. און ווען דאס פאלק זעהט, ווי די שכינה דער־ווייטערט זיך און זי וויל זיך נישט צובויגען צו דער כנסת־ישראל,

נייע האָריזאָנטען

ווערד דער געשריי העכער און די בענקעניש שטאַרקער, עפּיס נור ווי מען וואָלט גערן געפרעגט: „פּאַר־וואָס, גאָטוניו, שטעהסטו פון וויטען און דו באַהאַלטסט זיך אין דער צייט פון אונזער נויט?״

אַט אַזוי קלינגט אין אונזערע אויערען דער קרעכץ פון דער בענקענדיגער נשמה מיט איהרע טענות צום אויבערשטען, ביז ער פאַרענדיגט זיך אין אַן עקסטאַטישען אויסגעשריי — און עס דאַכט זיך, אַז מען הערט, ווי דער אויבערשטער זאָגט: „סלחתי כדבריך!״...

געגען דעם ווילען פון די עלטסטע רבנישע אויטאָריטעטען האָט מען דעם „כל נדרי״ אריינגענומען אין אונזער מחזור. פּיעלע און פאַרשיעדענע גאונים האָבען אַטאַקירט דעם אינהאַלט פון דער דאָזי־גער תפלה און אין פאַרשיעדענע צייטען האָט מען אונז צוליעב איהר געמאַכט א בלבול, אַז מיר נעהמען זיך חלילה פון איהר א היתר, פאַלש צו שווערען. רב עמרם גאון רופט דאָס זאָגען די דאָזיגע תפלה א „מנהג שטות״, חאָטש ער האָט זי אריינגענומען אין זיין סדור.

דער אינהאַלט פון „כל נדרי״ איז א פּשוט׳ע „מסירת מודעה״ וועגען אַלע מיני נדרים, וואָס דער מענש וועט טהון אין פאַרלויף פון׳ם קומענדען יאָהר, אַז מען איז זיי אין פאָראויס מבטל. אין אמת׳ן האָט נישט דער גאַנצער ענין קיין שייכות צו די תפלות פון יום־כפור — און עס איז אויך שווער צו וויסען דעם טעם, וואָס מען האָט דאָס עפּיס דאָ אהער אריינגענומען, גלייך ווי מען ווייסט נישט, ווען דאָס איז פאַרפאַסט געוואָרען און ווער עס איז געוועזען דער ערשטער, דאָס אריינצונעהמען אין די תפלות.

מען איז זיך בלויז משער, אַז דער „כל נדרי״ איז פאַרפאַסט געוואָרען אין אָנהויב צייט פון די גאונים, וועלכע זיינען דאַן ארויס־געטרעטען דאַגעגען מיט אַלער קראַפט (זעה ספר ההלכות פון ר׳ יצחק אבן גיאת, חלק א׳ עמוד ס׳ און ספר „ארחות חיים״ פון ר׳ אהרן הכהן מלוניל דף ק״ה). אזוי ווי עס האָט אָבער אַלע געגנער גע־פעהלט דער כח, דאָס מבטל צו זיין, האָט רבנו תם אריינגעבראַכט אַן אויסבעסערונג אינ׳ם לשון, אַז אַנשטאָט „מיום כפורים העבר עד יום כפורים זה״, זאָל מען זאָגען „מיום כפורים זה עד יום כפורים הבא״ (זעה ספר הישר סי׳ קמ״ד).

אזוי האָט אויך ר׳ מרדכי יפה (דער בעל הלבושים) געהאַט טענות צום אומגראַמאַטיקאַלישען לשון פון „כל נדרי״, וואו עס איז אויסגעמישט דער עבר מיט׳ן עתיד און דער לשון יחיד מיט׳ן

„כל נדרי"

רבים. זאָגט ער וועגן דעם: „רוב נוסח של כל נדרי, אשר נדפס במחזורים, אין בו ממש ואין לו שום פירוש אלא הנגון בלבד" (זעה לבוש או"ח סי' תרי"ת).

דער לשון פון „כל נדרי" איז אין מנהג אשכנז גלייך ווי אין מנהג ספרד אין אראמיש, אָבער אין מנהג איטאליאני, אזוי ווי אינ'ם „סדור רב עמרם גאון" גלייך ווי אין אנדערע כתבים פון די „גאונים", וואָס האָבען געלעבט מיט ארום 11 הונדערט יאָהר צוריק, איז ער אין העברעאיש — און דער נוסח זיינער איז דאָרט ווי פאָלגט: „כל הנדרים ואיסורים ושבועות וקיומין וחרמין, שנדרנו ושאסרנו והשחרמנו ושנשבענו על נפשנו בשבועה מיום הכפורים העבר עד יום הכפורים הזה, בכלם חזרנו ובאנו לפני אבינו שבשמים, אם נדר נדרנו, אין כאן נדר, אם שבועה נשבענו, אין כאן שבועה, אם קיום קיימנו, אין כאן קיום, בטל הנדר מעיקרו, בטלה השבועה מעיקרה, בטל הקיום מעיקרו, אין כאן לא נדר ולא איסור ולא חרם ולא שבועה ולא קיום, אבל יש כאן מחילה וסליחה וכפרה ככתוב בתורתך ונסלח לכל עדת בני ישראל"...

ר' מאיר מראָטהענבורג האָט איינגעפיהרט דאָס אויסרופען בע־פאָר „כל־נדרי": „על דעת המקום וכו' אנו מתירים להתפלל עם העבריינים", איז עס פאַלש אָנצונעהמען, אז מען האָט דאָס געמאכט פאַר די שפּאנישע „מאראנען", ווייל ר' מאיר מראָטהענבורג (דער מחבר פון אָט דעם מנהג) איז געשטאָרבען פונקט 200 יאָהר בעפאָר גלות שפּאניען. מוז מען דערפאר זאָגען, אז ער האָט מיט זיין תקנה געמיינט, מען זאָל מעגען דאוונען צוזאמען מיט יענע פושעים, וואָס האָבען וועהרענד דעם יאָהר עובר געווען אויף די תקנות פון זייערע קהלות, פאר וועלכען זיי זיינען דאן אריינגעלייגט געוואָרען אין חרם. די שפּאנישע „מאראנען" זיינען איבערהויפּט געווען „אנוסים" (גע־צוואונגען צו זינדיגען), נישט קיין „עבריינים", וועלכעם באצייכענט אזעלכע מענשען, וואָס זיינען נישט ארויס פונ'ם דת, נור זיי טהון עברות ווילענדיג, אָדער גאָר אומבאוואוסט.

דער יסוד פאר „כל נדרי" איז וואהרשיינליך אין דעם, וואָס די גמרא זאָגט: „הרוצה שלא יתקיימו נדריו כל השנה, יעמוד בראש־השנה ויאמר כל נדר שאני עתיד לידור, יהא בטל" (נדרים דף כ"ג עמוד ב'). זאָגט וועגען דעם רב נטרונאי גאון: „אין נוהגין לא בשתי ישיבות ולא בכל מקום, להתיר נדרים, לא בראש השנה

ולא ביום הכפורים, אלא שמענו שבשאר ארצות אומרים כל נדרי, אבל אנו לא ראינו ולא שמענו מרבותינו ז״ל״.

עהנליך צו דעם זאָגט דער רמב״ם: „יש מן הגאונים שאומרים, כי אין תנאי קודם מבטל מה שאסר לעצמו לאחר מכן״.

איז דערפון געדרונגען, אז דאָס זאָגען „כל נדרי״ איז נישט געווען אָנגענומען בכל תפוצות ישראל און עס האָט געהאט פיעלע געגנער. האָט מען אמאָל געזאָגט „מיום כפורים העבר עד יום כפורים זה״, האָבען די גאונים געהאט א טענה, אז מען קען נישט בטל מאַכען נדרים פון דער פאַרגאַנגענהייט — און האָט מען איינגעפיהרט צו זאָגען „מיום כפורים זה עד יום כפורים הבא״, האָט דער „כל בו״ (אין סימן ס״ח) געהאט א טענה „מה מועלת ההתרה למי שמתנה לאחר נדרו שיהא בטל?״ און ער פאַרענדיגט דאָרט: „שאין למנהג הזה שום שורש, שאין מבטלין הנדרים בכך ואין בו ממש״.

האָבען דערפאַר מאנכע גאונים געהייסען זאָגען: „מיום כפורים העבר עד יום כפורים זה ומיום כפורים זה עד יום כפורים הבא״ — און וואָס די גמרא זאָגט „יעמוד בראש השנה״ און מיר זאָגען דעם „כל נדרי״ אים יום־כפור, האָבען דאָס די חכמי התוספות ערקלערט מיט די ווערטער: „אשכחן דיום־כפורים נקרא ראש־השנה וביחזקאל כתוב בראש־השנה בעשירי בחודש״.

דערוויל האָט מען אויך מורא געהאט, אז עמי־ארצים וועלען זיך ערלויבען צו מיינען, אז אויב מען קען מבטל זיין אלע נדרים און שבועות, דאַרף מען נישט צולייגען קיין שום באדייטונג צו׳ן א נדר און מען האָט אויך נישט קיין עברה, ווען מען איז אמאָל גע־צוואונגען צו׳ן א פאַלשער שבועה.

סוף דבר הכל איז, אז דער עיקר ביי „כל נדרי״ איז די נגינה, איז דערפאַר נישט וויכטיג, וואָס מען זאָגט און ווי אזוי מען זאָגט עס. דער נגון פון „כל נדרי״ איז אליין פאר זיך א דערהויבונג פאַר דער אידישער נשמה. איטליכער מעג פון איהם ארויסהערען, וואָס ער וויל און ווי וויט זיין נשמה איז צו דעם מסוגל, ווען עס שטימט אפילו נישט מיט אונזערע היסטאָרישע ידיעות.

עברות געגען פאָלק

(פאר יום־כפור)

צוויי־ערליי עברות דערמאָנט די גמרא, וואו עס ווערד גערעדט וועגען יום־כפור. איינע זיינען די עברות פונ׳ם מענש געגען גאָט (עברות שבין אדם למקום), די אנדערע זיינען עברות פון מענש געגען מענש (עברות שבין אדם לחברו). זאָגט דאָרט די גמרא, אז די עברות, וואָס דער מענש באגעהט געגען גאָט, איז יום־כפור מכפר, אָבער די עברות, וואָס איין מענש באגעהט געגען אן אנדערן, איז יום־כפור נישט מכפר, סיידען דער זינדיגער געהט דעם אנדערן איבערבעטען (יומא דף פ״ה עמוד ב׳).

פאַרהאַנען אָבער נאָך איין מין עברות, וואָס די גמרא דער־מאָנט נישט און עס קימערט זיך אויך נישט קיינער וועגען זיי, האָטש זיי זיינען אפשר הארבער ווי אלע אנדערע עברות — און דאָס איז די עברות געגען דעם כלל פונ׳ם פאָלק.

אָט די עברות, וואָס מען קען וועגען זיי געברויכען די תלמודישע מליצה „שאדם דש בעקביו״, וואָס דער מענש טרעט מיט׳ן קנאַפּעל, און ער קוקט זיך גאָר נישט אום אויף דעם, זיינען אמת׳דיג די שאַרפסטע זינד פונ׳ם לעבען. מענשען פאַרנאַכלעסיגען זיי און דער אויבערשטער איז זיי זיכערליך נישט מוחל. עס איז אויך נישטאָ וועמען צו איבערבעטען, ווייל דער אידישער כלל האָט נישט ביז היינט קיין אדרעס, גלייך ווי ער איז היימלאָז און אָהן א פאַר־שטעהער.

נישטאָ קיין געמיינזאַמער צענטער פונ׳ם אידישען פאָלק, און עס איז אויך נישטאָ קיין פון אלעמען אנערקענטער כהן. מען פיהרט אָן וכוחים, צי מיר זיינען א נאַציאָן אָדער גלאַט אזוי א פאָלקס־גרופּע — און איין אמת׳ן זיינען מיר נישט קיין נאַציאָן און נישט קיין פאָלקסגרופּע, נור ווי עפּיס א סטאַדע שעפּסען אָהן א פאַסטוך.

און טאָמער האָבען מענשען געדענקט, אז דער „ציוניזם״ איז דער אדרעס פון כלל־ישראל, האָבען די ציוניסטען אליין פלוצים

נייע האָריזאָנטען

געשאַפן אַן אַזוי אָנגערופענעם אידישען „וועלט־קאָנגרעס", כדי צו ווייזען, אַז דער ציוניזם איז נישט דער ריכטיגער אַדרעס פון כלל־ישראל.

קומען איינע ריידען צו אונז אינ'ם נאָמען פון דער תורה און פונ'ם דת, קומען אַנדערע ריידען אינ'ם נאָמען פון אַלגעמיינעם מענשענטום און ברויט.

בזה האופן זינדיגט יעדער געגען אונזער פאָלקסטום. פאַרהאַנען אפילו עהנליכע מחלוקת'ן ביי אַנדערע פעלקער. איז דאָס אָבער נור ביי ווייניג ציוויליזירטע, ביי די „מקולקלים שבהם", ווייל אמת'דיג ציוויליזירטע פעלקער פאַרשטעהען די באַדייטונג פון נאַציאָנאַלער איינהייטליכקייט און פון אַ „פאַראייניגטען פראָנט".

יעדעס פאָלק האָט איין שפּראַך, אָבער מיר האָבען צוויי שפּראַכען, איינע פאַר'ן טאַטע'ן און איינע פאַר דער מאַמע'ן. צאַנקען מיר אַרום און רייסען זיך איינע די אַנדערע ביי די קעפּ צוליעב דער שפּראַך — און ווען די רעגירונג וויל וויסען, וואָסערע שפּראַך מיר ווילען, קען זי נישט דערגעהען קיין טאָלק, ווייל אַנשטאָט צו נעהמען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו איין שפּראַך אָדער צו דער אַנדערער, אָדער גאָר צו ביידע, שרייט איטליכער: „נישט די שפּראַך, וואָס יענער וויל!"

און דערווייל פאַרלאָזט מען ביידע שפּראַכען און דער קומענדער דור פאַרלאָזט די שפּראַך פונ'ם טאַטע'ן און פון דער מאַמע'ן און ער נעמט אָן די שפּראַך פון דער גאַס.

שטעהען מענשען פאַר'עקשנ'טע און קעמפּפען געגען אונזער אידישען לשון אין ארץ־ישראל, שטעהען דאָרט אַקעגען זיי אַנדערע, וואָס קעמפּפען געגען העברעאיש. און וועלכער צד עס האָט געזונטערע פּויסטען, דער בלייבט דער זיעגער. איז אָבער דאָס שלעכטע, וואָס דער דאָזיגער קאַמפּף פיהרט זיך נישט „פאַר", נור ער פיהרט זיך „געגען". ציהט דערפון אַ דריטער צד זיין נוצען.

האָבען אונזערע קינדער אין אַמעריקאַ צו אַלעמען צייט. זיינען זיי די ערשטע אין סקוהל און די ערשטע אין ספּאָרט. בלויז אויף צו לערנען אַ שייטעל „עברי", האָבען זיי נישט קיין צייט. ביי דער גרעסטער אָנשטרענגונג פון אונזערע אינטעלעקטועלען און ביי די גראַנדיאָזעסטע געלד־אָפּפער פון אונזערע מאַגנאַטען האָט עס זיך נאָך ביז היינט נישט איינגעגעבען, אויפצובריינגען אַ מאה דאָר־געבווירענע העברעאישע אָדער אידישע לייענער.

עברות געגען פאָלק

און וואָס איז עפּיס מכח אונזערע שוהלען ?

די אין אמעריקא געבוירענע יוגענד גאַרט צו דער שוהל. אזוי ווי דער אמעריקאנער איז פרום פאַראנלאַגט, האָט דאָס א גרויסען איינפלוס אויף דער דאָ־געבוירענער אידישער יוגענד. די אמערי־קאנער „פּאָבליק־סקוהל" איז געשלאָסען אים שבת, קען דאָן דאָס אידישע קינד געהען אין שוהל, גלייך ווי דאָס קריסטליכע קינד געהט זונטאג אין טשווירטש. אָבער אונזערע „פּראָגרעסיווע" טאַטעס האַל־טען זיך ווייט פון דער שוהל — און אזוי ווי זיי זיינען כמעט אלע „מחללי שבתות", דארפען די קינדער נעהמען פיהרען די טאַטעס אין שוהל !

ס'איז זיך נישטאָ וואָס צו שעהמען ! גלייך ווי אונזערע קינ־דער לעהרנען זייערע עלטערן ענגליש ריידען, וואָלטען זיי געדאַרפט נעהמען די אידישע ערציהונג פון די אייגענע עלטערן אין זייערע הענד, פיהרען דעם טאַטע'ן אין שוהל אריין, לעהרנען איהם אָפּהי־טען שבת און יום־טוב און מאכען איהם פאר א „בר מצוה".

די „יוניאָניזירונג" פון די שעפּער האָט עס באוויזקט, וואָס שבת ווערד ביסלעכווייז א פרייער טאָג פאַר'ן אידישען ארבייטער. איז נישטאָ מעהר פאַרהאַנען קיין אויסרייד פאר א אידישען באַי, ער זאָל נישט קענען מיט זיך נעהמען דעם פאָטער אין שוהל אריין.

מיר האָבען שוין דערלעבט, אז „ראַדיקאַלען" געהען צו סליחות, וועלען מיר עס אודאי אויך דערלעבען, אז אונזערע קינדער וועלען אפילו אין א געוועהנליכען שבת נעהמען דעם טאַטע'ן אין שוהל אריין.

נישט וועלען געהען אין שוהל, איז נישט אן „עברה שבין אדם למקום", נור עס איז אן עברה שבין אדם לעמו, ס'איז א זינד געגען אונזער פאָלקסטום — און פאר אזא זינד איז נישט פאַרהאַנען קיין „מחילה וסליחה", ווי לאַנג מען פאַרבעסערט זיך נישט אליין —

און פאַרבעסערען זיך וועלען מיר בלויז קענען, ווען מיר וועלען האָבען אן אייגענע היים, אָדער ווען מיר וועלען וועניגסטענס נעה־מען אויף'ן זינען, אז מיר מוזען האָבען אן אייגענע היים.

גערדאַנקען-שפּריצלעך לכבוד יום-כפור

וואָס מיר זאָגען יעדען טאָג צו מעריב „והסר שטן מלפנינו ומאחרינו", האָט ר' לוי יצחק ערקלערט, אז דאָס געהט אויף ערב יום־כפור און פורים, ווייל אין די דאָזיגע צוויי טעג קומט דער שטן מקטרג צו זיין אויף אידען. פּורים קומט ער מיט דער טענה, וואָס אידען שכור'ן און לאָזען זיך פּלוצים וואוילגעהען. ווייזט מען איהם אויף „מלפנינו", אויף'ן פריהערדיגען טאָג, אויף אסתר־תענית הייסט עס, ווען אידען האָבען א גאַנצען טאָג געפאַסט. און אים ערב יום־כפור קומט ער ווייטער מיט אן עהנליכער טענה, וואָס אידען האַלטען אין איין עסען. ווייזט מען איהם אויף „מאחרינו", אויף דעם שווערען טאָג, וואָס ערוואַרטעט די אידען אויף צו־מאָרגענס.

וואָס מיר זאָגען „על חטא שחטאנו ביצר הרע", האָט איינער א חסידישער רבי אויף דעם געפרעגט: וואו איז פאַרהאַנען אן עברה, וואָס קען באַגאַנגען ווערען אָהן דעם „יצר־הרע"? — און ער האָט אליין די דאָזיגע קשיא פאַרענטפערט, אז עס זיינען פאַר־האַנען חטאים, ביי וועלכע עס זינדיגט נישט בלויז דער מענש, נור עס זינדיגט אויך דער יצר־הרע, דהיינו: ווען אנשטאַט וואָס דער יצר־הרע זאָל צוריידען דעם מענשען צו אן עברה, וועלכעס איז זיין אייגענטליכע אויפגאַבע, נעמט ער זיך גאָר איינריידען, אז מען דאַרף א געוויסע זאַך טהון, ווייל עס שטעקט אין איהר א מצוה. באַגעהט מיט דעם דער יצר־הרע אליין אן עברה, ווייל זיין אויפגאַבע איז נישט, צו זיין א מעקלער ביי מצוות.

איז אָט אויף אזעלכע „פרומע עברות" דאַרפען מיר זאָגען „על חטא שחטאנו ביצר הרע", ווייל דאָס זיינען עברות, וואָס מיר האָבען לכתחלה אָנגענומען פאַר מצוות, האָבען מיר דאָביי געזינ־דיגט צוזאַמען מיט'ן „יצר־הרע".

ר׳ לוי יצחק זוכט א שכור אים ערב יום־כפור

אמאל אין אן ערב יום־כפור פאר־נאכט, בשעת דער גאנצער עולם איז געווען פארזאמעלט אינ׳ם בית־המדרש צו „כל נדרי״, האט ר׳ לוי יצחק גענומען א ליכט און אנגעהויבען זוכען אונטער די בענק.

— וואס זוכט איהר, רבי ?! — האבען איהם די מענשען געפרעגט.

— א שכור׳ן איד זוך איך און איך קען נישט בשום אופן געפינען! — האט ר׳ לוי יצחק געענטפערט.

דערנאך האט ער זיך אוועקגעשטעלט, אוים׳טענה׳ן זיך מיט׳ן אויבערשטען אויף זיין שטייגער און ער האט אזוי געזאגט:

— אט זעה, רבונו של עולם, וואס פאר א טייער פאלק דיינע אידען זיינען. דו האסט זיי געהייסען עסען און טרינקען אים ערב יום־כפור און דו האסט זיי צוגעזאגט, אז „כל האוכל ושותה בתשיעי, מעלה עליו הכתוב כאלו מתענה תשיעי ועשירי״ (ברכות דף ח׳ עמוד ב׳), אז ווער עס עסט און טרינקט אים ערב יום־כפור, ווערד דאס איהם פאררעכענט גלייך ווי ער וואלט געפאסט צוויי טאג נאכאנאנד.

היינט לאמיר זעהען, אז ווען די אומות־העולם וואלטען געהאט אזא טאג, טא וויפיל פון זיי וואלטען אצינד געלעגען טויט־שכור, וויפיל פון זיי וואלטען זיך געוואלגערט אין בלאטע און וויפיל וואלטען געווען צו׳ממית׳טע און צו׳הרג׳טע!...

אבער גיב א קוק אויף דיינע אידען! ביי־טאג האבען זיי מקיים געווען דיין מצוה, זיי האבען געפראוועט א יום־טוב׳יגע סעודה מיט עסען און טרינקען, ווי דו האסט געבאטען — און יעצט, ווען עס איז נאך א שטיק צו נאכט, זיינען זיי שוין אלע אינ׳ם בית־המדרש, קיינער פון זיי איז נישט שכור, אלע שטעהען אויף די פיס, געריינינגטע און געהייליגטע, גרייט מקבל צו זיין אויף זיך אלע ענויים פונ׳ם יום־הקדוש, תשובה צו טהון מיט׳ן גאנצען הארצען! פרעג איך דיך, רבונו של עולם, צי פארדיענען זיי זיך נישט מיט דעם אליין, דו זאלסט זיי מוחל זיין אלע עבירות און אנשרייבען און אנ׳חתמ׳נען זיי לחיים טובים מיט א שנת ברכה והצלחה ?...

דעם קאָזשעניצער'ס טענות צום אויבערשטען

עס ווערד דערצעהלט, אז ווען דער קאָזשעניצער מגיד איז אינ'ם לעצטען יאָהר פון זיין לעבען געשטאַנען ביים עמוד צו „כל-נדרי", האָט ער, צוקומענדיג צו „ויאמר ה' סלחתי כדבריך", אויפגעהויבען די הענד צום הימעל, אויסצו'טענה'ן זיך מיט'ן אויבערשטען און ער האָט אזוי געזאָגט: „רבונו של עולם! קיינער חוץ דיר איז נישט אים שטאַנד צו וויסען, ווי גרויס דיין שטאַרקייט איז און חוץ דיר איז אויך קיינער נישט אים שטאַנד צו וויסען, ווי גרויס מיין שוואַכקייט איז, אז קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין מיר. פון דעסטוועגען בין איך געשטאַנען א גאַנצען חודש אלול און עשרת ימי תשובה ביים עמוד און איך האָב אויסגעגאָסען פאַר דיר מיין האַרץ אין תפלה ותחנונים"...

פרעג איך דיך, רבונו של עולם — האָט דער קאָזשעניצער ווייטער געצוויגען — צי איז דאָס אַזאַ יושר, אז איך, דער קראַנקער ישראל מיט אַזאַ קראַנקען גוף, ווי איך פאַרמאָג, זאָל טראָגען אויף זיך דעם עול פון כלל ישראל, איך זאָל מיך גאַנצע טעג דאַרפען פייניגען און מתפלל זיין צו דיר פאַר דיינע קינדער, בשעת פאַר דיר, וואָס מיר זאָגען „לך ה' הגדולה והגבורה", זאָל חלילה זיין אַזאַ שווערע זאַך, צו זאָגען בלויז אָט די צוויי ווערטער „סלחתי כדבריך"?!

זאָל אפשר זיין די מניעה דערצו, וואָס מיר האָבען היינט ווייניג צדיקים אויף דער וועלט? האָסטו דאָך דערפאַר אַזאַ צדיק ווי ר' מענדעלע רימאַנאָווער, וועלכער איז שקול כנגד כל הצדיקים שבעולם!... זאָל אפשר זיין די מניעה, וואָס מיר האָבען נישט היינט קיין נביאים? האָסטו דאָך דעם לובלינער „חוזה", וועלכער זעהט מיט זיין נביאיש אויג מסוף העולם ועד סופו און ער לייכט אויף דער וועלט ווי דער „אורים ותומים"!... זאָל אפשר זיין די מניעה, וואָס עס פעהלען היינט בעלי-תשובה? בין איך מיט מיין קראַנקען גוף גרייט צו פאַסטען תרי"ג תעניתים און תשובה צו טהון פאַר'ן גאַנצען כלל ישראל!...

ובכן, רבונו של עולם, בעט איך דיך, לאָמיך שוין הערען, ווי דו וועסט טהון א זאָג דעם „סלחתי כדבריך"!

דער יום־טוב סוכות אינ׳ם אלטען ארץ־ישראל

פיעל פריהער, איידער אידען האבען באגריפען דעם גייסטיגען ווערטה פון זייערע ימים־טובים, איידער זיי האבען נאך פארשטאנען, אז זיי דארפען עטליכע מאל אין יאהר פייערען זייער באפרייאונג פון דער קנעכטשאפט אין מצרים און זייער אנטוויקלונג צו׳ן א זעלבשטענדיג פאלק דורך אייגענארטיגע רעליגיעזע צערעמאניעס, וועלכע הויבען אויף דעם גייסט אין א באהעפטונג צום באשעפער, האבען די ימים־טובים זייערע געהאט אין ערשטער רייהע א נאטיר־ליכע גרונדלאגע, געבויעט אויף די אומשטענדען פון זייער דאמאלס־דיגען לעבען אלס ערד־ארבייטער און פאסטוכער, וועלכע האבען זיך אויסגעדריקט ביי זיי אין דריי גרויסע ימים־טובים: פסח, שבועות און סוכות.

דער ווינטער איז אוועק, די בוימער און די פעלדער האבען זיך פאנאנדערגעבליהט און אין די לופטען האבען די זינג־פויגעלעך געלאזט הערען, אז עס בלאזען פריהלינגס־ווינטען, האט מען גע־דארפט פייערען א יום־טוב, פארבונדען מיט׳ן „חודש האביב" (שמות כ"ג ט"ו). און זיינען דאן רייף געווארען די ערשטע תבואות אין די פעלדער, אדער די ערשטע פירות אין די גערטנער, האט מען דאס ניט געטארט אליין אויפעסען, ווייל מען האט צוערשט געדארפט ברענגען דעם שעהנסטען טייל דערפון אלס א מתנה צו גאט׳ס הויז און מען האט געדארפט פייערען א „יום הבכורים" (במדבר כ"ח כ"ו). און ווען עס ווערען פארענדיגט אלע פעלד־ארבייטען פונ׳ם יאהר, ווען אלע תבואות ווערען אריינגעפיהרט אין די שייערען און דער וויין ווערד געטרעטען אין די קעלטערען, האט מען געדארפט פייערען א „חג האסיף" (שמות כ"ג ט"ז).

איז דאן צווישען אלע ימים־טובים געוועזען דער וויכטיגסטער — אט דער דריטער יום־טוב, וועלכער האט געטראגען דעם נאמען „סוכות" און אפטמאל האט מען איהם בלויז גערופען „חג".

גייע האַריזאָנטען

געוועהנליך איז ער באַטראַכט געוואָרען אלס א יום־טוב פון אָפּגעבען א דאַנק צום באַשעפער, נאָכדעם ווי די תבואות זיינען אַרונטערגענומען געוואָרען פון די פעלדער, ווען דער ערד־אַרבייטער האָט געקענט זעהען די פּרוכט פון זיין אַרבייט און ער האָט אויך געהאַט די זיכערקייט, אַז ער וועט דאָס גאַנצע יאָהר האָבען צו עסען. פלעגט זיך ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט דאָס גאַנצע פאָלק צונויפקליבען ארום גאָט'ס הויז, אפילו איידער דער בית־המקדש איז נאָך געווען אין ירושלים. אזוי ווי די תורה האָט נישט אויס־דריקליך אָנגעזאָגט, וואו עס זאָל זיין דאָס אָרט, וואָס מען דאַרף זיך דאָרט צונויפקומען לכבוד יום־טוב, פלעגט מען דעמאָלט עולה־רגל זיין קיין שילה, וואו מען פלעגט פייערען דעם יום־טוב מיט קרבנות און טענץ אין די אָפּגעלייגטע ווייַנגערטנער (שופטים קאפּיטעל כ"א און שמואל א' קאַפּיטעל א').

שפּעטער ווען שלמה המלך האָט אויסגעבויעט דעם בית־המקדש, האָט ער באַרעכענט, אַז דער בית־המקדש זאָל פאַרטיג ווערען אויף סוכות. פאַרהאַנען אפילו אַן אָנצוהערעניש, אַז דער בית־המקדש איז ערשט א חודש שפּעטער פאַרטיג געוואָרען, אָבער דעם יום־טוב פון דער פאַרטיגשטעלונג האָט מען געפייערט אין סוכות (מלכים א' ח' ב' און דברי הימים ב' קאפּיטעל ז'). האָט מען דאַן צונויפגערופען אַלע אידען קיין ירושלים, און פון דעמאָלט אָן האָט מען וואַהרשיינליך באַשטימט, אַז אַנשטאָט עולה־רגל צו זיין קיין שילה, זאָל מען עולה־רגל זיין קיין ירושלים.

און זייַנ'ען דערנאָך די מצוות פון דער תורה אַריינגעדרונגען אינ'ם גאַנצען פאָלקסלעבען, ווען איטליכער האָט אָנגעהויבען פאַר־שטעהען, אַז מען דאַרף יעדען טאָג דערמאָנען די וואונדערליכע געשעהענישען פון „יציאת מצרים", האָט מען שוין באַפאָלגט אַלס־דינג גענוי לויט די ווערטער פונ'ם פּסוק, וואו עס ווערד געזאָגט: „א יום־טוב זאָלסטו דיר מאַכען זיבען טאָג, נאָכדעם ווי דו וועסט צונויפקליבען אַלסדינג פון דיין שייער און פון דיין קעלטער. זיבען טעג זאָלסטו דאַן פייערען צו דיין גאָט אויף יענעם אָרט, וועלכען גאָט וועט זיך אויסקלייבען, ווייל דער גאָט דיינער וועט דיך בענ־שען אין אַלע דיינע תבואות, אַזוי ווי אין אַלעמען, וואָס דו וועסט טהון, זאָלסטו טאַקי דעמאָלט נור זיין פרעהליך!" (דברים ט"ז י"ג).

פון אַלע עקען אין ארץ־ישראל פלעגען זיך דאַן די מענשען צונויפקומען קיין ירושלים, צו פייערען דעם יום־טוב. מאַנסבילען

האָבען געמוזט קומען. זיי האָבען אויך געדאַרפט געהען צופוס פון די ווייטעסטע געגענדען. ווייבער און קינדער האָט מען גלאַט אַזוי מיטגענומען, זיי זאָלען זעהען די הערליכקייטען פון גאָט׳ס שטאָדט. איטליכער האָט אויך מיטגעבראַכט פונ׳ם שעהנסטען און בעסטען, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, מקריב צו זיין צו גאָט, אָדער אוועקצוגעבען צו אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען נישט קיין ערד־באַזיץ, אַ שטייגער ווי צום גר, צום יתום און צו דער אלמנה.

לויט׳ן נאָמען פונ׳ם יום־טוב איז צו זעהען, אַז די מענשען האָבען זיך דאַמאָלס געדאַרפט אויסבויען באַזונדערע ביידלעך (סוכות), צו פאַרברענגען דאָרט די גאַנצע צייט, אנשטאָט צו זיצען אין זייערע געוועהנליכע וואוינונגען. איז דאָס אויך באַגרינדעט אויף דער נאַטירליכער צייט פונ׳ם יאָהר, ווי עס איז נאָך היינט דער מנהג ביים אַרונטערנעהמען די תבואות פון די פעלדער און די פירות פון די גערטנער אין די מזרח־לענדער, צו פייערען דעמאָלט אַ יום־טוב פון דאַנק, זיצענדיג אין „ביידלעך".

און ווען די תורה האָט אָנגעזאָגט, אַז מען דאַרף זיצען זיבען טאָג אין אַ סוכה, האָט זי גלייכצייטיג אָנגעגעבען די אורזאַך, מען זאָל וויסען, אַז ווען דער אויבערשטער האָט אַרויסגעפיהרט די אידען פון מצרים, האָט ער זיי אַריינגעזעצט אין סוכות (ויקרא כ"ג ל"ט). זאָגט אויף דעם די גמרא, אַז אָט די סוכות זיינען געווען הימלישע וואָלקענס (ענני כבוד), אין וועלכע אידען זיינען געזעסען באַשיצט אין דער מדבר (מסכת סוכה דף י"א עמוד ב׳) *).

צו דער פייערונג פון אָט דעם יום־טוב האָט דער אויבערשטער געהייסען נעהמען פיער מינים געוויקסען, וועלכע זיינען אין דער תורה באַצייכענט מיט אַזעלכע נעמען, וואָס די חכמים האָבען זיי

---

*) די „ענני כבוד", וואָס די גמרא רעדט וועגען זיי, ווערען אויך דערמאָנט ביים גריכיש־אידישען פילאָזאָף פילאָן, אָבער אויף דעמזעלבען אָרט אין דער גמרא, וואו עס ווערד גערעדט וועגען די „ענני כבוד", אַז ווען דער אויבערשטער האָט אַרויסגעפיהרט די אידען פון מצרים, האָט ער זיי אַריינגעזעצט אין ביידלעך פון וואָלקענס, זאָגט ר׳ עקיבא: „סוכות ממש עשו להם", וועלכעס מיינט, אַז זיי זיינען דאַמאָלס נישט געזעסען אין וואָלקען־ביידלעך, נור אין געוועהנליכע ביידלעך, אָדער אין אַזעלכע געצעלטען, ווי די וואַנדערער אין די וויסטעניישען פיהרען מיט זיך. אַ שאלה איז נור, צי דאָס וואָרט „סוכות" איז נישט דער נאָמען פון אַ שטאָדט, וואו יעקב אבינו האָט געוואוינט, נאָכדעם ווי ער איז אוועקגעגאַנגען פון עשו׳ן (בראשית ל"ג י"ז) און דאָרט האָבען אויך גערוהט די יוצאי מצרים אויף זייער וואַנדער־וועג, ווען זיי זיינען געגאַנגען פון רעמסס (שמות י"ב ל"ז).

נייע האָריזאָנטען

ערשט שפּעטער געדאַרפט ערקלערן, אז מען מיינט דעם לולב, דעם אתרוג, דעם הדס און ריטלעך פון ווערבעס (הושענות), און אזוי ווי דער פּסוק האָט נישט געזאָגט, אויף וואָס פאַר אַן אופן מען זאָל די דאָזיגע געוויקסען באַנוצען, פלעגט מען דאָס אמאָל נעהמען, צו באצירען דערמיט די סוכה, ווי עס ווערד דערצעהלט (אין נחמיה ח׳ י״ד), אז ווי מען האָט דאמאָלס געלייענט די תורה, האָט מען אויס־געפונען, אז מען דאַרף מאַכען א יום־טוב סוכות זיבען טאָג. האָט נחמיה געזאָגט צום פאָלק: „געהט אויף די בערג און ברענגט אויל־בירטען־בלעטער, הדסים־בלעטער, פאַלמען־בלעטער און בלעטער פון א געדיכטען בוים, צו מאַכען סוכות, ווי עס שטעהט אָנגעשריבען אין דער תורה!״

דערנאָך — ווערד ווייטער דערצעהלט — האָבען זיי זיך גע־מאַכט סוכות, יעדער אויף זיין דאַך, אין די הויפען, אינ׳ם הויף פון גאָט׳ס הויז און אין די גאַסען. אָט אזעלכע סוכות, זאָגט דאָרט דער פּסוק אויסדריקליך, האָט מען שוין נישט געהאַט געמאַכט זייט די טעג פון יהושע בן נון. קען מען פון דער דאָזיגער באַ־מערקונג דרינגען, אז אין דער גאַנצער צייט פונ׳ם ערשטען בית־המקדש האָט מען די מצוה פון א סוכה פאַרנאַכלעסיגט.

העכסט וואהרשיינליך האָט מען אָבער שטענדיג צו יעדער צייט אַכטונג געגעבען, אָפּצוהיטען גענוי די צאָהל פון די פאַרגע־שריבענע קרבנות, לויט ווי עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען אין דער תורה (במדבר כ״ט י״ג), אז דעם ערשטען טאָג סוכות זאָל מען מקריב זיין דרייצען אָקסען, צוויי ווידערס, פערצען איינעיעהריגע שעפּסען און איין ציגענבאָק. צו דעם זאָל מען צוגעבען א זעמעל־מעהל־טייגעכטס, אויסגעקנאָטען אין בוימעל, פון דריי צעהנטעל מאָס מעהל צו איטליכען אָקס, צו צוויי צעהנטעל מאָס מעהל צו איטליכען ווידער און צו איין צעהנטעל צו איטליכען שעפּס. דער־נאָך האָט מען געדאַרפט מקריב זיין יעדען טאָג מיט איין אָקס וויניגער, ביז עס איז אויסגעקומען, אז אויפ׳ן זיבעטען טאָג האָט מען געדאַרפט מקריב זיין זיבען אָקסען, חוץ אנדערע שטענדיגע קרבנות.

פון זכריה הנביא׳ס א זעהונג קען מען אויך זעהען די וויכ־טיגע באַדייטונג, וואָס דער יום־טוב סוכות האָט געהאַט אין זיין צייט, ווען ער זאָגט (אין זכריה י״ד ט״ז), אז אַלע יענע, וואָס וועלען איבערבלייבען פון די פעלקער, וועלכע זיינען אָנגעפאַלען

דער יום־טוב סוכות אינ'ם אַלטען ארץ־ישראל

אויף ירושלים, וועלען שפּעטער קומען יעדעס יאָהר, בוקען זיך צום קיניג גאָט צבאות און צו פייערען דעם יום־טוב סוכות. אָבער די אַנדערע, וואָס וועלען נישט קומען זיך בוקען צום קיניג גאָט צבאות, וועט ביי זיי נישט זיין קיין רעגען.

דער יום־טוב סוכות איז אויך דערמאָנט אין די „אַפּאָקריפען" (די „ספרים חצונים", וואָס די חכמים האָבען נישט אריינגענומען צווישען די „כתבי קדש" פונ'ם תנ"ך). דאָרט ווערד דערצעהלט, אַז ווען די חשמונאים האָבען אויסגערייניגט דעם בית־המקדש, האָט מען געפייערט אַ יום־טוב פון אַכט טאָג, גלייך ווי מען פייערט „די טעג פונ'ם יום־טוב סוכות, מען האָט אויך גענומען ריטלעך פון ווערבעס און בלעטער פון פּאַלמען־בוימער, זינגענדיג דאַביי דאַנק־לידער צו גאָט" (זעה ספר החשמונאים ב' קאַפּיטעל 2).

און אין „ספר היובלים" פון דיזעלבע „אַפּאָקריפען" ווערד דערצעהלט, אַז אברהם אבינו האָט געפייערט דעם יום־טוב סוכות מיט קרבנות צו גאָט, ער איז אויך געזעסען אין אַ סוכה און ער האָט גענומען די פיער מינים פּרוכטען, וועלכע זיינען פאָרגעשריבען פאַר סוכות, און ער האָט מיט זיי ארומגערינגעלט יעדען טאָג דעם מזבח זיבען מאָל. דאָסזעלבע ווערד אויך דאָרט געזאָגט וועגען יעקב אבינו.

יאָזעפוס פלאַוויוס באַשרייבט אין זיינע „אַלטערטימער" די פייערונג פונ'ם יום־טוב סוכות אַלס זעהר אַ וויכטיגע פייערונג, וועלכע דויערט אַכט טאָג. די מענשען קומען זיך דאַן צונויף אין ירושלים, וואו איטליכער זיצט אין אַ סוכה, און אין בית־המקדש איז מען מקריב פיעל קרבנות, צוגלייך שפּיעלט מען זיך אויף פאַר־שידענע אופנים מיט הדסים, לולבים און אתרוגים.

דער גריכיש־אידישער פילאָזאָף פילאָן (ידידיה האלכסנדרוני) ווען ער רעדט אין זיין בוך וועגען משה רבנו, רעדט ער אויך וועגען דעם יום־טוב סוכות. ער דערצעהלט, אַז אידען פייערען דעם דאָ־זיגען יום־טוב זיבען טאָג אַלס דאַנק־פעסט צום אויבערשטען, ווען זיי נעהמען ארונטער די תבואות פון זייערע פעלדער, און דעם אַכטען טאָג האָבען זיי אַ הייליגע צוזאַמענקונפט אין זייער גאָטעס־הויז.

אַט דער יום־טוב — זאָגט פילאָן — לעהרענט אונז די גלייכ־הייט פון די מענשען לויט דער גלייכהייט פון די טעג. אַמאָל איז איין טאָג אַנדערש ווי אַלע אנדערע טעג און אַט איז ער גלייך מיט

אַלע אַנדערע טעג. דער דאָזיגער יום־טוב לעהרענט אונז אויך, צו געבען אנערקענונג צו גאָט'ס חסדים, ווען מען זעהט די פאַר־טיגקייט פון די פּרוכטען, וואָס זיינען דורכ'ן יאָהר אָנגעוואַקסען.

גלייכצייטיג דערמאָנט פילאָן די היסטאָרישע אורזאַך פונ'ם יום־טוב, אַז ער איז באַגרינדעט צום אָנדענקען פון יציאת מצרים, ווי דער אויבערשטער האָט באַדעקט זיין פאָלק מיט א וואָלקען, ווען ער האָט זיי ארויסגעפיהרט פון מצרים, צו באַשיצען זיי אויף זייער וואַנדערונג פון דער שטאַרקער מדבר'דיגער היץ.

אין דער משנה איז געווידמעט א באַזונדערער „טראַקטאַט" (מסכתא) צו די ענינים פון סוכות. חוץ דער סוכה גופא, וועלכע ווערט באַהאַנדעלט פון אַלע זייטען, קריגט דאָרט א ספּעציעלע באַריק־זיכטיגונג דער לולב, די ערבות, דאָס זינגען דעם „הלל", דאָס בעטען אויף רעגען און די „שמחת בית השואבה".

די „ארבעה מינים" פאַר דער פייערונג פונ'ם יום־טוב פלעגט מען נעהמען אין די גערטנער פון ירושלים און די ווערבענע ריטלעך פלעגט מען נעהמען אין מוצא פון לעבען ירושלים. אָט די ווערבעס פלעגט מען אוועקשטעלען ביי די זייטען פונ'ם מזבח מיט די שפּי־צען צונעבויגען איבער'ן מזבח. דערנאָך האָט מען געבלאָזען דעם שופר, אַרומרינגלענדיג דעם מזבח מיט'ן לולב אין דער האַנד איין מאָל יעדען טאָג און דאַביי פלעגט מען זאָגען: „אנא ה' הושיעה נא, אנא ה' הצליחה נא!" (תהלים קי"ח כ"ה). לויט אַן אַנדערער מיינונג האָט מען דאַן געענדערט א ביסיל דעם לשון פונ'ם פּסוק און מען האָט געזאָגט „אני והו הושיעה נא!*)

אינ'ם זיבעטען טאָג פון סוכות פלעגט מען אַרומרינגלען דעם מזבח מיט'ן לולב אין דער האַנד זיבען מאָל און דאַביי האָט מען געזאָגט: „יופי לך מזבח, יופי לך מזבח!" (א שעהנהייט צו דיר, מזבח!) — אַנדערע פלעגען זאָגען: „ליה ולך מזבח, ליה ולך מזבח!" (פאַר גאָט און פאַר דיינעטוועגען, מזבח!).

געווען אויך דאַמאָלס א מנהג פון „חבוט הריות" (אָפּקלאַפּען

*) אָט דער מאמר „אני והו הושיעה נא" ווערד ערקלערט, אַז עס מיינט, גאָט זאָל העלפען אונז און זיך אַליין, ווייל ווען אידען זיינען ניט געהאָלפען, איז דער אויבערשטער כביכול מיט זיי צוזאַמען אין נויט. אַנדערע ערקלערען, אַז דאָס איז פּשוט „אנא ה' הושיעה נא!" נור אַזוי ווי מען האָט דאַמאָלס ארויסגעזאָגט דעם „שם המפורש", האָט דאָס דער תנא פון דער משנה נישט געוואָלט ווידערהאָלען, האָט ער דאָס וואָרט מיט א באַזונדערער כוונה קאָרומפּירט.

צווייגען). מען האָט גענומען צווייגען פון פּאַלמען און מען האָט אָפּגעשלאָגען אויף דער ערד. דערנאָך האָט מען צונעמען די לולבים ביי די קינדער און מען האָט זיי געהייסען אויפעסען די אתרוגים.

די סוכה איז געווען א ביידעל, באזונדערס געבויט לכבוד יום־טוב. איהר אויפגאַבע איז געווען, צו באַשיצען די מענשען פון דער זון, אָבער די שטערען פון׳ם הימעל האָט מען יאָ געדאַרפט קענען זעהן. זי האָט אויך געדאַרפט זיין דער שטענדיגער אויפענט־האַלטס־אָרט פון די מענשען פאַר אַלע זיבען טאָג יום־טוב. יעדער מאַנסביל האָט געדאַרפט זיצען אין דער סוכה און אַלס אַזאַ מאַנס־ביל איז שוין געווען פאַררעכענט א אינגעל, וואָס האָט נישט מעהר נויטיג, צו האָבען זיין מוטער נעבען זיך.

אין דער דאָזיגער באַציהונג איז דער תנא שמאי נאָך וויטער געגאַנגען. זיין שנור האָט אַמאָל אים סוכות געבוירען א בן־זכר, האָט ער באַלד ארונטערגענומען דעם דאַך פון׳ם הויז און האָט באַדעקט דאָס בעט פון דער קימפּעטאָרין מיט סכך, אז דער ניי־געבוירענער אייניקעל זיינער זאָל נישט ליגען חוץ לסוכה (משנה סוכה ב׳ ח׳).

עס הערשט אויך דער גלויבען, אז אים סוכות ווערד באַשטימט, וויפיל רעגען עס זאָל גיהן אין ארץ־ישראל (ראש השנה פרק א׳ משנה ב׳). האַנדעלט זיך דאָס אָבער נור וועגען דער צייט פון נאָך סוכות, ווייל ווען עס רעגענט אין ארץ־ישראל אים סוכות, ווערד דאָס באַטראַכט פאַר א סימן קללה (תענית פרק א׳ משנה א׳).

אונזערע „געהויבענע געסט"
לכבוד סוכות

וואָס דער זוהר זאָגט וועגן די „אושפיזין עילאין"

די תורה האָט אָנגעזאָגט, מיר זאָלען זיבען טאָג זיצען אין סוכה, האָט דאָס ר' יהודה אָנגעהויבען דערקלערען מיט דעם פסוק „וישמע הכנעני מלך ערד", וועלכעס איז פאָרגעקומען נאָכ'ן טויט פון אהרן הכהן, ווען דער „כנעני" איז געקומען מלחמה האלטען מיט די אידען אין דער מדבר.

פרעגט זיך א קשיא וועגען דער שייכות פון דער דאָזיגער געשעהעניש צו דער מצוה פון סוכה. איז דער תירוץ, אז אזוי ווי דער אויבערשטער האָט געגעבען דריי מתנות צו די אידען אין דער מדבר אינ'ם זכות פון משה רבנו און אהרן הכהן און מרים הנביאה, דערמאָנען זיך די דאָזיגע דריי מתנות אין דער סוכה.

אָט די דריי מתנות זיינען: דער מן, וואָס די אידען האָבען געקראָגען אינ'ם זכות פון משה רבנו, דערנאָך זיינען זיי געוועזן ארומגערינגעלט פון די „ענני הכבוד", וואָס האָבען באשיצט די אידישע מחנה אינ'ם זכות פון אהרן הכהן. און דער ברונעם וואסער, וועלכער האָט זיי כסדר באגלייט אינ'ם זכות פון מרים הנביאה.

וועגען דעם מן האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה רבנו: „הנני ממטיר לכם לחם מן השמים", געפינען זיך די אותיות „משה" אינ'ם וואָרט „השמים". און אז דער אויבערשטער האָט ארומגערינגעלט די אידישע מחנה מיט זיין וואָלקען אינ'ם זכות פון אהרן הכהן, זאָגט דער פסוק „אשר עין בעין נראה אתה ה' ועננך עומד עליהם", זיינען די אותיות פונ'ם וואָרט „נראה" דיזעלבע וואָס אינ'ם וואָרט „אהרן". און וועגען דעם ברונעם, אז ער איז געוועזן אינ'ם זכות פון מרים, איז דאָס דער ברונעם פון דער תורה, וואָס דער פסוק זאָגט וועגען איהם „באר חפרוה שרים", און ווי עס זאָגט אן אַנדערער פסוק „ותתצב אחותו מרחוק לדעה",

איז די טייטש פונ'ם ווארט „לדעה", אז זי האט פארגעשטעלט דעם ברונעם פון וויסען, דעם „באר מים חיים", וועלכער איז געווען פארקניפעלט און פארבונדען מיט די „ענני הכבוד" און מיט'ן הימ־לישען ברויט.

און ווען מרים הנביאה איז געשטארבען, איז פארשוואונדען דער ברונעם, ווי דער פסוק זאגט: „ולא היה מים לעדה". אין יענער צייט האט אויך אן אנדערער ברונעם געוואלט אוועקגעהען פון דער אידישער מחנה, דאס איז די געטליכע שכינה. איז זי אבער ווייטער פארבליבען מיט די אידען אינ'ם זכות פון משה און אהרן, וואס האבען נאך דעמאלט געלעבט. און ווען אהרן הכהן איז געשטארבען, זיינען די „ענני הכבוד" פארשוואונדען פון דער אידישער מחנה. איז שוין אין דערזעלבער צייט דער ברונעם אויך פארשוואונדען. האט משה רבנו ביידען צוריקגעבראכט, ווי דער פסוק זאגט: „עלית למרום, שבית שבי, לקחת מתנות", וועלכעס מיינט, אז משה רבנו איז ארויף אויף'ן הימעל, וואו ער האט פארהאפט און צוריקגענומען די מתנות, וואס דער אויבערשטער האט געהאט פריהער געגעבען, דהיינו: דעם ברונעם פון מרים און די „ענני הכבוד" פון אהרן הכהן.

ר' יצחק האט געזאגט: „פאר־וואס האט אהרן הכהן געהאט אזא זכיה, וואס אין זיין זכות האט דער אויבערשטער באשיצט די אידישע מחנה מיט זיין וואלקען?" — איז די אנטווארט אויף דעם, אז דאס איז געווען דורכ'ן סוד פון די „קטורת", וואס אהרן האט מקטיר געווען אויף'ן מזבח און ער האט ארונטערגעבראכט מיט דעם א שפע פון געטליכע חסדים. און געווען זיינען זיבען וואלקענס, וועלכע האבען באגלייט די אידען אויף זייערע וואנדע־רונגען אין דער מדבר. דערפאר האט דער אויבערשטער געהייסען זיצען זיבען טאג אין דער סוכה, אינ'ם שאטען פונ'ם הייליגען גלויבען, ווי דער פסוק זאגט „בצלו חמדתי וישבתי".

דאס איז אויך צו זעהען, אז אין די אלע יאהרען, וואס אהרן הכהן האט געלעבט, זיינען די אידען געזעסען אונטער'ן שאטען פון דער אמונה, באשיצט פון די „ענני הכבוד". און ווען אהרן הכהן איז געשטארבען, זיינען פארשוואונדען די וואלקענס. זאגט דערפאר דער פסוק „ויראו כל העדה כי גוע אהרן". דארף מען נישט לייענען „ויראו" (מיט איין יוד), אז די עדה האט בלויז געזעהען, נור מען דארף לייענען „וייראו" (מיט צוויי יוד'ן), אז זיי

האָבען מורא באַקומען, ווי דער פּסוק זאָגט „וישמע הכנעני מלך ערד”, אז אזוי ווי דער כנעני האָט געהערט וועגען דעם טויט פון אהרן הכהן, אז עס זיינען פאַרשוואונדען די וואָלקענס, וואָס האָבען די אידען באַשיצט, האָט ער אָנגעהויבען פיהרען א מלחמה.

ר' אבא זאָגט, אז וואָס דער פּסוק זאָגט „וישמע הכנעני”, איז א פראַגע, וואָס דער דאָזיגער „כנעני” האָט אייגענטליך געהערט. איז די אנטוואָרט, אז ער האָט געהערט, וואָס די וואָלקענס זיינען פאַרשוואונדען פון דער אידישער מחנה. און דער „כנעני”, וועגען וועלכען עס ווערד דאָ גערעדט, איז דערזעלבער וואָס נח האָט וועגען איהם געזאָגט „עבד עבדים יהיה לאחיו”. לערנען מיר דערפון, אז ווער עס געהט אוועק פון דער אמונה, דער פאַרדיענט עס, ער זאָל זיין אן „עבד לעבדים”, ווייל אזוי ווי דער כנעני האָט געחאַפּט אידען און ער האָט זיי געפאַנגען, צו מאַכען זיי פאַר שקלאַפען, האָבען זיינע קינדער געדאַרפט זיין שקלאַפען ביי אידען. דערפאַר זאָגט דער פּסוק „כל האזרח בישראל ישבו בסוכות”, וועלכעס מיינט, אז יעדער פרייער מענש ביי אידען דאַרף זיצען אין דער סוכה אונטער'ן שוץ פון דער אמונה, אָבער ווער עס קומט נישט פון'ם הייליגען אידישען שורש, דאַרף נישט זיצען אין דער סוכה, ווייל ער געהט אוועק פון אונטער'ן שאָטען פון דער אמונה און אזא מענש ירשנ'ט דעם אייביגען גלות פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער.

און ווען די חכמים האָבען ווייטער גע'דרשנ'ט וועגען דעם פּסוק „בסוכות תשבו”, האָט ר' אלעזר געזאָגט דעם פּסוק „זכרתי לך חסד נעוריך”, אז ווען דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט צו ירמיהו הנביא, אז ער געדענקט די אידען זייער „חסד נעורים”, ווי די שכינה האָט צוזאַמען מיט די אידען געוואַנדערט אין דער מדבר, מיינט דאָס דעם ענן פון אהרן, וועלכער איז נאָך אהרן'ס טויט פאַרשוואונ־דען. דערנאָך האָט דער אויבערשטער ווייטער געהייסען זאָגען, אז ער געדענקט „אהבת כלולותיך”, דאָס איז די ליעבע, מיט וועלכער די אידען האָבען באַקרוינט און באַציערט זייער גאָט גלייך ווי א כלה, וואָס באַציערט זיך מיט איהר ציערונג, און דאָס אַלעס האָבען זיי געטהון, ווען זיי האָבען געוואַנדערט אין דער מדבר, אין אן אומבאַזייעט לאַנד, וואו דער אויבערשטער האָט זיי געפיהרט.

דערפון קען מען זעהען, אז ווען דער מענש זיצט אין דער סוכה, וועלכע איז ווי דער שאָטען פון דער אמונה, שפּרייט אויס אויף איהם די שכינה איהרע פליגלען פון אויבען און אברהם אבינו

אונזערע „געהויבענע געסט" לכבוד סוכות

צוזאמען מיט די אַנדערע אבות און די גרויסע צדיקים פון דער וועלט קומען הויזען ביי איהם אין זיין סוכה, דאַרף זיך דער מענש פרעהען יעדען טאָג פונ'ם יום־טוב מיט אַ שיינענדיג פּנים צוזאמען מיט יענע „געהויבענע געסט", וואָס קומען זיצען מיט איהם אינאיינעם אין זיין סוכה.

און נאָך האָט ר' אבא געזאָגט: איינמאָל שטעהט „בסוכות תשבו" און דערנאָך שטעהט „ישבו בסוכות". צו־ערשט „תשבו" (איהר זאָלט זיצען) און דערנאָך „ישבו" (זיי זאָלען זיצען), מיינט דאָס, אז מען דאַרף צוגרייטען אַ יום־טוב'דיגען טיש דאָס ערשטע פאַר די געסט און דערנאָך פאַר דער גאַנצער וועלט, ווי רב המנונא הזקן פלעגט זיך נוהג זיין, אז ווען ער איז אריינגעגאנגען אין זיין סוכה, האָט ער זיך געפרעהט. דערנאָך האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אינעווייניג ביי דער טהיר פון דער סוכה און ער האָט אַ זאָג געטהון: „נזמן לאושפיזין", לאָמיר פאַרבעטען די געסט. דערנאָך האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אויף די פיס, געמאכט אַ ברכה און ווייטער אַ זאָג געטהון: „זעצט זיך, הייליגע געסט, זעצט זיך אוועק! זעצט זיך, איהר באַגלויבינגטע געסט, זעצט זיך אוועק!" — דערנאָך האָט ער אויפגעהויבען די הענט מיט אַ דאַנק צום אויבערשטען און ער האָט זיך געפרעהט און געזאָגט: „אַז וואויל איז אונזער חלק און וואויל איז דער חלק פון די אידען, וואויל און ליכטיג איז אונז, וואָס מיר געהערען צו גאָט און גאָט געהער צו אונז!"

דער צווייטער „ישבו בסוכות" איז אָנגעשריבען אקעגען דער גאַנצער וועלט, ווייל ווער עס האָט אַ חלק אין דעם אידישען פאָלק און אינ'ם הייליגען לאַנד, קען זיך זעצען אינ'ם שאָטען פון דער אמונה, אויפצונעהמען די הייליגע געסט, וואָס קומען צו'ן איהם אין זיין סוכה, צו פרעהען זיך מיט זיי אויף דער וועלט און אויף דער אנדערער וועלט. עס דאַרף אויך יעדער מענש משמח זיין אָרימע לייט אין זיין סוכה. טאָ וואָס איז דער טעם דערפון? ווייל דער חלק פון יענע הייליגע געסט, וואָס מען האָט פאַרבעטען, געהער צו די אָרימע לייט. און ווער עס זיצט אין דעם שאָטען פון דער אמונה און ער האָט פאַרבעטען אָט די געהויבענע געסט, די געסט פון דער אמונה, און ער גיט זיי נישט זייער טייל, שטעהען אַלע תיכף אויף און געהען אוועק און זיי זאָגען: „אל תלחם את לחם רע עין" (דו זאָלסט נישט עסען דאָס ברויט פון איינעם, וואָס איז נישט גערן צו געבען!). קומט דאַן פון דעם ארויס, אז דער צו־

געגרייטער טיש איז נישט זיינער און ער איז אויך נישט צוגעגרייט לכבוד דעם אויבערשטען, איז דאן אַך און וועה צו'ן אזא מענש, וואָס די „אושפיזין דמהימנותא" ווילען נישט זיצען ביי זיין טיש.

און נאָך האָט ר' אבא געזאָגט: אברהם איז אלע טאָג פון זיין לעבען געשטאַנען אין מיטען וועג, צו פארבעטען געסט און צוצוגרייטען א טיש פאר זייערטוועגען. און ווען מען פארבעט איהם יעצט צו דער סוכה צוזאַמען מיט די אנדערע אבות און די צדיקים און מען גיט זיי נישט זייער חלק, שטעהט אברהם אויף פונ'ם טיש און ער טוט א זאָג „סורו נא מעל אהלי האנשים הרשעים האלה", דערנאָך טוט יצחק א זאָג „ובטן רשעים תחסר" (דער בויך פון די רשעים קען נישט קיינמאָל אָנגעזעטיגט ווערען!) און יעקב טוט א זאָג „פתך אכלת תקיאנה" (דאָס ברויט, וואָס דו האָסט געגעסן אין אזא הויז וועסטו דארפען אויסשפייען!). דערנאָך טוט דוד המלך א זאָג דאָסזעלבע, וואָס ער האָט אמאָל געזאָגט וועגען נבל הכרמלי „אך לשקר שמרתי את כל אשר לזה" — און עס דערגאַנצט זיך דער עונש פון אזא מענש, גלייך ווי דער עונש פון נבל הכרמלי.

דאמאָלס האָט דוד געוואָלט, אז נבל זאָל איהם פארבעטען אלס גאַסט צו זיין טיש, האָט דאָס נבל נישט געוואָלט טהון, איז ער דערפאר צעהן טאָג שפּעטער געשטאָרבען. איז יעצט דאָס נעמליכע, אז ווען א מענש פארבעט דוד'ן צו זיין טיש, ער זאָל זיין א גאַסט אין זיין סוכה, און ער גיט איהם נישט קיין חלק, קומען דערנאָך די „עשרת ימי תשובה" פונ'ם אנדערן יאָהר, ווען די וועלט שטעהט צום משפט, ווערד יענער מענש גע'משפט פאר דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטהון צו דוד המלך, קען דאן דער עונש זיינער זיין א גרעסערער ווי דער עונש פון נבל.

ר' אלעזר זאָגט: די תורה האָט נישט ארויפגעלייגט קיין איבעריגע טרחה אויף א מענש, וועלכע זאָל זיין גרעסער ווי ער איז ביכולת צו דערטראָגען, ווי דער פסוק זאָגט „איש כמתנת ידו". טאָר נישט דער מענש דערפאַר זאָגען: „איך וועל עסען און טרינקען און איך וועל מיך אָנזעטיגען פריהער, און וואָס עס וועט דערנאָך בלייבען, וועל איך אוועקגעבען צו אָרימע לייט", ווייל פריהער פאר אלעמען דארף מען מכבד זיין די היילינע געסט, וואָס מען האָט פארבעטען און די אָרימע לייט דארפען עסען זייער חלק. און ווען מען איז מכבד די געסט און מען זעטיגט זיי אָן, פרעהט זיך דער אויבערשטער מיט אזא מענש. זאָגט אברהם וועגען איהם דעם פסוק

אונזערע „געהויבענע געסט" לכבוד סוכות

„אז תתענג על ה'" און יצחק זאָגט ווענען איהם „כל כלי יוצר עליך לא יצלח". דערנאָך טוט יעקב א זאָג „אז יבקע כשחר אורך" — און זאָגען זאָגט ער דאָס, ווייל דאָס וואָרט „יבקע" האָט דיזעלבע אותיות ווי יעקב.

געדאַנקען-שפּריצלעך לכבוד סוכות

וואָס מען זאָגט אין תפלת גשם: „זכור טען מקלו ועבר ירדן מים, לכן הבטחתו היות עמו באש ובמים", וואו עס ווערד אויסגע־דריקט, אז דער אויבערשטער האָט צוגעזאָגט יעקב'ן, צו זיין מיט איהם אין פייער און אין וואסער, האָט מען דעם דאָזיגען צוזאָג פונ'ם אויבערשטען געזוכט אין דער תורה און מען האָט איהם געפונען אין ישעיה (קאפּיטעל מ"ג פסוק ב'), וואו ער זאָגט: „כה אמר ה' בוראך יעקב וכו', כי תעבור במים אתך אני ובנהרות לא ישטפוך, כי תלך במו אש לא תכוה ולהבה לא תבער בך". (ווען דו וועסט געהען דורך'ן וואסער, בין איך מיט דיר, און אז דו וועסט דורכ־געהען אין טייכען, וועלען זיי דיך נישט פאַרפלייצען; ווען דו וועסט געהען אין פייער, וועסטו נישט אָפּגעבריהט ווערען און א פלאַם וועט דיך נישט פאַרברענען).

שמחת-תורה — פלעגט זאָגען א גרויסער חסידישער רבי — איז באַשטימט געוואָרען נישט בלויז, אז דער איד זאָל זיך פרעהען מיט דער תורה, נור הויפּטזעכליך, אז די תורה זאָל זיך פרעהען מיט'ן איד.

וועגן ספר „קהלת"

דער ספר „קהלת", וועלכען מיר לייענען אים סוכות, איז א זאמלונג פון כל מיני חרטה'ס. זאָגט אויף דעם דער דובנא'ר מגיד, אז עס איז דער שטייגער ביי יעדען מענש, ווען ער קומט אויף דער עלטער און ער הויבט אָן צו מאכען א „חשבון הנפש" וועגען אלע־מען, וואָס ער האָט אויפגעטהון וועהרענד דער גאנצער צייט פון זיין לעבען, דאכט זיך איהם, אז בלויז ער האָט געהאַט א טעות אין זיינע חשבונות און בלויז ער האָט שלעכט געלעבט. דאגעגען האָט יעדער אנדערער געלעבט קליגער און גליקליכער פון איהם.

אַט אזוי טראַכט יעדער איינער. זיינען דערפאר אין „קהלת" צונויף־געזאַמעלט די חרטה'ס פון כל המינים טיפּען, פון יעדען ארט און שטייגער לעבען. איז דאָס געגליכען צו'ן א חברה בלינדע בעט־לער, וועלכע שטעהען אין גאס און בעטען נדבות. געהט פארביי איינער א לץ און ער טהוט א זאָג: „נאַט'ס אייך, אַט האָט איהר דאָ א גאַנצען דאָלאַר און טיילט'ס אייך איין מיט דעם!" — מיינט יעדער פון די בלינדע, אז דער אנדערער האָט דעם דאָלאַר באַקומען. אָבער אין אמת'ן לעבט יעדער אין א טעות, ווייל קיינער האָט גאָר נישט באַקומען!...

צוקומענדיג צום פסוק „יוסיף דעת יוסיף מכאוב", פלעגט ר' מענדעלי קאָצקער זאָגען: „זאָל אפילו וועה טהון, אבי עס זאָל זיין מעהר דעת!"...

וואָס דער פסוק זאָגט: וראיתי אני שיש יתרון לחכמה מן הסכלות", האָט איינער פון די מפרשים געפרעגט: „וואָס איז דאָ די רבותא, ווען יעדער פארשטעהט, אז די חכמה איז באַפאָרצוגט?" — האָט דאן דערזעלבער מפרש געענטפערט, אז קהלת מיינט דאָ צו זאָגען, אז דער חכם קען זיך מאכען פאר א נאַר, ווען ער וויל, אָבער דער נאַר קען זיך נישט קיינמאָל מאכען פאר א חכם...

וועגען ספר „קהלת"

וואס דער פסוק זאגט: „לכל זמן", האט דער חתם־סופר ער־קלערט, אז דאס מיינט, וואס די מענשען ווארפען געוועהנליך די שולד פון אלעמען אויף דער צייט. אויף אלע עוולות, וואס זיי באגעהען, האבען זיי שטענדיג איין תירוץ: די צייט איז שולדיג!...

„עת ספוד ועת רקוד" האבען צווישען זיך די עהנליכקייט, וואס מען איז אין ביידע פאלען שטארק מגזם, סיי ביי „עת ספוד", ווען מען איז מספיד א נפטר — און סיי ביי „עת רקוד", ווען מען טאנצט אמאל אויף א שמחה.

איינער א משכיל, וועלכער האט געשריבען אידיש און העברע־איש, האט דעם דאזיגען פסוק אנדערש ערקלערט. דאס ווארט „ספוד", האט ער געזאגט, איז אותיות „דפוס" — און דאס ווארט „רקוד" איז אותיות „דרוק". וויל אונז דער פסוק זאגען, אז ווער עס וויל דער־לייגען געלד, זאל דרוקען העברעאישע ספרים, וואס אויף זייער שער־בלאט שטעהט „דפוס", און ווער עס וויל פארדיענען געלד, זאל דרוקען אידישע ספרים, וואס אויף זייער שער־בלאט שטעהט „דרוק".

האט אן אנדערער אויף דעם געענטפערט, אז עס קען זיין פאר־קעהרט און עס קען אויך זיין, מען זאל ביי ביידע שפראכען דארפען דערלייגען...

אויף דעם, וואס דער פסוק זאגט „עת לחשות ועת לדבר", איז צו באמערקען, אז ביי יעדען פון די „עת'ן", וואס קהלת רעכענט אויס, איז פארהאנען א מיטעלוועג, א שטייגער ווי ביי „עת לאהוב ועת לשנוא", איז פארהאנען גלייכגילטיגקייט, ווען איינער האט נישט ליעב און נישט פיינט, ביי „עת לבכות ועת לשחוק" איז אויך פאר־האנען א מיטעלוועג, ווען איינער זיצט שטיל, נישט ער וויינט און נישט ער לאכט. טא וואו איז דער מיטעלוועג פון „עת לחשות ועת לדבר".

זוכענדיג דעם דאזיגען מיטעלוועג, זיינען אמאל עטליכע משכילים געגאנגען הערען דעם „סוירמאן" פון א מאדערנעם אמעריקאנער ראבאי — און ווען זיי זיינען נאך'ן „סוירמאן" אוועקגעגאנגען פון דער סינאגאגע, האט איינער פון זיי א זאג געטהון: אט האט איהר געקענט אין דעם נור וואס געהערטען „סוירמאן" אויסגעפינען דעם מיטעלוועג פון „עת לחשות ועת לדבר". אזא „סוירמאן", ווי מיר האבען דא געהערט איז נישט געשוויגען און נישט גערעדט!...

נייע האָריזאָנטען

וואָס דער פסוק זאָגט : „אדם אחד מאלף מצאתי", טייטשט דער „בינה לעתים", אז פון טויזענד מענשען וואָלט מען אפשר געקענט צוזאמענשטעלען איין מענש א ריכטיג פאָלקאָמענעם, ווייל געוועהנליך איז איינער א בן־תורה, א צווייטער איז א ירא־שמים, א דריטער איז א בעל־צדקה, א פערטער איז אַן עניו, א פינפטער איז א דובר־אמת און אזוי ווייטער. וויל מען אָבער האָבען אַן „אדם שלם", דארף מען צונויף־נעהמען אזעלכע טויזענד מענשען מיט זייערע אלע גוטע מדות, וועט מען אפשר באקומען איינעם א ריכטיגען . . .

וואָס דער פסוק זאָגט „לא לחכמים לחם", פרעגט די וועלט א קשיא, פאר־וואָס עס שטעהט דאָ „לחכמים" אין לשון רבים? — האָט איינער אויף דעם געענטפערט, אז קהלת וויל אונז דאָ זאָגען, אז דער ערגסטער משא־ומתן איז, ווען ער ווערד געפיהרט פון צוויי חכמים, וואָס יעדער פוןביידען באמיהט זיך, איבערצוקלינגען דעם צווייטען. איז דאן דער סוף, אז זיי קענען נישט ביידע האָבען קיין ברויט . . .

פּענטאַקאַם בענשט „גשם״

געווען איז דאָס ביים ענדע פונ׳ם דריטען יאָהרהונדערט לויט קריסטליכער צייטרעכענונג, ארום 230 יאָהר נאָך׳ן „חורבן בית שני״, איז דאַן דאָס לעבען פון די אידען אין ארץ־ישראל געווען זעהר טרויעריג. אין ירושלים האָבען זיי נישט געטאָרט וואוינען און דער גייסטיגער צענטער זייערער איז געווען אין דער שטאָדט צעזאַרעא, וועלכעס האָט געהייסען אין העברעאיש „קיסרי בת אדום״, וואו זיי זיינען געשטאַנען אונטער דער בייטש פונ׳ם רוימישען שטאַטהאַלטער, אין וועמעס אויגען זייער גאַנצע ווערדע איז געווען, וואָס מען האָט ביי זיי געקענט ארויסקוועטשען דאָס לעצטע ביסיל מאַרך פון די ביינער פאַר שטייערען.

אין יענער צייט האָט אמטירט אלס „נשיא״ — ר׳ יהודה נשיאה דער צווייטער, און דער אָרט פון זיין אַמט איז געווען די שטאָדט סעפהארים (צפורי). האָט דאָרט די רוימישע רעגירונג נישט געלאָזט אָנהאַלטען קיין ישיבה, איז דאַן דער גייסטיגער קאָפּ פון די אידען אין ארץ־ישראל געווען ר׳ אבהו דקיסרין.

האָבען דערפאַר די גוים געדענקט, אז אזוי ווי דער אויבערשטער האָט די אידען פארלאָזען און ער האָט אויך געלאָזט פאַרברענען זייער הייליגטום, מעג מען אויף זיי ארומטרעטען, ווי ווייט עס גלוסט זיך נור.

פלעגט מען דאַן חוזק מאַכען פון די אידען אין די טעאַטערס, וואו מען פלעגט ארויספיהרען אויף דער טעאַטער־ביהנע א קעמעל מיט אן ארונטערגעלאָזטען קאָפּ, האָט דאַן איין טעאַטער־שפּיעלער געפרעגט דעם אנדערן: „קענסטו מיר נישט זאָגען, וואָס עס איז עפּיס געשעהען, אז דאָס דאָזיגע קעמעל איז צוליעב דעם אזוי שטאַרק פארטרויערט?״ — האָט דער אַנדערער געענטפערט: „ווייסט דאָך, אז דאָס היינטיגע יאָהר איז שמיטה ביי אידען, האָבען זיי נישט קיין תבואות צו עסען, איז ער דאָדורך טרויעריג!״

— און פאַרוואָס איז היינט אויל אזוי טייער? — פרעגט ווייטער יענער טעאַטער־שפּיעלער.

— ווייסט נישט? — ענטפערט דער אנדערער — אזוי ווי די

נייע האַריזאָנטען

אידען היטען שטאַרק אָפּ זייער שבת, עסען זיי דעמאָלט אויף אַלסדינג, וואָס זיי קלויבען צונויף א גאַנצע וואָך, האָבען זיי אָבער נישט געגנוג האָלץ, צו הייצען פאַר אַזוי פיעל קאָכען, פאַרברענען זיי דער־פאַר זייערע בעטען, מוזען זיי דערנאָך שלאָפען אויף דער ערד, וואָל־גערען זיי זיך דאָן אין שטויב און מוזען זיך צוליעב דעם שמירען מיט אויל, איז דערפאַר אויל אַזוי טייער!

און ווען עס האָט זיך אַמאָל דעם רוימישען שטאַטהאַלטער אין ארץ־ישראל פאַרגלוסט, אַז זיינע לעגיאָנערען זאָלען קענען א שטיף טהון צווישען אידען, איז ער פאַר א טאָג אָדער צוויי אוועקגעפאָהרען פון צעזארעא, זיינע לעגיאָנערען זאָלען קענען פּאַגראַמירען די אידען און ראַבעווען זייער האָב און גוטס. און טאָמער האָבען יענע לעגיאָ־נערען אין וועלכען אידישען הויז נישט געפונען וואָס צו ראַבירען, האָבען זיי דעם באַלעבאָס אוועקגעשלעפּט אין געפאַנגענשאַפט און פאַרקויפט פאַר א שקלאַף.

זיינען אבער אמאָל די אידען אין צעזארעא ארויסגעגאַנגען זיך וועהרען געגען די אָנפאַלער און צום מעהרסטען האָט זיך אויסגע־צייכענט איינער א שמיד מיט'ן נאָמען טאבאי. מיט א האַמער אין דער האַנד האָט ער זיך געוואָרפען אויף די לעגיאָנערען און אויף אַזאַ אופן האָט ער אָפּגעראַטעוועט פיעלע אידישע לעבענס. האָבען איהם דאָן די לעגיאָנערען געחאַפּט, געבונדען אין קייטען און אריינ־געוואָרפען אין תפיסה.

האָט ער געהאַט א פרוי, וועלכע האָט אָנגעווענדעט פאַרשידענע מיטלען, דעם מאַן צו באַפרייען. האָט זי אָבער נישט מעהר פאַר־מאָגט ווי איהר שעהן פּנים און א ים מיט טרערען, וואָס האָט גע־קענט ווייך מאַכען א שטיין, נור נישט די לעגיאָנערען, וועלכע האָבען איהם ארעסטירט.

איז זי אוועקגעגאַנגען צום פאָרשטעהער פון די אידען אין צעזארעא, צו ר' אבהו הייסט עס, וועלכער איז געווען א גרויסער חשוב ביי די באַאַמטע פון דער רוימישער רעגירונג, ווייל חוץ דעם וואָס ער איז געווען אַן אויסערגעוועהנליך געלערנטער מענש און באַהאַוועט אין דער גריכישער שפּראַך, אויף וועלכער ער האָט געקענט ריידען ווי אַן אמת'ער גריך, איז ער אויך געווען זעהר רייך — און ווען ער פלעגט קומען אין באַזוך צום קייזערליכען שטאַטהאַלטער, פלעגט איהם דעם שטאַטהאַלטער'ס דינערשאַפט אַקעג־גענקומען מיט א ספּעציעלער באַגריסונג, וועלכע האָט אויסגעקלונגען

פענטאַקאַכאָם בענשט „גשם"

אין א לויבגעזאַנג מיט די ווערטער: „אָט איז דער גרעסטער פון זיין פאָלק, דער פיהרער פון זיין אומה, דאָס שטיק ליכטיגקייט, געבענשט זאָל זיין דאָס קומען זיינס אין פריעדען !"

האָט איהם יענע פרוי דערצעהלט איהר גרויסע צרה. אזוי ווי דאָס איז אָבער געווען אין א צייט, וואָס ר׳ אבהו האָט גראָד דעמאָלט געדאַרפט אוועקגעהן צום שטאַטהאַלטער׳ס פּאַלאַץ, איהם איבער־בעטען, וואָס די אידען האָבען זיך אקעגענגעשטעלט זיינע לעגיאָ־נערען, האָט ער זיך אפילו נישט רעכט צוגעהערט צו איהרע טענות.

— רבי ! — האָט די פרוי געזאָגט — נור דו קענסט מיר העלפען, און ווען דו וועסט מיר נישט העלפען, קומט מיר נישט אנדערש אויס, נור איך זאָל מיך ווארפען אין ים אריין !

האָט ר׳ אבהו פאַרקנייטשט דעם שטערען און ער האָט א זאָג געטהון :

— עס טהוט מיר לייד, וואָס איך קען דיר נישט העלפען. מיר לעבען היינט אין זעהר שלעכטע צייטען. די שווערד פונ׳ם שונא שוועבט איבער אונזערע קעפּ און מיר מוזען צונויפנעהמען אלע אונ־זערע כחות, צו אָפּווענדען די דאָזיגע סכנה. אלע אונזערע געדאַנקען דאַרפען דערפאַר געהן אין איין ריכטונג, אָפּצוראַטעווען דעם כלל.

און ווען ר׳ אבהו האָט געזעהען, אז די פרויקע פאַרשטעהט וויניג פון דעם, וואָס ער רעדט צו׳ן איהר, האָט ער זיך באַשטרעבט, איהר דעם ענין בעסער פאַרשטענדליך צו מאַכען — און ער האָט געזאָגט :

— דיין מאַן איז צוזאַמען מיט אנדערע ארויסגעטראָטען געגען רוימישע לעגיאָנערען, האָט מען איהם געחאַפּט און אריינגעוואָרפען אין תפיסה. ער איז איבערהויפּט נישט דער איינציגער און מיר קענען נישט אַלעמען אויסקויפען. איך וויל נישט זאָגען, אז זיי האָבען שלעכט געטהון, אָבער צוליעב זייער ארויסטרעטען געגען די לעגיאָנערען דאַרף איך יעצט געהן, דעם שטאַטהאַלטער איבער־בעטען. קענסטו זיך אפילו נישט פאָרשטעלען, וויפיל געלד עס נויטיגט זיך צו דעם, אז דער שטאַטהאַלטער זאָל זיין גנעדיג צו אונז. קענסט זיך גאָר נישט משער זיין, וויפיל מתנות מיר מוזען איהם געבען פאַר זיין פרוי, פאַר זיינע פּילגשים, פאַר זיינע ראַטהגעבער און פאַר זיינע קנעכט. איז עס דערפאַר ממש א חטא, איך זאָל מיך אין אַזאַ צייט אינטערעסירען פאַר א יחיד.

נייע האַריזאָנטען

מיט אַמאָל איז אַלע ווערטער האָט ר׳ אבהו אפּגע׳פּטר׳ט די אומ־גליקליכע פרוי. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעטהון זיינע יום־טוב׳דיגע בגדים און ער איז געגאנגען צום שטאָטהאַלטער. האָט עס אָבער אַ גאַנצען וועג געעגבערט אין זיין מוח, וואָס ער האָט נישט ערפילט דעם פאַרלאַנג פון יענער פרוי, איבערהויפּט וואָס ער האָט איהר נישט וויינינגסטענס געגעבען אַ וואָרט פון טרייסט.

איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז ער דאַרף אפשר די פרומע צוריקרופען און טהון איהר באַגעהר. איז ער אָבער דערוויַיל אָנגע־קומען צום פּאַלאַץ פונ׳ם שטאָטהאַלטער און ער האָט געדאַרפט נעהמען אויף׳ן זינען, וואָס ער זאָל דעם שטאָטהאַלטער זאָגען.

דערנאָך האָט ר׳ אבהו דעם גאַנצען ענין פאַרגעסען, אָבער די פרומע האָט דאָס נישט געקענט פאַרגעסען. נאָך די ווערטער פון ר׳ אבהו האָט זי זיך אין איהר פאַרלאַנג, דעם מאַן אויסצוקויפען, נאָך מעהר פאַר׳עקשנ׳ט.

און אין אַ געוויסען פריהמאָרגען, ווען פענטאַקאַכאָס, דער פאַרוואַלטער פונ׳ם טעאַטער אין צעזארעא, איז געשטאַנען פאַר זיין טעאַטער און ער האָט צוגעקוקט, ווי מען פּוצט אוים דאָס הויז פון אויסענוויינינג און פון אינעווייניג, האָט ער באַמערקט אַ פרוי, וועלכע האָט זיך אוועקגעשטעלט צווישען די זיילען און האָט צו׳ן איהם מיט זשעדנע אויגען געקוקט.

פענטאַקאַכאָס האָט גוט געקענט אַלע „קורטיזאַנען" פון זיין טעאַטער, גלייך ווי יענע אַלע פרויען, וואָס האָבען זיך געדרעהט אַרום טעאַטער, ווייל זיי האָבען דאָ געהאַט די געלעגענהייט, צו דיענען מיט זייער קערפּער צום פאַרגעניגען פון די מענער. אַלעמען האָט פענטאַקאַכאָס גוט געקענט, ווייל זיי האָבען איהם געבראַכט זיין פּרנסה. ער פלעגט זיי נאָכטראָגען די קליידער צום באָד, גלייך ווי ער האָט זיי געדאַרפט באַלוסטיגען, זינגען פאַר זיי ליעבעס־לידער, קלאַפּען אין פּויק און טאַנצען פאַר זיי. די פרויען פלעגען זיך אויך לאָזען פון איהם שמירען און זאַלבען, גלייך ער וואָלט גאָר נישט געווען קיין מאַנסביל.

דעם נאָמען „פענטאַקאַכאָס" האָבען איהם די אידען אין צעזאַ־רעא געגעבען, ווייל זיי האָבען איהם חושד געווען, אַז ער איז דער ערשטער ביי די אַלע קורטיזאַנען און ער איז עובר מיט יעדער פון זיי פינף עברות. האָבען זיי אָבער נישט געוואוסט, אַז ער האָט

פענטאקאכאַס בענשט „גשם"

צו די אַלע ווייבער קיינמאָל נישט געהאַט קיין תאוה און זיי האָבען איהם גאָר קיינמאָל נישט געררייצט.

און ווען פענטאקאכאַס האָט יענע פרויקע געזעהען שטעהען צווישען די ציילען, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, אַז זי קעהר זיך גאָר נישט אָן מיט יענע ווייבער, וועלכע ער זעהט דאָ יעדען טאָג. איז ער צו׳ן איהר צוגעגאַנגען פרעגען, וואָס זי וויל.

האָט ער דאַן באַקומען צו זעהן אַ יונגע שעהנע אידישקע, וואָס די לויטערע מילך־ווייסקייט פון איהרע באַקען האָט ארויסגעשיינט פון דער שוואַרצער איינהיל, מיט וועלכער איהר קאָפּ איז געווען באַדעקט.

— אידישקע! — האָט דאַן פענטאקאכאַס אַ זאָג געטהון — צו וואָס ביזטו דאָ געקומען?

— מיין קערפּער וויל איך פאַרקויפען! — האָט די פרויקע געענטפערט — און ווער עס וועט מיר באַצאָהלען, דעם וועל איך געבען אַ נאכט פון ליעבע!...

— וואָס רעדסטו? — האָט פענטאקאכאַס אַ זאָג געטהון אַ דערשראָקענער — אַ אידישע קורטיזאַנע וועט דאָ קיינמאָל נישט האָבען קיין פּלאַץ און דאָרט וואו איך וועל זיין, וועט אַ אידישקע נישט אוועקגעבען איהר קערפּער צו די גוי׳שע הולטאַיעס!...

און ווען ער האָט געזעהען, אַז די פרויקע בלייבט שטעהן אַ פאַרציטערטע, האָט ער זי געפרעגט:

— ווער ביזטו און צו וואָס ווילסטו דאָס טהון?

— איך האָב נישט קיין אַנדערע ברירה! — האָט די פרויקע געענטפערט און אַ טייך טרערען האָט זיך דאַביי געגאָסען פון איהרע אויגען — מיין מאַן איז געפאַנגען אין תפיסה און איך האָב נישט די מיטלען, איהם פון דאָרט אויסצוקויפען. האָב איך נישט קיין אַנדערן אויסוועג.

— צו וואָס געהסטו דאָס טהון, ווען דו ועסט שפּעטער ווי אַ פאַראומרייניגטע סיי ווי נישט קענען מעהר צוזאַמען לעבען מיט דיין מאַן? — האָט פענטאקאכאַס געפרעגט.

— אָפּצוראַטעווען מיין מאַן פון תפיסה, איז מיר נישט קיין קרבן צו טייער! — האָט די פרוי געענטפערט. — וועל איך זיין צופרידען, ווען עס וועט זיך מיר איינגעבען, אָפּצוראַטעווען דאָס לעבען פון מיין מאַן דורך מיין זינד!

נייע האָריזאָנטען

האָט פענטאקאכאָס געקנייטשט דעם שטערען און נאָך אייניגע אויגענבליקען נאָכדענקען האָט ער א זאָג געטהון:

— איך וויל נישט און איך וועל עס נישט דערלאָזען, אז א אידישע טאָכטער זאָל ווערען א קורטיזאנע, און ווי ווייט איך קען, וועל איך דיר העלפען, דו זאָלסט דאָס נישט דארפען טהון!...

מיט טרערען אין די אויגען האָט די פרויקע צו פענטאקאכאָס'ן געקוקט און ער האָט ווייטער געזאָגט:

— דאָס גאנצע פארמעגען מיינס באשטעהט פון אן עלפענביינערנע בעט מיט צוויי אויסגעשטיקטע קישענס, וואָס איך האָב אמאָל באקומען א מתנה פון א קורטיזאנע, וועל איך דאָס פאר דייגעטוועגען פארקויפען, דו זאָלסט קענען דיין מאַן אויסקויפען פון זיין תפיסה און דיין קערפער זאָלסטו קענען האַלטען ריין, ביז ער וועט צוריקקומען!

האָט פענטאקאכאָס צוגעהאלטען, וואָס ער האָט געזאָגט — און עטליכע וואָכען שפּעטער איז טאבאי דער שמיד, דער מאַן פון יענער פרויקע, אהיים־געקומען פון דער תפיסה.

דערווייל איז אָנגעקומען דער חודש מרחשון, ווען מען פלעגט אין ארץ־ישראל דארפען פאסטען און גאָט בעטען אויף רעגען. און אזוי ווי דער אַסיענדיגער רעגען, וועלכער הייסט אין העברעאיש „יורה", האָט זיך דעמאָלט אין יענעם יאָהר שטארק פארשפּעטיגט, האָט ר' אבהו פון צעזארעא גוזר תענית געווען און ער האָט זיך צונעגרייט, תפלה צו טהון צום אויבערשטען וועגען דעם נויטיגען רעגען.

האָט מען דאַן ארויסגענומען דעם ארון־קודש אין גאַס, באַשאָטען איהם מיט אַש און אלע מענשען פון גרויס ביז קליין, וואָס האָבען זיך ארום דעם ארון־הקודש צונויפגעקליבען, האָבען אויסגעבראָכען אין א יאָמער־געשריי, וועלכעס האָט הימלען געשפּאָלטען.

דערנאָך איז ר' אבהו צוגעגאנגען צום ארון־הקודש און ער האָט היים געבעטען, דער אויבערשטער זאָל האָבען רחמנות און געבען א רעגען. האָט זיך אָבער דער אויבערשטער נישט געוואָלט צוהערען צו זיין געבעט און עס האָט זיך אפילו דאָס קלענסטע וואָלקענדעל נישט באוויזען.

האָט זיך דאָס נעמליכע ווידערהאָלט אויף'ן אנדערן טאָג און עס איז ווייטער נישט געגאנגען קיין רעגען.

פענטאַקאַכאַם בענשט „גשם"

און אזוי ווי די גוים אין צעזאַרעא האָבען געזעהען, אז די אידען פועל'ן נישט גאָר מיט זייערע תפלות, האָבען זיי געגלויבט אין דעם, וואָס זייערע „געלעהרטע" האָבען זיי איינגערעדט, אז דער אויבערשטער האָט אוועקגעוואָרפען זיין פאָלק ישראל און ער וויל זיי נישט מעהר קענען. האָבען זיי זיך דערפאַר צוגעגרייט צו א נייעם אָנפאַל אויף אידען.

האָט דאַן ר' אבהו געבעטען ביי גאָט, ער זאָל איהם וויניגס־טענס לאָזען וויסען אין א חלום, אז ווען און אנדערער וועט בעטען אויף רעגען, וועט עס העלפען. האָט ער דאַן געזעהן אין חלום, ווי ער שטעהט איינגעהילט אין טלית, דעם קאָפּ מיט אש באַשאָטען, צו בעטען אויף רעגען און די זון לאַכט איהם אין פנים אריין און זי זאָגט:

— דו ביזט זינדיג און נישט דיך וועט דער אויבערשטער הערען, צו געבען רעגען!

— טאָ ווער דען זאָל זיך אוועקשטעלען בעטען? — האָט ער אין חלום געפרעגט.

איז ארויסגעקומען א האַנד און זי האָט אויפגעשריבען אין די וואָלקענס דעם נאָמען „פענטאַקאַכאָם".

האָט דאַן ר' אבהו געשיקט רופען דעם פענטאַקאַכאָם און ער האָט צו'ן איהם אזוי געזאָגט:

— עס איז דער ווילען פונ'ם אויבערשטען, דו זאָלסט זיך אוועקשטעלען פאַר איהם בעטען אויף רעגען!

פאַרבליפט פון אזא פלוצימדיגען פאַרלאַנג איז פענטאַקאַכאָם געבליבען שטעהן א דערשראָקענער. פאַרציטערט זיינען אויך אלע אידען אין צעזאַרעא יענעם טאָג געשטאַנען, צוצוהערען זיך צו דער תפלה פון פענטאַקאַכאָם, און פענטאַקאַכאָם האָט זיך אוועקגעשטעלט לעבען ארון־קודש און ער האָט געזאָגט:

— רבונו של עולם! דו ווייסט עס זעהר גוט, אז איך וואָלט נישט קיינמאָל געהאָפט אויף דעם, אז אזא זינדיגער מענש ווי איך זאָל דאַרפען זיין דער שליח פון דיין הייליג פאָלק ישראל. נור אויב דאָס איז דיין ווילען, טאָ זאָל אויך זיין דער ווילען פון דיר, דו זאָלסט זיך צוהערען צו מיין תפלה, חאָטש איך בין עס נישט ווערטה. געדענק דעם זכות פון אלע דיינע צדיקים און גיב דיין רעגען צו דיין געפייניגט פאָלק!

נייע האָריזאָנטען

ר׳ אבהו האָט אויך דעם פענטאקאכאס אויסגעלעהרענט זאָגען „משיב הרוח ומוריד הגשם״ — און אזוי ווי פענטאקאכאס האָט דאָס געזאָגט, האָט זיך דער הימעל באַלד פארוואָלקענט און עס האָט אָנגעהויבען רעגענען.

— ווער ביזטו? — האָט איהם דאַן ר׳ אבהו געפרעגט.

— מען רופט מיך פענטאקאכאָס! — האָט דער מענש געענטפערט.

— דאָס ווייס איך! — האָט ר׳ אבהו געזאָגט — אָבער פאַרוואָס רופט מען דיך מיט אזאַ מיאוס׳ן נאָמען?

— „פענטאקאכאָס״ מיינט א פינף מאָל זינדיגער — האָט יענער געענטפערט — ווייזט מען מיר מיט מיין נאָמען, אז איך טהו יעדען טאָג פינף עברות, דהיינו: איך טראָג די מלבושים פון די קורטיזאנעס אין באָד אריין; דערנאָך פייקעל איך פאר זיי, ווען זיי געהען איבער דער גאַס; איך זינג אויך פאַר זיי עראָטישע ליעדער, צו רייצען די מענער, אין וועמעס אָרעמס זיי ליגען; דערנאָך טאַנץ איך פאַר זיי און איך נעהם פאר דעם אַלעמען באצאָהלט.

— און ווי אזוי ביזטו זיך נוהג מיט די קורטיזאנעס אליין?

— האָט ר׳ אבהו ווייטער געפרעגט — זינדיגסט דו אויך מיט זיי?

— נישט נור, וואָס איך זינדיג נישט מיט זיי — האָט פענטאַקאָכאָס געענטפערט — נור עס קומט מיר אפילו נישט אויף די געדאנקען, אז דאָס זיינען פרויען. ווי ווייסע געגנז זיינען זיי אַלע אין מיינע אויגען, אפילו ווען איך זעה זיי נאַקעטערהייד.

— איז דאָס זעהר שעהן פון דיר — האָט ר׳ אבהו געזאָגט — אָבער ווי איך דענק, איז דאָס נאָך נישט גענוג, אז דער אויבערשטער זאָל זיך בעסער צוהערען צו דיין תפלה ווי צו מיינער! מוזטו דערפאַר האָבען געטהון אמאָל עפּעס אן אַנדערע גוטע זאַך, וואָס איהר גרויסער זכות שטעהט פארשריבען אין הימעל אויף דיין חשבון.

— קען איך מיך נישט גאַר אזוינס דערמאָנען! — האָט פענטאַקאָכאָס געענטפערט.

— דערמאָן זיך, איך בעט דיך! — האָט ר׳ אבהו ווייטער געזאָגט.

האָט פענטאקאָכאָס אויף דעם געענטפערט:

— מיט עטליכע וואָכען צוריק איז צו מיר געקומען א יונגע אידישע פרויעע, זעהר א שעהנע, וועלכע האָט געוואָלט פארקויפען

פענטאקאכאס בענשט „גשם"

איהר קערפער, אויסצוקויפען איהר מאן פון דער תפיסה. האב איך פארקויפט מיין בעט און די כלים פון מיין געלעגער און איך האב איהר געגעבען דאס געלד, אויסצוקויפען איהר מאן פון דער תפיסה, אז זי זאל נישט דארפען זינדיגען.

— דאס איז עס! — האט ר' אבהו א זאג געטהון. — מיט דער איינער טהאט דיינער האסטו דיר געקויפט אן ארט צווישען אלע צדיקים פון דער וועלט!

אין דעמזעלבען אויגענבליק האט זיך אויך ר' אבהו דערמאנט יענע אומגליקליכע פרוי, וואס איהר מאן איז געווען אין תפיסה און ער האט זי אפילו נישט רעכט אויסגעהערט. האט ער דאן ווייטער געזאגט צו פענטאקאכאס:

— ווען דו האסט געטהון אזא זאך און דו האסט נישט געהאט דאביי קיין שום זייטיגען געדאנק, ביזטו פיעל ווירדיגער פון מיר, דער אויבערשטער זאל זיך צוהערען צו דיין תפלה!

הושענא־רבה ביי נאַכט

...און טויזענדער מאָל אין דער היינטיגער נאַכט,
ווען אויבען די הימלען זיך שפּאַלטען,
און ס'ווילען זיך הויבען צום כסא־הכבוד
פאַרבלאָנדזשעטע תפלות, זייט דורות באַהאַלטען —
זיי גרייכען נישט אָבער דעם ציעל, וואָס זיי ווילען,
חאָטש הימלען זיך שפּאַלטען...

...און טויזענדער מאָל אין דער היינטיגער נאַכט
לעבצט אימיצער טיעף נאָך א ברידערליך האַרץ —
און ס'בלייבט אויסגעשטרעקט אין דער לופטען זיין האַנד,
אזוי ווי א בעטלער, פול וועהטאָג, פול שמאַרץ,
און הויך די לבנה קוקט שמייכלענד אַרונטער —
און ס'דוכט זיך, אז אלסדינג געפאַרבט איז אויף שוואַרץ...

...און טויזענדער מאָל אין דער היינטיגער נאַכט,
ווען ד'זעה דאָ מיין שאָטען, וואָס געהט ביי מיין זייט,
זיך פּלאָנטערן ביי מיינע פיס אויף דער ערד,
בין איך צו דעם וויטערען לעבען געגרייט —
און ד'קוק צו דער בלייכער לבנה ארויף,
ווי איבער מיין גלויבען זי שמייכעלט זיך ברייט...

„שמחת תורה"

זייט ווען עקסיסטירט דער נאָמען „שמחת תורה" פאַר'ן ניינטען טאָג סוכות? וואו געפינען מיר דעם ערשטען מקור וועגען דעם?

האָבען די היסטאָריקער אָנגעוויזען אויף'ן זוהר פרשת פינחס, וואו עס ווערד געזאָגט: „ונוהגין למעבד חדוה ומתקריאת שמחת־תורה ומעטרין לספר־תורה בכתר דיליה".

דאָגעגען ווערד נישט דערמאָנט וועגען דעם אין תלמוד, חוץ עטליכע ווערטער אין מסכת מגלה (דף ל"א עמוד א'), וואו עס ווערד געזאָגט: „יום־טוב האחרון למחר קורין וזאת הברכה". עס ווערד אָבער נישט דערמאָנט דאָרט א וואָרט וועגען א ספּעציעלען יום־טוב מיט'ן נאָמען „שמחת תורה".

גענוי ווערד דער דאָזיגער יום־טוב דערמאָנט ערשט דורך די גאונים און בעלי־תוספות (א שטיינער ווי תוספות ביצה דף ו' עמוד ב'). עס ווערד אויך געבראַכט אויף'ן נאָמען פון רב עמרם גאון, אז מען איז זיך נוהג, צו מאַכען א יום־טוב שמחת־תורה, שטיצענדיג זיך אויף'ן מדרש שיר־השירים רבה (פרשה א' פיסקא ט'), וואו עס ווערד געזאָגט אויף'ן פסוק „ויעש משתה לכל עבדיו": „מכאן שעושין סעודה לגמרה של תורה".

עהנליכעס ווערד געזאָגט אויף'ן נאָמען פון רב האי גאון—און אינ'ם „בית־יוסף" צום טור אורח־חיים ווערד דער דאָזיגער יום־טוב דערמאָנט אלס „מנהג אשכנזים".

היוצא לנו מזה, אז דער יום־טוב „שמחת תורה" איז איינגע־פיהרט געוואָרען אין דער צייט פון די גאונים און אין די צייטען פון דער גמרא האָט מען איהם בלויז באַטראַכט אלס „יום־טוב שני של גליות" אָהן א באַזונדערן נאָמען.

בימים ההם — בזמן הזה

ליכטלעך פלאַמען, זיי ברענען שוין זייט לאַנגע יאָהרען,
ווי פייערלעך קליינע באַלייכטען זיי אונזער וועג;
זיי מאַכען אונז ליכטיג דאָס האַרץ אין צייטען פון וועהטאָג,
דערצעהלענדיג וואונדער פון אמאָליגע טעג.

שטעכען זיי אויך ווי א דאָרן די אויגען,
וויזענדיג אומגליקען פון פאַרגאַנגענע טעג און פון נעכט,
וואָס אויף מגילות פון פאַרמעט זיינען זיי לאַנג שוין באַשריבען —
פון צייטען אַמאָליגע, פון א מאַרטירעריש געפעכט.

דערמאָנט זיך דאָס האַרץ אין דעם ווילדען היינטיגען טומעל,
ווען אויף אומקום און טויט פאַרצווייפעלט אלעם געהט.
ווען געבויגען אויף א שיידוועג מיר שטעהען און קרעכצען,
קוויקענדיג זיך מיט אמאָליגער פרייד.

אַמאָליגע פרייד — אז וועה צו דעם פאָלק איז,
וואָס בלויז דאָס פאַרגאַנגענע אין יעדער רגע זעהט;
א פאָלק וואָס האָט אזוי פיעל באַזיעגט און איבערגעלעבט,
לעבט היינט בלויז אין זכות פון געוועזענער פרייד.

נישטאָ איז קיין פרייד, ווען עס קלעמט דיך א שנאה,
נישטאָ איז קיין הייטערקייט אין נאָהענט און ווייט;
וואַרימט אונז נישט מעהר די שיין פון די ליכטעלעך,
שטאַרט אויף אונז אַזאַ פוסטקייט פון א יעדער זייט.

דריי מאָמענטען אין משה רבנו'ס לעבען

משה'ס געבורט

אין דער צייט, ווענען וועלכער עס ווערד דאָ גערעדט, איז אויפגעשטאַנען א נייער קעניג אין מצרים, האָט ער זיך גערופען פרעה, גלייך ווי אַלע זיינע פאָרגענגער אויף'ן עגיפּטישען טהראָן. זאָגען איינע, אז ער איז געווען אן אייניקעל פון יענעם פרעה, וועל־כער האָט יוסף'ן דערהויבען צו דער מדרגה פון א „משנה למלך". זאָגען אַנדערע, אז ער איז געווען פון א גאַנץ פרעמדער אָפּשטאַמונג און ער האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות צו יענעם פרעה.

זיינען איהם אידען גרויס געווען אין די אויגען און ער האָט כסדר געזוכט פּלענער, זיי צו פּטר'ן.

פאַרניכטעט איז דאַן געווען די גאַנצע משפחה פונ'ם פריהער־ריגען קעניג, אויסגעשטאָרבען אין די מלחמות פונ'ם לאַנד, אדער אוועקגעפיהרט אין געפאַנגענשאַפט. האָט קיינער מעהר נישט גע־דענקט, וואָס יוסף האָט אויפגעטהון פאַר דער טובה פונ'ם לאַנד און יעדער האָט געקוקט אויף די אידען ווי אויף אומזיסטע עסער. דערצו האָט דער נייער קעניג געשטרעבט, צו באַפעסטיגען זיין ממשלה. האָט ער איינגעזעהען, אז מען דאַרף פאַר אַזאַ צוועק איינפיהרען נייע אָרדנונגען.

אין די ערשטע טהאָט זיינע געווען, צונויפצורופען א פאַר־זאַמלונג פון די עלטעסטע אין דער מדינה און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

„די אידען, וועלכע זיינען מיט צעהנדליגער יאָהרען צוריק געקומען אהער וואוינען, האָבען זיך אין פאַרלויף פון דער צייט אַזוי שטאַרק פאַרמעהרט, אַז זיי זיינען אונז שוין אריבערגעוואַקסען אין צאָהל. איז די דאָזיגע פאַרמעהרונג זייערע א גרויסע סכנה פאַר אונזער לאַנד, ווייל עס קען גאָר פּלוצים אויסברעכען א מלחמה

נעגען אונז, וועלען זיי אין אזא פאַל זיכער צושטעהען צו אונזערע שונאים און אונז אַלעמען פונ׳ם לאַנד פאַרטרייבען. דאַרף מען זיך צוליעב דעם נעהמען קעמפּפען געגען זיי מיט כח און דערצו מוז מען אויך געהן מיט שכל, זיי זאָלען נישט מערקען, וואָס מיר ווילען טהון״.

געוואוינט האָבען דאמאָלס אַלע אידען אין דער פּראָווינץ גושן, אין מזרח פון עגיפּטען, ביי די ברעגעס פונ׳ם טייך נילוס ביז העט צו דער מדבר ארום דעם ים־סוף. דאָרט האָט זיי יוסף באַזעצט, ווייל די ערד איז געווען א פרוכטבאַרע, פול מיט דער בעסטער פּאַשע — און זיי האָבען דאָרט געצויגען זייער חיונה פון האָדעווען שאָף, וואָס איז געווען פאַררעכענט ביי די מצריים פאַר זעהר א נידריגע מלאכה.

האָט מען די אידען קיינמאָל נישט פאַרגונען, וואָס זיי האָבען נעקראָגען אַלס אייגענטום די פרוכטבאַרע ערד פון לעבען טייך נילוס, וואו דער טייך גיסט אוים יעדעס יאָהר זיינע וואסערען, צו באַפרוכפּערען די פעלדער און צו מאַכען וואַקסען די בעסטע פלאַנצונגען. האָט מען אָבער גאָר נישט געקענט זאָגען, ווי לאַנג יוסף אָדער איינער פון זיינע ברידער האָט געלעבט. איז אזוי ווי דער לעצטער פון יוסף׳ס ברידער איז נור געשטאָרבען, האָבען די מצריים באַלד אָנגעהויבען אוועקנעהמען יענע פרוכטבאַרע פעלדער פון די אידען.

ווען דער נילוס האָט דאמאָלס פאַרפלייצט די געגענד, וואו די אידען האָבען געוואוינט, און זיי האָבען זיך געראַטעוועט אין אנדערע טיילען פונ׳ם לאַנד, האָבען זיי שוין די מצריים נישט געלאָזט צוריקגעהן צו זייערע היימען און האָבען זיי ארויסגעטריבען פון זייערע באַזיצונגען. און ווען די אידען זיינען געקומען זיך באַקלאָגען צום קעניג, האָט ער זיי אפילו נישט געוואָלט אויסהערען.

דערווייל האָט מען אויך אָנגעהויבען בויען צוויי פעסטונגען, וואו דער קעניג האָט געוואָלט באַהאַלטען זיינע וואפען פאַר דער צייט פון א מלחמה און איינאָרדנען שפּייכלערס תבואה פאַר א צייט פון הונגער.

אַט די צוויי פעסטונגען זיינען געווען די שטעדט פיתום און רעמסס. איז דאַן אויסגעקומען, אז דער בעסטער פּלאַץ פאַר אַזעלכע צוויי פעסטונגען איז דאָס לאַנד גושן, און אידען, האָט מען געדענקט, דאַרפען העלפען בויען די דאָזיגע פעסטונגען. גלייכ־

צייטיג האָט מען אויך באשלאָסן, אז ווען די פעסטונגען וועלן זיין פאַרטיג, וועט מען דאָרט אידען נישט לאָזן וואוינען.

האָט דאַן דער קעניג געלאָזט אויסרופען איבער'ן גאַנצען לאַנד, אז ווען די אידען, וועלכע זיינען ארויסגעטריבען געוואָרען פון זייערע וואוין־פלעצער, וועלען קומען ארבייטען ביי די פעסטונגען, וועט מען זיי גוט באַצאָהלען פאַר זייער ארבייט און מען וועט זיי אויך געבען נייע פעלדער, וואו זיי וועלען זיך קענען באַזעצען.

מיט אַ אזא צוזאָג האָבען די מצריים אריינגענאַרט די אידען צו דער ארבייט. מען האָט זיי אויך אין די ערשטע טעג פון זייער ארבייט מענשליך באַהאַנדעלט. מאַנכע טעג האָבען זיך די מצריים באַטייליגט מיט זיי צוזאַמען אין דער ארבייט און מען האָט נישט ארויפגעלייגט קיין שווערע משאות אויף די אידען'ס פּלייצעס. אזוי ווי מען איז אָבער אריינגעקראָכען טיעף אין דער ארבייט, האָבען זיך די מצריים ארויסגעדרעהט פון טראָגען משאות צום בוי פון די פעסטונגען און זיי זיינען געוואָרען די „אויפזעהער", אַכטונג צו געבען, אז די ארבייט זאָל דורכגעפיהרט ווערען וואָס שנעלער.

האָט מען שוין אָנגעהויבען טרייבען די אידען, צאָהלען זיי וואָס אַמאָל ווייניגער, ביז מען האָט זיי אין גאַנצען אויפגעהערט צו צאָהלען. דערנאָך האָט דער קעניג ארויסגעגעבען אַ געזעץ, אז די אידען זיינען שקלאַפען, פאַרפליכטעט צו טהון, וואָס מען וועט זיי הייסען, און טאָמער וועט איינער נישט וועלען פאָלגען, זאָל מען איהם צווינגען מיט דער בייטש.

נור די מענשען פון שבט לוי האָבען זיך נישט געלאָזט אריינ־נאַרען צו דער דאָזיגער ארבייט. זיי האָבען גוט פאַרשטאַנען די „קונץ" און זיי האָבען נישט געוואָלט קומען אויף'ן רוף פון'ם קעניג. זיינען זיי טאַקע געבליבען פריי די גאַנצע צייט פון'ם גלות, ביז די אידען זיינען ארויסגעגאַנגען פון מצרים. און ווייל די מענ־שען פון שבט לוי זיינען געווען פריי, האָט דאָס זיי געגעבען די מעגליכקייט, אז דער אויסלייזער פון'ם גלות זאָל ארויסקומען פון זיי, פון די פרייע מענשען.

האָבען די מצריים פאַרביטערט דאָס לעבען פון די אידען מיט כל־ערליי שווערע ארבייטען, געהייסען זיי קנעטען ליים און ברענען ציעגעל, בויען פעסטונגען און טהון אַלסדינג, וואָס אַ מצרי האָט געדאַרפט טהון אין זיין פעלד.

נייע האָריזאָנטען

דער צוועק דערפון איז געווען אויסצומאַטערען דאָס אידישע פאָלק, כדי צו פאַרמינדערען זייער צאָהל און זיי צו האַלטען אין א כסדר'דיגען יאָך. איז אָבער דאָס אומגעקעהרטע אַרויסגעקומען, אַז וואָס שווערער די מצריים האָבען מיט די אידען געאַרבייט, האָט זיך זייער צאָהל אַלץ פאַרגרעסערט.

זיינען זיך די עלטעסטע פונ'ם לאַנד ווידער צונויפגעקומען ביים קעניג צו א באַראַטהונג. האָט דאַן איינער פונ'ם קעניג'ס ראַטהגעבער אַזוי געזאָגט:

„וואָס דער קעניג האָט איינגעשפּאַנט די אידען אין א שווערער אַרבייט, איז אודאי זעהר א גוטע זאַך. דאָס דאַרף קיינמאָל נישט איבערגעאַנדערשט ווערען. זעהט מען אָבער, אַז דאָס העלפט כמעט גאָר נישט, צו פאַרקלענערען זייער צאָהל. דאַרף מען טראַכטען וועגען א שאַרפערען מיטעל. וואָלט אַלזאָ געווען מיין עצה, אַז דער קעניג זאָל רופען די אידישע הייבאַמען און זאָל זיי שטילערהייד אָנזאָגען, אַז ווען זיי וועלען קומען צו א אידישער „געווינערין" און זיי וועלען זעהען, אַז עס דאַרף דאָרט געבוירען ווערען א אינגעל, זאָלען זיי דאָס קינד טויטען".

איז די דאָזיגע עצה זעהר געפעלען געוואָרען דעם קעניג און אַלע זיינע ראַטגעבער און מען האָט באַשלאָסען אַזוי צו טהון.

האָט פּרעה געשיקט רופען די צוויי אידישע הייבאַמען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין גושן, וואָס איינע האָט געהייסען שפרה און די צווייטע האָט געהייסען פועה.

זיינען זיי געקומען צום קעניג. האָט זיי דער קעניג אָנגעזאָגט, אַז ווען זיי וועלען קומען צו א אידישקע, העלפען איהר ביי דער געבורט פון א קינד, און זיי וועלען זעהן אויפ'ן „בראָכשטוהל", אַז די פרוי געהט האָבען א אינגעל, זאָלען זיי דאָס קינד תיכף דער־ווערגען, איידער די מוטער וועט נאָך הערען זיין געשריי. און טאָמער וועלען זיי דאָס נישט טהון, האָט זיי דער קעניג געוואָרענט, וועט מען זיי פאַרברענען צוזאַמען מיט זייערע הייזער.

פאַרשטעהט זיך, אַז די אידישע הייבאַמען האָבען נישט גע־קענט פאָלגען אַזאַ באַפעהל און זיי האָבען געטהון פונקט פאַרקעהרט, ווי דער קעניג האָט געהייסען. האָט זיי דער קעניג ווייטער געשיקט רופען און ער האָט זיי פאַרגעוואָרפען, וואָס זיי פאָלגען נישט זיין באַפעהל, האָבען איהם די הייבאַמען געענטפערט, אַז זיי קענען גאָר נישט העלפען, ווייל די אידישע פרויען זיינען נישט ווי די מצרי'שע,

דריי מאָמענטען אין משה רבנו'ס לעבען

און איידער די הייבאם קומט נאָך צו געהן, האָט שוין די פרוי דאָס קינד.

האָט זיי דער קעניג געמוזט גלויבען און ער האָט זיך גענומען קלערען וועגען אַן אנדער מיטעל.

און אזוי ווי פרעה האָט געהאט ארויסגעגעבען זיין באפעהל צו די אידישע הייבאמען, איז דער באפעהל באלד באקאנט געוואָרען איבער גאַנץ גושן. האָבען זיך פיעלע אידען אָפּגעשיידט פון זייערע ווייבער, ווייל עס האָט זיך זיי נישט געוואָלט ברענגען קיין קינדער אויף דער וועלט, וואָס זאָלען זיין באשטימט צום טויט אין דער מינוט פון זייער געבוירען ווערען.

צווישען אָט יענע מענשען איז אויך געווען עמרם בן קהת פון שבט לוי, וועלכער איז געווען פארהייראט מיט זיין מוהמע יוכבד, די אינגסטע טאָכטער פון לוי בן יעקב.

האָט עמרם בן קהת געהאט א זעהר קלוגע טאָכטער מיט'ן נאָמען מרים, וועלכע האָט ארגומענטירט מיט איהר פאָטער, פאַרוואָס ער האָט זיך עפּיס אָפּגעשיידט פון איהר מוטער — און זי האָט כסדר צו איהם גע'טענה'ט, אז זיין טהאט איז ערגער ווי פּרעה'ס גזרה, ווייל פרעה האָט בלויז געהייסען טויטען די אינגלעך און ער, איהר פאָטער, וויל אויך, אז מיידלעך זאָלען נישט געבוירען ווערען. האָט זיך עמרם איבערצייגט, אז די טאָכטער זיינע איז גערעכט, האָט ער צוריק ארייגענומען זיין פרוי צו זיך אין הויז.

אין דערזעלבער צייט זיינען אָנגעקומען אין מצרים דריי גרויסע חכמים פון פרעמדע לענדער: איינער איז געווען בלעם בן בעור פון ארם נהרים, א צווייטער איז געווען איוב פון עוץ און דער דריטער איז געווען רעואל פון מדין, וועלכער האָט אויך געהייסען יתרו. האָט דער קעניג אויפגענומען די דאָזיגע דריי חכמים מיט'ן שעהנסטען כבוד און די הארען פונ'ם קעניגליכען ראטה האָבען זיך צוגעהערט צו זייערע ווערטער.

האָט דאַן פרעה געהאט א חלום, ווי ער זיצט אויף זיין קעניגליכען טהראָן און אַן אַלטער מאַן מיט א וואָג אין דער האַנד שטעהט אקעגען איהם. האָט דער דאָזיגער אלטער מאַן גענומען אַלע עלטעסטע פון מצרים, אַלע הארען און אלע קעניגליכע ראטהגעבער און ער האָט זיי צונויפגעוויקעלט אין א גרויסען קנויל און אוועקגעלייגט אויף איין וואָגשאָל. דערנאָך האָט ער גענומען א קליין וויים ציגעלע און ארויפגעלייגט אויף דער צווייטער וואָגשאָל.

גייע האָריזאָנטען

האָט דאָס קליינע ציגעלע אריבערגעוואויגען אלע עלטעסטע הארען און ראטהגעבער פון מצרים.

און ווי פרעה האָט אויפגעוואכט, האָט ער פארשטאַנען, אז עס שטעקט עפּעס א געהיימער וואונק אין דעם דאָזיגען חלום, האָט ער צונויפגערופען זיינע חכמים און חרטומים, זיי זאָלען איהם זאָגען דעם באַשייד פון זיין חלום.

האָט בלעם בן בעור געעפענט זיין מויל און ער האָט אזוי געזאָגט:

„דאכט זיך, אז א גרויס אומגליק דראָהט פאר מצרים. א קליין ווייס ציגעלע מיינט א קליין קינד פון יענעם פאָלק, וואָס גיט זיך אָפּ מיט האָדעווען שאָף. וועט פון דעם דאָזיגען פאָלק געבוירען ווערען א קינד, וועט עס פארניכטען אלע הארען און אלע קעניגליכע פּרינצען פון מצרים. דאַרף מען דאדורך אויסגעפינען אן עצה, צו הרג'נען יענעם אידישען אינגעל, וועלכער דאַרף געבוירען ווערען, איידער ער האָט נאָך געבראַכט דאָס אומגליק".

האָט דער קעניג אויף דעם געזאָגט:

„וואָס קען מען טהון, ווען אלע ביזאהעריגע מיטלען געגען אידען האָבען געבראַכט דאָס געגענטייל פון דעם, וואָס איך האָב געוואָלט?"

האָט דאן בלעם געזאָגט:

„זאָלען די אנדערע צוויי קעניגליכע יועצים, רעואל פון מדין און איוב פון עוץ, אויך זאָגען זייער מיינונג, וועל איך אפשר מיט זייער הילף אויסגעפינען די ריכטיגע עצה!"

האָט רעואל פון מדין גענומען דאָס וואָרט און ער האָט געזאָגט:

„ווען דער קעניג זאָל מיך וועלען הערען, וואָלט איך געזאָגט, אז ער דאַרף צו־רוהה לאָזען די אידען, ווייל זייער גאָט שטראָפט יעדען, וואָס פארטשעפּעט זיך מיט זיי. אָט ווייסט איהר, אז זייער עלטער־פאָטער אברהם איז אָנגעקומען אין מצרים, האָט ער געהאט מיט זיך זיין פרוי, וועלכע איז געווען זעהר א שעהנע, האָט דער דאָמאָלסדיגער פרעה חשק געהאט צו איהר. און אזוי ווי אברהם האָט געזאָגט, אז די פרוי איז זיינע א שוועסטער, האָט זי דער קעניג צו זיך גענומען. איז דער סוף דערפון געווען זעהר א שלעכ־טער. דער גאָט פון אברהם האָט פרעה'ן זעהר שווער געשטראָפט, ביז ער האָט געמוזט אברהם'ן בעטען, ער זאָל צוריקנעהמען זיין

דריי מאָמענטען אין משה רבנו'ס לעבען

ווייב. דאָסזעלבע איז אויך געשעהען מיט אבימלך דעם קעניג פון גרר. און ווען זייער פאָטער יצחק איז אָנגעקומען מיט זיין ווייב אין גרר, און דער קעניג האָט איהם געהייסען פארלאָזען דאָס לאַנד, איז דערזעלבער קעניג געווען שפּעטער געצוואונגען, צו שליסען מיט יצחק'ן א בונד, אז איינער זאָל נישט טהון קיין שלעכטס דעם אנדערן. און וואָס איז געשעהען מיט זייער פאָטער יעקב? האָט איהם דען נישט זיין גאָט אָפּגעראַטעוועט פון אלע געפאַהרען? איז דאָס נישט א באווייז, אז ווער עס פארטשעפּעט זיך מיט אידען, מוז עס טייער באַצאָהלען? וויל איך דערפאר ראטהען, דער קעניג זאָל די אידען אָפּלאָזען און זיי נישט משעפּען".

האָט פּרעה'ן זעהר פארדראָסען, וואָס רעואל פון מדין האָט געזאָגט. איז ער אויפגעשטאנען פון'ם טיש מיט כעס און ער איז ארויסגעגאנגען פון'ם צימער. האָט רעואל געזעהען, אז זיינע ווערטער זיינען נישט געפעלען געוואָרען, איז ער תיכף אוועקגעגאנגען, נישט זאָגענדיג מעהר קיין וואָרט.

ער האָט אויך דעמזעלבען טאָג פארלאָזען דאָס לאַנד מצרים און ער איז צוריקגעגאנגען אין זיין לאַנד מדין, וואו ער איז שפּעטער געוואָרען א פּריסטער אין זייער טעמפּעל.

צוריקקומענדיג אין צימער, האָט זיך דער קעניג געווענדעט צו איוב פון עוץ מיט דער פראַגע, וואָס איז זיין עצה צו טהון מיט די אידען.

האָט איוב אויף דעם געענטפערט:

„אלע איינוואוינער פון לאַנד זיינען אין דער האנט פון'ם קעניג, און וואָס דער קעניג וועט טהון, וועט אודאי זיין דאָס בעסטע".

האָט זיך דער קעניג געווענדעט צו בלעם בן בעור, וועלכער האָט אויף'ם ניי גענומען דאָס וואָרט, לאמר, אזוי צו זאָגען:

„וואָס דער קעניג וועט נישט אויסטראַכטען צו טהון צו די אידען, וועלען זיי זיך זיכער ארויסדרעהען דערפון אָהן א שאָדען. ווען זיי וועלען אין פייער פארברענען, וועט זיי זייער גאָט אפּראַטעווען, גלייך ווי ער האָט זייער פאָטער אברהם אָפּגעראַטעוועט פון'ם פייער, ווען נמרוד האָט איהם אריינגעוואָרפען אין קאלך־אויוועז. און ווען זיי וועלען מיט'ן שווערד פארניכטען, וועט זיי זייער גאָט אפּראַטעווען, ווי ער האָט אָפּגעראַטעוועט זייער פאָטער יצחק, ווען ער איז געלעגען אויף דער „עקדה". און ווען זיי וועלען פארניכטען דורך שווערע ארבייט, וועט זיי זייער גאָט אָפּראַטעווען,

נייע האַריזאָנטען

גלייך ווי ער האָט אָפּגעראַטעוועט זייער פאָטער יעקב, וועלכער האָט שווער און ביטער געאַרבייט ביי לבן הארמי. איז דעריבער מיין עצה, אז ווען דו ווילסט זיי אויך אן אמת פארניכטען, זאָלסטו היי־סען זייערע אינגלעך אריינוואַרפען אין וואסער, וועסטו אויף אזא אופן אָפּמעקען זייער נאָמען פון דער וועלט, ווייל אויף וויפיל איך וויים, האָט זייער גאָט נישט קיין שליטה איבער'ן וואסער און דער גאָט פון אונזער נילוס איז שטאַרקער פון זייער גאָט".

איז בלעם'ס עצה זעהר געפעלען געוואָרען דעם קעניג. האָט ער באַלד ארויסגעגעבען א געזעץ, אז יעדעס אינגעל, וואָס וועט פון היינט אָן געבוירען ווערען ביי אידען, זאָל מען אריינוואַרפען אין וואסער.

האָבען אידישע פרויען נאָכגעקלערט וועגען מיטלען, אָפּצוראַ־טעווען זייערע קינדער פונ'ם טויט. און ווען א פרוי האָט געדאַרפט געבוירען א קינד, איז זי ארויסגעגאַנגען אין ווייטען פעלד אריין און זי האָט דאָרט געבוירען. און ווען דאָס קינד איז געווען א אינגעל, האָט זי עס איבערגעלאָזען מיט דער האָפנונג, אז דער אויי־בערשטער וועט באַווייזען א נס און וועט דאָס קינד אָפּראַטעווען פון טויט.

זיינען דאַן אַרונטערגעקומען מלאכים פונ'ם הימעל, וועלכע האָבען די דאָזיגע קינדער געוואַשען און געבאָדען. דערנאָך פלעגט זיך די ערד אליין עפענען און עס האָבען זיך דאָרט געמאַכט הייהלען, ווייך אויסגעבעטע, וואו די קינדער זיינען באַהאַלטען געוואָרען פאַר די אויגען פון די מצריים. דערנאָך פלעגט קומען א מלאך פונ'ם הימעל און דערלאַנגען יעדען קינד צוויי גלאַטע שטיינער, פון וועלכע זיי האָבען געזויגען מילך און האָניג.

האָט פרעה וועגען דעם געהערט, האָט ער געהייסען אויסאַקערען די אלע פעלדער, וואו יענע אידישע קינדער האָבען זיך באַהאַלטען. האָבען זיך די הייהלען מיט די קינדער מעהר פאַרטיעפט און די אַקעראייזענס האָבען זיי נישט געקענט דערגרייכען.

און ווען יענע קינדער זיינען אויסגעוואַקסען, איז איטליכער פון זיי אהיים־געגאַנגען צו זיינע עלטערן, און חאָטש זיי האָבען די עלטערן פריהער קיינמאָל נישט געזעהען, האָט יעדער געוואוסט, צו טרעפען צו זיינע אייגענע טאַטע־מאַמע.

דריי מאָמענטן אין משה רבנו'ס לעבן

האָט דאַן מרים, די טאָכטער פון עמרם, אָנגעהויבן זאָגן נביאות, אז איהר מוטער וועט האָבן א זוהן, וועלכער וועט העלפען די אידען און ער וועט זיי ארויספיהרען פונ'ם גלות.

פּלוצים איז אויך בלעם בן בעור געקומען צו לויפען צו פּרעה'ן און ער האָט איהם געזאָגט, אז ער זעהט אין די שטערען, אז היינט וועט געבוירען ווערען ביי איינעם פון די אידען א אינגעל, וועלכער וועט ארויספיהרען דאָס אידישע פאָלק פון מצרים.

האָט דער קעניג געוואָלט וויסען אלסדינג גענוי. האָט איהם בלעם נישט געוואוסט וואָס צו זאָגען. האָט איהם דער קעניג אין זיין כעס געוואָלט הרג'נען, איז ער קוים מיט'ן לעבען אנטלאָפען.

און ווען דאָס ערוואַרטעטע קינד איז געבוירען געווארען ביי עמרם בן קהת, איז דאָס גאנצע הויז אזוי ליכטיג געוואָרען, גלייך ווי עס וואָלטען לייכטען זיבען זונען מיט אמאָל.

שפּעטער האָט מען דעם קינד א נאָמען געגעבען מ ש ה — און ווען ער איז געבוירען געווארען, האָט איהם די מוטער באהאל־טען ביי זיך אין הויז דריי חדשים. און אזוי ווי מען האָט ביים קעניג געהערט פון בלעם'ן, אז עס איז ערגיץ ביי די אידען פאַרהאַנען א קינד, וואָס וועט אין דער צוקונפט ארויספיהרען די אידען פון מצרים, האָט מען געשיקט מענשען איבער אלע אידישע היימען, זיי זאָלען דאָרט אזוי לאנג זוכען, ביז זיי וועלען אזא קינד געפינען.

האָט דאַן משה'ס מוטער נישט געקענט לענגער באהאלטען איהר קינד. האָט זי גענומען א קעסטעל פון פּימסענהאָלץ און האָט עס באַקלעפּט פון אינעווייניג מיט ליהם און פון אויסענווייניג מיט פּעך. און אנשטאָט צו ווארפען דאָס קינד אין וואַסער אריין, האָט זי אריינגעשטעלט דאָס קעסטעל צווישען שילף ביים ברעג פונ'ם נילוס, כדי עס זאָל נישט אוועקשווימען אויף'ן וואַסער און די קראָקאָדילען פונ'ם נילוס זאָלען נישט קענען צו דעם צוקומען...

משה רבנו'ס יוגענד

ווי א פּרינץ איז משה געגאַנגען אָנגעטהון אין גאָלד און זילבער. לעבען איהם זיינען תמיד געשטאַנען באַדיענטע, וועלכע האָבען איהם כסדר נור געקוקט אין די אויגען אריין, וואַרטענדיג אויף א בליק, אויף א וואונק.

נייע האַריזאָנטען

בתיה איז געווען די געליבטעסטע טאָכטער ביי פּרעה, און משה איז געווען איהר ליעבלינג. זי האָט נישט געלאָזט קיין ווינטעל בלאָזען אויף איהם און זי האָט איהם געהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון אויג.

עס איז אויך געווען, וואָס ליעב צו האָבען. א אינגעלע, שעהן ווי א געמאָלט בילד, גרויס געוואַקסען, מיט א פּאָר פייערדיגע אויגען ווי צוויי בריליאַנטען. ער איז אפילו געווען א שטיקל „כבד־פה", ער האָט זיך מאַנכעס מאָל פאַרהיקעט. האָט דאָס איהם אָבער נישט געשאַדט, ווייל מען האָט עס ווייניג באַמערקט.

און באַליעבט איז ער געווען ביי אַלעמען אין קעניגליכען הויף, ביי די יועצים פונ'ם קעניג גלייך ווי ביי די שררות, ביי די כהנים און ביי די חרטומים, אפילו ביי דער דיענערשאַפט אויך.

מעהר פון אלע האָט איהם פּרעה אַליין ליעב געהאַט. יעדען טאָג האָט ער געמוזט קומען, פאַרברענגען ביי איהם עטליכע שעה. בשעת דער קעניג האָט זיך באַראַטהען מיט זיינע יועצים וועגען אַנגעלעגענהייטען פון דער רעגירונג, אָדער ווען ער האָט געשמועסט מיט די פּריסטער וועגען אמונה, אָדער בשעת די חרטומים האָבען איהם דערצעהלט די סודות פון זייער חכמה, האָט ער תמיד געהאַלטען משה'ן אויף'ן שויס און האָט זיך מיט איהם געשפּיעלט. און אז משה האָט אַמאָל אַריינגעוואָרפען עפּיס א חכמה'דיג ווערטעל, אָדער ווען ער האָט אמאָל געפרעגט א קלוגע שאלה, האָט דער קעניג שטאַרק תענוג געהאַט דערפון, האָבען דאַן די יועצים אויך געהאַט פאַרגעניגען, אפילו די ערנסטע פּריסטער און די חרטומים האָבען געמוזט לאַכען. דערנאָך האָט יעדער דערצעהלט די חכמה ביי זיך אין דער היים, ביז מען האָט זי אַרומגעטראָגען איבער גאַנץ מצרים.

אַלע אַנדערע קעניגליכע פּרינצען האָבען זיך פון דעסטוועגען געהאַלטען ווייט פון משה'ן, צי ווייל זיי האָבען איהם מקנא געווען, וואָס ער איז קליגער און שעהנער פון זיי, צי ווייל אַלע מענשען אין הויף און אפילו פּרעה אַליין האָבען איהם אַזוי שטאַרק ליעב, צי ווייל זיי האָבען איהם נישט געהאַלטען פאַר זייערס גלייכען, — דאָס האָט ער אַליין נישט געוואוסט.

די קלאַנגען, וועלכע האָבען זיך וועגען איהם איבער גאַנץ מצרים אַרומגעטראָגען, אז ער איז בתיה'ס א זוהן, געבוירען פון א לינקער ליעבע מיט א שקלאַף, אָדער אז ער איז עפּיס אן אונטער־געוואָרפענער, וואָס קיינער ווייסט נישט זיין אָפּשטאַמונג, ווייל

דריי מאָמענטען אין משה רבנו'ס לעבען

די ווייכהארציגע פרינצעסין בתיה האָט איהם געפונען אויף דער גאַס, — אָט די אלע קלאַנגען האָבען דאמאָלס נאָך נישט געהאט דערגרייכט זיין אויער.

מאנכעס מאָל האָט ער אפילו געהאט גרויס עגמת־נפש פון דעם. אָט איז ער געשטאַנען און האָט זיך געשפּיעלט אין קעניג־ליכען גאָרטען און די דיענער האָבען געלאַכט פון זיינע חכמה'לעך, איז פלוצים פאַרבייגעגאַנגען עפּיס אַן אנדער פרינצעל מיט זיינע באַגלייטערס, קאַלט ווי אייז, שטאָלץ און אויפגעבלאָזען, און ער האָט זיך אויף משה'ן אפילו נישט אומגעקוקט. עטליכע שריט וויי־טער האָט אָבער דאָסזעלבע פרינצעל באַגעגענט אַן אנדערן פרינץ, האָבען זיך ביידע שוין גאַנץ פריינדליך באַגריסט, אָדער גאָר זיך אוועקגעשטעלט צוזאַמען רעדען.

אָט דאָס האָט זיך משה גאָר נישט געקענט ערקלעהרען — און אז ער האָט געפרעגט די אורזאַך ביי דער פּרינצעסין בתיה, האָט זי איהם גאָר נישט געענטפערט, אָדער זי האָט געגעבען א מאַך מיט דער האַנד, ווי איינער זאָגט: „זאָל עס דיך נישט אַרען!"

אמאָל, ווען משה איז שוין עלטער געווען, האָט ער זיך געלאָזט געהן שפּאַצירען מיט זיינע באַגלייטער און ער איז פאַרגאַנגען זעהר ווייט, אזש קיין גושן, וואו די אידען האָבען געוואוינט.

דאָרט איז ער געבליבען שטעהן און ער האָט צוגעקוקט מיט גרויס אינטערעס, ווי די אידען ארבייטען. דערנאָך האָט ער אויף זיין וועג אהיים אויסגעפרעגט די באַגלייטער, וואָס דאָס זיינען פאַר ארבייטער, פאַרוואָס זיי ארבייטען אזוי שווער און פאַרוואָס מען טרייבט זיי אזוי שטאַרק צו דער ארבייט.

האָבען איהם די באַגלייטער אלסדינג ערקלערט און ער האָט געהאט גרויס רחמנות אויף די דאָזיגע אומגליקליכע. עס האָט איהם פשוט דאָס האַרץ געשניטען פאַר מיטלייד.

פון דאַמאָלס אָן האָט עס איהם שוין יעדען טאָג אהין געצויגען, צו־צוקוקען זיך צו דער ארבייט פון די אידען. דערנאָך האָט ער זיך פאָרגענומען, צו ריידען מיט'ן קעניג וועגען דעם, אפשר וועט ער קענען פועל'ן, אז דער קעניג זאָל צוליעב איהם נישט לאָזען די מענשען אזוי שטאַרק פּייניגען ביי דער שווערער ארבייט.

לאַנג האָט ער געזוכט די געלעגענהייט, צו רעדען מיט פרעה'ן וועגען די אידען, ביז ער האָט אמאָל געטראָפען א פּאַסענדע שעה, ווען פרעה איז געווען גוט געשטימט און ער איז אליין צוגעגאַנגען

נייע האָריזאָנטען

צו משה'ן, האָט איהם געגלעט דאָס פּנים און איהם געגעבען א קניפּ אין בעקעל.

— נו, דערצעהל מיר עפּיס, משה'לע! — האָט פּרעה געזאָגט מיט ליעבשאַפט.

עטליכע מינוט האָט משה געשוויגען. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען ריידען און זיינע אויגען האָבען געפונקעלט אין א נערוועזער אויפרעגונג.

— זייט א צייט באַקוק איך דיין לאַנד — האָט ער געזאָגט — און איך זעה אומעטום, ווי אַלע דיינע אונטערטהאַנען פיהלען זיך גליקליך און צופרידען אונטער דיין ממשלה. נור אויף איין אָרט האָב איך געהערט שווערע זיפצען, אין גושן. דאָרט האָב איך געזעהען א פאָלק, פאַראורטיילט צו שווערער ארבייט, צו פּיין און צרות. זאָג מיר, אַלזאָ, גרויסער קעניג, פאַרוואָס דאָס איז? וואָס האָבען יענע מענשען אזוי שטאַרק געזינדיגט, וואָס זיי מוזען ליידען אזוי פיעל צרות?

— צו וואָס דאַרפסטו דאָס אזוי נויטיג וויסען? — האָט איהם דער קעניג געפרעגט און זיין בליק האָט זיך פאַרפינסטערט.

— איך בין נייגיריג — האָט משה געענטפערט — ווייל די מענשען אינטערעסירען מיך זעהר און איך קען נישט צוקוקען.

— קוקט מען נישט! — האָט דער קעניג געענטפערט און א לייכטע אויפרעגונג האָט געציטערט אין זיין שטים. — איך האָב דיך דאָך נישט געשיקט אהין קוקען!

משה איז שטיל געבליבען. ער האָט פאַרשטאַנען, אז די שאלות געפעלען נישט דעם קעניג.

האָבען דאַן משה'ס באַדיענטע געקראָגען א באַפעהל פון'ם קעניג, אז מעהר זאָלען זיי נישט געהן קיין גושן.

פון דאַמאָלס אָן האָט זיך משה געמוזט יעדעס מאָל אוועקגנב'נען פון זיינע באַגלייטער, ווען עס איז איהם אָנגעקומען דער חשק צו געהן קיין גושן. ער איז אפילו פון דעם געווען צופרידען. ער האָט זיך דאָרט אָהן די באַגלייטער געפיהלט פרייער. ער האָט זיך געקענט אריינלאָזען אין א געשפּרעך מיט די אָרימע אידען. אַמאָל האָט ער אויך איינעם אָדער א צווייטען אונטערגעהאָלפען ביי דער ארבייט אָדער אָפּגעראַטעוועט פון שמיץ.

און יעדעס מאָל, ווען משה האָט זיך אוועקגע'גנב'עט פון זיינע באַגלייטער, האָבען זיי עס געמוזט מעלדען צום קעניג, איז דער

דריי מאָמענטען אין משה רבנו'ס לעבען

קעניג וועגען דעם שטאַרק ברוגז געוואָרען. די קעניגליכע יועצים האָבען זיך געשושקעט, אז דאָס אידישע בלוט האָט זיך אין איהם דערוועקט. די פּריסטער האָבען געזאָגט, אז דער גאָט „רע" בייזערט זיך אויף פּרעה'ס הויז, און די חרטומים האָבען ערקלערט, אז עס וועט פון דעם נישט ארויסקומען קיין גוטס.

האָבען שוין די קעניגליכע פּרינצען אָנגעהויבען אויסלאכען משה'ן אין פּנים אריין און אפילו די באַדיענטע האָבען איהם נישט מעהר געהאָרכט ווי פריהער.

משה האָט זיך אָבער פון דעם אַלעמען גאָר נישט געמאַכט. יעדען טאָג איז ער זיך ווייטער געגאַנגען קיין גושן, חאָטש ער האָט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך וועגען דעם אין'ם קעניגליכען הויף.

ענדליך האָט דער קעניג געשיקט רופען זיין טאָכטער בתיה און האָט איהר געהייסען ריידען גאַנץ ערנסט מיט משה'ן.

האָט בתיה דעם פאָטער געפאָלגט. יעדען טאָג האָט זי משה'ן אָנגע'מוסר'ט און האָט איהם געזאָגט, אז דער קעניג בייזערט זיך, וואָס ער געהט קיין גושן, און זי אליין איז אויך אויף איהם דערפאַר אין כעס, ווייל אַזעלכע מעשים פּאַסען גאָר נישט פאַר א קעניגליכען פּרינץ.

לסוף האָט זי געזעהען, אז איהר ריידען העלפט נישט, האָט זי איהם געזאָגט דאָס לעצטע ערנסטע וואָרט.

זי האָט איהם דערצעהלט, אז ער איז נישט איהר זוהן, אַזוי ווי ער מיינט, נור ער איז געבוירען אַלס קינד פון יענעם אומגליקליכען פאָלק, וואָס מוז אַזוי שווער און ביטער ארבייטען, אז ער איז גע־בוירען אין דער צייט, ווען דער קעניג האָט געהייסען אַלע אינגלעך אריינוואַרפען אין וואַסער. איהר אליין האָט ער צו פאַרדאַנקען, וואָס ער איז נישט אַזוי ווי יענע ברידער זיינע...

גיט זי איהם איצט די ברירה: אָדער ער וועט איהר צוזאָגען, אז ער וועט שוין מעהר נישט געהן קיין גושן, אז זיין פוס וועט מעהר אהין נישט שמעקען, אָדער אז ער מעג זיך גאָר אין גאַנצען געהן אהין צו זיי, זיין א קנעכט גלייך מיט זיי, ארבייטען שווער און געפּייניגט ווערען גלייך מיט זיי.

האָט משה אויף דעם גאָר נישט געענטפערט.

ער האָט נישט געוואָלט מעהר בלייבען אַלס פּרינץ אין פּרעה'ס הויז — אין דער צייט ווען ער האָט געוואוסט, אז די אָרימע פאַר־שקלאַפטע מענשען אין גושן זיינען זיינע ברידער.

נייע האָריזאָנטען

און ווען משה איז דאָן ווייטער געגאַנגען אַ קוק טהון, וואָס עס טהוט זיך ביי זיינע ברידער, האָט ער געזעהען, ווי אַ מצרי'שער אויפזעהער שלאָגט מערדערליך אַ אידישען ארבייטער.

האָט ער נישט געקוקט, ווער דער שלעגער איז און מיט וואָס דער געשלאָגענער האָט זיך פאַרזינדיגט, ווייל איידער דער איד האָט איהם נאָך דערצעהלט, פאַרוואָס מען שלאָגט איהם און איידער דער מצרי האָט זיך נאָך גערעכטפערטיגט, האָבען זיך אין איהם די בלוטען צוקאָכט און אַלע נערווען זיינען אין איהם אויפגעטרייסעלט געוואָרען. איין זאַך בלויז איז איהם געווען קלאָר, אַז ווען אַ מצרי שלאָגט אַ אידען, דאַרף ער העלפען דעם אידען.

און אַזוי ווי ער האָט זיך פּרובירט אַריינצומישען מיט אַ וואָרט, ווייל עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז ער איז נאָך אַלץ דער קעניגליכער פּרינץ פון נעכטען און דער מצרי דאַרף ליגען אויף איהם כבוד און פאָלגען, וואָס ער הייסט. האָט איהם דער מצרי אוועקגעשטופּט און ער האָט נישט געוואָלט אויפהערען שלאָגען דעם אידישען ארבייטער. האָט משה אַ קוק געטהון ארום זיך, זוכענדיג זיינע באַגלייטער, ער האָט געהאַט פאַרגעסען, אַז ער איז ווי ארויסגעשטויסען פון קעניגליכען הויף. און אַזוי ווי ער האָט געזעהען, אַז קיינער קומט איהם נישט צו הילף, האָט זיך אין איהם צוזאַמענגענומען זיין גאַנצער כעס געגען אַלעמען — און מיט איין קלאַפּ פון זיין פויסט האָט ער דעם מצרי אוועקגעלייגט אַ טויטען.

זעהענדיג, וואָס ער האָט געטהון, איז משה געבליבען אַ דערשראָקענער. דערצו האָט נאָך דער געשלאָגענער איד אָנגעהויבען שרייען, אַז משה האָט איהם אומגליקליך געמאַכט, ווייל מען וועט איהם חושד זיין, אַז ער — דער געשלאָגענער איד — האָט דאָ געהאַט אַ האַנד ביים דער'הרג'נען זיין אויפזעהער.

און ווען משה האָט דעם דער'הרג'טען מצרי באַהאַלטען אין זאַמד, איז יענער געשלאָגענער איד אוועקגעלאָפען צו דער אידישער מחנה, צו דערצעהלען דאָרט אַלעס. ער האָט אויך געוואָלט לויפען דערצעהלען וועגען דעם געשעהעניש צו די מצרי'שע שררות — אין דער האָפנונג, אַז עס וועט איהם דערפון ארויסקומען אַ פאַרנרינגערונג פון זיין שקלאַפעריי. האָבען איהם די אידען גע'עצה'ט, ער זאָל דערווייל האַלטען די מעשה בסוד, אַזוי לאַנג ווי דער קעניג וועט נישט וויסען דערפון, קוים וועט אָבער דער קעניג געוואָהר

דריי מאָמענטען אין משה רבנו'ס לעבען

ווערען און ער וועט פרעגען, ווער עס האָט דעם מצרי דער'הרג'ט, זאָל מען משה'ן ארויסגעבען.

בארוהיגט האָט משה יענע נאכט געשלאָפען. ס'איז געווען די ערשטע נאכט, וואָס ער האָט פארבראכט אויסערהאלב פון קעניג־ליכען הויף. ער איז געגאנגען נעכטיגען צו זיין מוטער אין גושן. צי ער האָט יאָ געגלויבט, וואָס בתיה האָט איהם געזאָגט, אז זי איז נישט זיין מוטער, אָדער ער האָט איהר נישט געגלויבט, האָט ער אָבער איינס געוואוסט אויף זיכער, אז יוכבד, עמרם'ס ווייב, איז געווען זיין אם און אין איהר הויז האָט ער זיך געפיהלט היימישער, ווי ער פלעגט זיך פיהלען אינ'ם קעניגליכען הויף.

אויף'ן אנדערן טאָג איז ער ווייטער ארויסגעגאנגען זעהן, וואָס עס טהוט זיך ביי זיינע ברידער. האָט ער געזעהען, ווי צוויי אידען שלאָגען זיך, און אזוי ווי איינער איז שטארקער פונ'ם אנדערן, שלאָגט דער שטארקערער דעם שוואכערען אויף'ן זעלבען שטייגער ווי דער מצרי האָט נעכטען געשלאָגען דעם אידען.

האָט עס איהם ווייטער אויפגערעגט און ער האָט א פרעג געטהון:

— ווי קען איין איד שלאָגען דעם אנדערן?

האָט זיך יענער א וואָרף געטהון אויף משה'ן מיט כעס און ער האָט געזאָגט:

— ווער ביזטו, וואָס דו נעמסט זיך דאָס רעכט, אונז צו קאָ־מאנדעווען און צו משפט'ן? ווילסט אפשר מיך אויך הרג'נען, אזוי ווי דו האָסט גע'הרג'ט דעם מצרי?

דאָס הערענדיג, איז משה זעהר דערשראָקען געוואָרען און ער האָט א זאָג געטהון:

— איך האָב נעכטען גוט געקוקט און איך וויים, אז חוץ דעם געשלאָגענעם אידען האָט קיינער נישט געזעהען, וואָס איך האָב געטהון. איז דערפון געדרונגען, אז דאָס שקלאפען־פאָלק האָט מיך פארראַטהען. דערזעלבער מענש, וועמען איך האָב אָפּגעראַטעוועט פון דעם מצרי'שען שלעגער, האָט דאָס דערצעהלט צו אנדערע, און יעצט קריג איך די דאנקבארקייט פון שקלאפען, וועלכע הרג'נען זייערע באפרייער.

צוליעב דער מורא, אז ווען פרעה וועט געוואָהר ווערען, וואָס עס איז געשעהען, וועט ער איהם לאָזען הרג'נען, איז משה אויף גיך

אַנטלאָפען פון מצרים קיין מדין, וואו פרעה'ס מאכט האָט שוין נישט געגרייכט.

אָנגעקומען אין מדין אין א הייסען טאָג, איז משה געווען אַן עדות, ווי באַרבאַריש מגושם'דיגע פּאַסטוכער האָבען נידריג שלעכט געהאַנדעלט געגען שוואַכע מיידלעך.

רעואל המדיני, וועלכער האָט אויך געהייסען יתרו, האָט געהאַט זיבען טעכטער, וואָס פלעגען פּאַשען די שאָף ביי זייער פאָטער. נור אזוי ווי זיי פלעגען מיט שווערער מיה אָנשעפּען דאָס וואַסער פונ'ם ברונעם אום אָנצוטרינקען זייערע שאָף, האָבען די גראָב־געמיינע פּאַסטוכער זיי אַוועקגעטריבען פונ'ם ברונעם און אָנגעטרונקען די אייגענע שאָף. פלעגען די מיידלעך מוזען טהון דאָסזעלבע נאָך אַמאָל אָדער א דריטען מאָל — און ערשט דאַמאָלט, ווען אַלע פּאַס־טוכער האָבען שוין געהאט אָנגעטרונקען זייערע שאָף, האָט מען רעואל'ס טעכטער צוגעלאָזען אָנצוטרינקען זייערע שאָף.

האָט משה נישט געקענט צוזעהען אזא עוולה, אז שוואַכע מיידלעך זאָלען אזוי געפּייניגט ווערען פון גראָב־שטאַרקע פּאַס־טוכער, האָט ער איינער אַליין געכאַפּט א שטעקען, אַוועקגעטריבען די פּאַסטוכער און געהאָלפען אָנטרינקען די מיידלעך'ס שאָף.

זיינען דאַן רעואל'ס טעכטער אהיים געקומען, האָט זיי דער פאָטער געפרעגט, וואָס זיי זיינען היינט עפּיס אזוי גיך געקומען, האָבען זיי איהם דערצעהלט, וואָס עס איז דאָרט ביים ברונעם פאָר־געקומען. האָט ער זיי געהייסען דעם רעטער זייערן רופען — און משה האָט איינגעוויליגט דאָרט צו בלייבען, און פאַרדיענען זיך דאָס עסען פון פּאַשען שאָף.

משה, וועלכער איז ביז דעמאָלט געווען אויפגעצויגען ווי א קעניגליכער פרינץ, איז יעצט געוואָרען א פּאַסטוך ביי רעואל, דעם פּריסטער פון מדין, וועלכער האָט איהם אויך געגעבען זיין טאָכטער, צפורה, פאר א ווייב.

פלעגט דאַן משה ארויספיהרען די שאָף איבער דער מדבר חורב, וועלכע גרעניצט זיך צווישען מצרים און מדין. די סטאַדע פון רעואל איז אויך געווען גאָר א גרויסע, פלעגט משה פון דעסט־וועגען נישט אָפּלאָזען קיין איין שעפעלע פון אויג.

שטענדיג פלעגט ער זיך פאַרטיעפען אין דער פראגע, פאר־וואָס אידען דאַרפען זיין פאַרשקלאַפט אין א פרעמדען לאַנד. די געשעהענישען פון זיין יוגענד אין פרעה'ס הויף, און וואָס רעואל

המדיני האָט איהם דערצעהלט, ווענגען זיין אויפטריט ביי פרעה, פונקט ווי דאָס איז מיט איהם שפּעטער פאָרגעקומען, ווי עס פלעגט איהם פּשוט ווי מיט צוואַנגען ציהען צו די פאַרשקלאַפּטע אידען אין גושן, ווי ער איז צוליעב דעם אוועק פון קעניגליכען הויף, ווי ער האָט זיך דערנאָך אָנגענומען די קריוודע פון א געשלאָגענעם אידען און ווי מען האָט איהם דערפאַר פאַר'מסר'ט צום קעניג, דאָס אַלעס האָט איהם קיינמאָל נישט געלאָזט רוהען.

אַן אַנדערער אויף זיין פּלאַץ וואָלט אפשר א שפּיי געטהון אויף אַזאַ פאַרשקלאַפּט פאָלק. האָט ער אָבער תמיד געדענקט, אַז שקלאַפען קען מען נישט פאַראַנטוואָרטליך מאַכען, ווען זיי קעהרען זיך געגען זייערע באַפרייער.

זיצענדיג אַזוי איינמאָל פאַרטראַכט, האָט ער איבערגעצעהלט זיינע שאָף און געזעהען, אַז איהם פעהלט איין שאָף. גלייכצייטיג האָט ער געהערט ווייט אַרום דעם באַרג חורב דאָס מעקען פון איין שאָף, וועלכע האָט זיך אַהין פאַרבלאָנדזשעט. האָט ער א לאַנגע צייט אַרומגעקלעטערט צווישען די פעלזען, ביז ער האָט דאָס פאַרבלאָנדזעטע שעפּעלע געפונען און ער האָט עס צוריק געבראַכט צו דער סטאַדע.

האָט דאָס דער אויבערשטער געזעהן און ער האָט אויך געוואוסט, וואָס משה טראַכט ביי זיך, איז עס דעם אויבערשטען גע־פעלען געוואָרען, איהם אויסצוקלייבען פאַר זיין שליח, ער זאָל אַרויספיהרען דאָס פאָלק ישראל פון מצרים. האָט זיך דאָרט דער אויבערשטער טאַקע באַלד אויף דעמזעלבען אָרט באַוויזען צו משה'ן און איהם איבערגעגעבען דאָס גרויסע שליחות...

די פּטירה פון משה רבנו

ר' שמעון זאָגט, אַז משה רבנו איז נישט געשטאָרבען, און ווען עס וועט אימיצער פרעגען א קשיא אויף'ן פּסוק „וימת משה", דאַרף מען וויסען, אַז עס איז שוין אַזוי שטענדיג דער שטייגער פון'ם פּסוק, וואו עס ווערד גערעדט ווענגען דעם סוף פון צדיקים. הייסט דאָס אָבער בלויז אויף אונזער מענשליכען לשון „געשטאָרבען" — און אין אמת'ן איז דאָס נור א פּשוט'ער זאָג, ווייל ווער עס איז א גאַנצער אין זיין נשמה און די הייליגע אמונה איז מיט איהם פאַרבונדען, איז ביי איהם נישט שייך צו געברויכען דאָס וואָרט

„מיתה", ווייל אזא מענש שטארבט נישט, ער געהט בלויז אוועק פון דער וועלט.

דאָס נעמליכע איז אויך געווען ביי יעקב אבינו, וואָס דעם אויבערשטען'ס אמונה איז געווען אָנגעקניפּט אָן איהם און עס איז איהם אָנגעזאָגט געוואָרען, אז דער נאָמען זיינער זאָל נישט מעהר זיין יעקב, נאָר ישראל. און פארוואָס האָט איהם דער אויבערשטער געגעבען דעם נאָמען „ישראל"? ווייל דאָס וואָרט „ישראל" איז די פולשטענדיגקייט פון אלעמען, ווי דער פסוק זאָגט „ואל תחת ישראל, כי הנני מושיעך מרחוק ואת זרעך מארץ שבים", וועלכעס מיינט, אז ישראל דארף זיך נישט שרעקען, ווייל דער אויבערשטער וועט איהם העלפען, אפילו ווען ער וועט זיין ווייט פון זיין לאנד און ער וועט אויך ארויסנעהמען זיינע קינדער פון זייער געפאנגענשאפט.

האָט ר' יהודה אויף דעם געזאָגט, אז וואויל איז צו יעקב'ן, וואָס דער באשעפער זיינער רעדט צו'ן איהם מיט אזעלכע טרייסט-ווערטער און ער האָט איהם אויך אויסערדעם געזאָגט „כי אתך אני", וועלכעס מיינט, אז דער אויבערשטער איז געקומען, זיך באהעפטען צו'ן איהם און צו וואוינען מיט איהם.

ר' שמעון האָט דאן ווייטער געזאָגט, אז ר' אבא האָט זעהר גוט דערקלערט דעם פסוק „ושב יעקב ושקט ושאנן ואין מחריד". וועלכעס מיינט, אז יעקב וועט צוריקקומען צו דעם אָרט, וואָס ער איז פון דאָרט אוועקגענומען געוואָרען. דערנאָך וועט ער רוהען אויף דער ערדישער וועלט, ער וועט אויך זיין געזיכערט מיט זיין פלאץ אויף „עולם הבא" און ער וועט נישט דארפען מורא האָבען פאר'ן מלאך-המות.

צו דעם האָט נאָך ר' יצחק צוגעגעבען, אז די בעסטע דערקלערונג פון אָט דעם פסוק ליגט אינ'ם פסוק גופא, ווי דער אויבערשטער זאָגט צו יעקב'ן „ואת זרעך מארץ שבים", אז ער וועט ארויספיהרען זיינע קינדער פון זייער געפאנגענשאפטס-לאנד. דאָס מיינט צו זאָגען, אז אזוי ווי יעקב'ס קינדער וועלען אייביג לעבען, אזוי לעבט אויך זייער פאָטער יעקב — און ער איז נישט געשטאָרבען.

ר' אלעזר זאָגט: עס שטעהט א פסוק „לא ידון רוחי באָדם לעולם בשגם הוא בשר", באטרעפט דאָס וואָרט „בשגם" אזוי פיעל ווי דאָס וואָרט „משה", איז דערפון צו זעהען, אז עס ווערד דאָ גערעדט וועגען א מענש, וואָס האָט באלויכטען די שכינה און פון אָט דעם כח לעבען די מענשען ביז היינט. און ווען דער פסוק

דריי מאָמענטען אין משה רבנו׳ס לעבען

זאָגט דאָרט ווייטער „והיו ימיו מאה ועשרים שנה״, איז דאָס אָנגעוויזען אויף משה רבנו, וועלכער האָט געלעבט הונדערט און צוואנציג יאָהר און דורך איהם איז די תורה געגעבען געוואָרען צו די אידען. ער האָט אויך כסדר משפיע געווען פונ׳ם אייביגען לעבענסבוים צו די מענשען.

דעסגלייכען איז געווען באשטימט, אז ווען די אידען וואָלטען נישט געזינדיגט, וואָלטען זיי נישט געהאט צו טהון מיט די געפאהרען פונ׳ם טויט, ווי דער פסוק זאָגט „חרות על הלוחות״, דאַרף מען דאָס לייענען „חירות״ און עס מיינט, אז מיט׳ן כח פון די לוחות האָבען די מענשען גענדארפט זיין פריי פונ׳ם „מלאך־המות״, ווייל דער „עץ החיים״ וואָלט זיך געווען צו זיי געצווייגען. לערנען מיר דערפון, אז משה רבנו איז נישט געשטאָרבען, נור ער איז אוועקגענומען געוואָרען פון דער וועלט און ער האָט באלויכטען די שכינה, גלייך ווי די זון, וואָס ווען זי איז אפילו אמאָל באהאלטען פון דער וועלט, איז זי אלץ פאַרהאַנען און זי לייכט דאמאָלס צו דער לבנה.

ווייטער זאָגט דער פסוק „ויקבר אותו בגי בארץ מואב״, האָט ר׳ יוסי אויף דעם געזאָגט, אז אזוי ווי עס שטעהט א פסוק „המוליכך במדבר הגדול והנורא״, איז מיט דעם דערקלערט, אז אין יענעם מדבר איז שולט דער „צד הטומאה״. און ווען עס וועט אימיצער וועלען פרעגען, אז אויב עס איז אזוי, טאָ ווי האָט משה רבנו, וועלכער איז געווען דער וויכטיגסטער פון אלע מענשען אויף דער וועלט, געקענט דאָרטען שטארבען?

איז דאָס אָבער נישט אזוי, ווייל משה רבנו איז אין אמת׳ן נישט געווען אינ׳ם רשות פון יענעם מדבר, און אוועקגעגאנגען פון דער וועלט איז ער נישט אין דער מדבר, נור אויף׳ן בארג „עברים״. איז א קשיא: וואָס איז „עברים״? איז אויף דעם די אנטוואָרט, אז „עברים״ איז טייטש „צאנק״, ווי עס זאָגט א פסוק אין משלי „עובר מתעבר״, ווייל עס האָבען די מלאכים פון אויבען געצאַנקט וועגען דער ממשלה פון יענעם בארג. איז אָבער די דאָזיגע ממשלה נישט איבערגעגעבען געוואָרען צו קיין שום מלאך, ביז עס איז געקומען משה רבנו, וועלכער האָט איבער יענעם בארג געהערשט און ער איז אויך דאָרט באגראָבען געוואָרען. און כדי באקאנט צו מאכען צו אלע שפּעטערע דורות אויף דער וועלט, אז די „מתי מדבר״ וועלען אויפשטעהען צו תחית המתים, האָט דער אויבערשטער גע־

נייע האָריזאָנטען

מאכט רוהען זייער פאַסטוך צווישען יענע מענשען, זיי זאָלען אַלע אינאיינעם אויפגעוועקט ווערען, ווען די צייט וועט קומען.

דעסגלייכען האָבען מיר געלערנט, אז יעקב אבינו, משה רבנו און יוסף הצדיק זיינען נסתלק געוואָרען פון דער וועלט אויף דעמ־זעלבען שטייגער. יעקב אבינו איז געשטאָרבען אין מצרים און זיין גוף איז אריבערגעבראכט געוואָרען קיין ארץ־ישראל. יוסף הצדיק איז געשטאָרבען, איז זיין גוף נישט באַגראָבען געוואָרען אין ארץ־ישראל, ווייל די אידען האָבען ביי יציאת מצרים בלויז זיינע ביינער מיט זיך מיטגענומען. און משה רבנו האָט שוין נישט זוכה געווען צו איינעם פון דיביידע, נישט צו דעם און נישט צו דעם. טאָ פארוואָס איז דאָס געווען? יעקב אבינו איז געווען באַ־האָפטען צו דער שכינה, און ווען יעקב איז געשטאָרבען, האָט זיך די שכינה באהאָפטען צו משה רבנו, און ווי לאַנג משה רבנו איז געווען אויף דער וועלט, איז ער געווען אָנהענגיג צו דער שכינה, ווי עס געהער צו זיין, טריי ווי א מאַן איז טריי צו זיין פרוי. האָט מען דערפאר יעקב'ן אריינגעבראכט אין גאַנצען קיין ארץ־ישראל, ווייל ער איז געווען אין דער בחינה פון א גוף, ביי יוסף'ן זיינען בלויז די ביינער אריינגעבראכט געווארען קיין ארץ־ישראל, נישט דער גאַנצער גוף, ווייל די ביינער ווייזען אויף קראפט. זיינען דערפאר יוסף'ס ביינער אָפגעהיט געוואָרען, גלייך ווי ער האָט באַוויזען זיין קראפט, ווען ער האָט גובר געווען דעם „יצר הרע".

משה רבנו דאַגעגען איז געבליבען ליגען אין חוץ־לארץ און ער האָט נישט זוכה געווען, צו קומען קיין ארץ־ישראל, נישט אין גאַנצען גוף זיינעם און נישט זיינע ביינער, ווייל נאָך דער פטירה פון משה רבנו איז די שכינה צוריקגעגאַנגען קיין ארץ־ישראל, צו איהר ערשטען מאַן, צו יעקב'ן הייסט עס. פון דאַנען איז אויך געדרונגען, אז ווען א פרוי איז ביי איהר לעבען פארהייראט צו צוויי מענער, געהט זי אין „עולם הבא" צוריק צו איהר ערשטען מאַן. דערפאר איז משה פארבליבען אין חוץ לארץ, ווייל דער ערשטער מאַן פון דער שכינה (יעקב) איז געווען אין ארץ־ישראל. האָט אָבער משה רבנו זוכה געווען ביי זיין לעבען, וואָס יעקב האָט נישט זוכה געווען. יעקב איז געווען באהאָפטען צו דער שכינה ערשט דאַמאָלס, ווען ער איז אָנגעקומען אויף יענער וועלט — און משה רבנו איז געווען באהאָפטען צו דער שכינה, ווי לאַנג ער האָט געלעבט.

דריי מאָמענטען אין משה רבנו'ס לעבען

ווענגען משה רבנו'ס קבורה זאָגט דער פסוק „ולא ידע איש את קבורתו", אז קיינער ווייסט נישט, וואו ער ליגט באַגראָבען. האָט ר' יוסי אויף דעם געזאָגט: „קום און זעה, אז אלע זעקס טעג פון מנחה דאַוונען, הערשט אויף דער וועלט דער מדת־הדין און אלע דינים דערוועקען זיך אין זייער שטרענגקייט, אָבער שבת ווען עס קומט די צייט פון מנחה, איז עס א צייט פונ'ם העכסטען גוטען ווילען צו די מענשען, ווייל דער אויבערשטער אנטפלעקט דאַמאָלס זיין וואוילגעפאלען צו דער וועלט, די שטרענגקייט פון די דינים ווערד פארבאהאלטען און עס געפינט זיך אומעטום בלויז רצון און שמחה. מיט אָט דעם רצון איז אויך משה, דער אמת'דיג הייליגער נביא, נסתלק געוואָרען פון דער וועלט.

דאַרף מען וויסען, אז משה רבנו איז נישט נסתלק געוואָרען אין א צייט פון דין. אין דעם אויבערשטען'ס א שעת־רצון איז משה'ס נשמה ארויסגעגאנגען און זי איז ביים אויבערשטען באַ־האַלטען געוואָרען. דערפאַר זאָגט דער פסוק „ולא ידע איש את קבורתו", אז אזוי ווי דער אויבערשטער איז פאַרהוילען פון אלע פאַרהוילענישען (טמיר מכל טמירין) און ער איז נישט אנטפּלעקט צו קיינעם, אזוי איז משה רבנו'ס נשמה פאַרבאָרגען אין יענעם רצון, וועלכער האָט זיך אנטפּלעקט אין דער צייט פון דער שבת'דיגער מנחה.

ווייטער זאָגט דאָרט דער פסוק „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה", האָט דאָס ר' יהודה דערקלערט מיט'ן פסוק „בטרם אצרך בבטן ידעתיך", אז דער אויבערשטער זאָגט צום נביא: „איידער דו ביזט געבוירען געוואָרען, האָב איך דיך שוין אין דיין מאַמע'ס לייב געקענט" — און ער האָט צו דעם צוגעגעבען, אז וואויל איז צו די אידען, וואָס דער אויבערשטער האָט זיי אויסגעקליבען פון צווישען אלע אומות, און צוליעב דער גרויסער אהבה זיינער צו זיי האָט ער פאר זיי אויפגעשטעלט אן אמת'ן נביא און א געטרייען פאַסטוך. ער האָט איהם אויך אריינגעגעבען א „רוח הקודש", מעהר ווי צו אלע אנדערע נביאים, אויסערדעם האָט ער איהם ממש אָפּגעּ־טיילט א שטיק פון זיינע כחות, גלייך ווי יעקב אבינו האָט אָפּגע־טיילט א שטיק פון זיין הייליגקייט צו שבט לוי. און אזוי ווי לוי איז שוין געוועזען דעם אויבערשטען'ס, האָט איהם דער אויבערשטער גענומען און ער האָט איהם באַקרוינט מיט פיעל קרוינען און ער האָט איהם געזאַלבט מיט'ן הייליגען זאַלב־אויל און ער האָט ארויס־

געצויגען פון זיינע קינדער א הייליגען גייסט פאַר דער וועלט, וועלכען ער האָט דאן ארומגעגארטעלט מיט די הייליגע גארטלען פון דער אמונה.

און ווען עס איז געקומען די צייט, וואָס משה רבנו האָט גע־דאַרפט ארונטערקומען אויף דער וועלט, האָט דער אויבערשטער ארויסגענומען א שטיק פון זיין הייליגען גייסט, אויסגעפורעמט פון איידעלשטיין, אין וועלכען עס זיינען געווען באהאלטען צוויי־הונדערט און אַכט־און־פערציג (רמ"ח) ליכטער און ער האָט איהם באקרוינט מיט דריי הונדערט פינף־און־זעכציג (שס"ה) קרוינען, וואָס יעדע פון זיי לייכט אויף טויזענטער וועלטען, פון זיי ציהען זייער ליכט די מנורות וואָס זיינען באהאלטען אין די שאצקאמערען פונ'ם הייליגען אויבערשטען קעניג. ער האָט איהם אויך איבערגעגעבען הונדערט דריי־און־זיבעציג שליסלען, וואָס עפענען אלע אוצרות פונ'ם גן־עדן. דערנאָך האָט ער איהם אריינגעפיהרט אין זיין היכל און ער האָט איהם ארומגעפיהרט צווישען אלע הימלישע חיילות.

זיינען זיי אלע פארציטערט געוואָרען און זיי האָבען א געשריי געטהון: „געהט'ם אוועק פון זיין אומגעבונג, ווייל דער אויבער־שטער האָט פון זיין שאצקאמער ארויסגעלאָזען א גייסט, וואָס זאָל באהערשען און מאכען ציטערען די גאנצע וועלט!"... איז דאן ארויס־געגאַנגען א קול און עס האָט געזאָגט: „ווער איז דער, וואָס האָט די אלע שליסלען אין זיין האנד?" דערנאָך איז ארויסגעגאנגען אן אנדער קול און ער האָט געזאָגט: „נעמט'ם איהם אויף צווישען אייך, ווייל דאָס איז דער מאן, וואָס דארף יעצט ארונטערקומען אויף דער וועלט און די תורה, וועלכע איז דער אוצר פון אלע אוצרות, וועט געגעבען ווערען דורך זיין האנד!"

זיינען דאן אויפגעציטערט געוואָרען די וועלטען, די אויבערשטע גלייך ווי די אונטערשטע — און די הייליגע נשמות פון די אבות האָבען זיך ארויסגעלאָזען אין א פריידען־טאַנץ.

* * *

און ווען משה רבנו האָט געדאַרפט שטארבען, איז געקומען דער מלאך־המות צו משה'ן און ער האָט איהם געזאָגט: „דער אויבערשטער האָט מיך צו דיר געשיקט, ווייל דו דארפסט היינטיגען טאָג שטארבען!" — האָט איהם משה געענטפערט: „געה אוועק פון מיר, ווייל איך וועל נישט שטארבען, נור איך וועל לעבען און איך וועל דערצעהלען די וואונדערליכע טהאטען פון גאָט!"

דריי מאָמענטען אין משה רבנו'ס לעבען

האָט איהם דער מלאך־המות געענטפערט: „דארפסט זיך גאָר נישט איבערנעהמען, ווייל דער אויבערשטער האָט אנדערע, וואָס קענען איהם לויבען. הימעל און ערד לויבען איהם יעדע מינוט און זיי דערצעהלען זיינע וואונדער!" — האָט משה אויף דעם געענטפערט: „ווען איך וועל דעם אויבערשטען לויבען, וועל איך מאכען הימעל און ערד שווייגען, זיי זאָלען זיך בעסער איינהערען צו די ווערטער פון מיין מויל, ווען איך וועל ריידען!"

איז דער מלאך־המות אוועקגעגאנגען — און ווען ער איז דאן געקומען צום צווייטען מאָל, אויספיהרען דעם אויבערשטען'ס שליחות, האָט משה רבנו אָנגערופען דעם „שם המפורש" און דער מלאך־המות איז ווייטער אנטלאָפען.

דערנאָך איז דער מלאך־המות געקומען צו משה רבנו צום דריטען מאָל, האָט איהם משה געזאָגט: „אזוי ווי דיין שליחות צו מיר איז פונ'ם אויבערשטען, מוז איך אָננעהמען זיין אורטייל, ווייל גאָט איז גאנץ אין זיין טהעטיגקייט און אלע זיינע וועגען זיינען גערעכט!"

האָט זיך משה רבנו פון דעסטוועגען נישט איבערגעגעבען צום מלאך־המות, ווייל ער האָט דורכאויס געגלוסט, אריינצוקומען קיין ארץ־ישראל. האָט ער אויף זיך גענומען א תענית, געמאכט ארום זיך א ראָד, אוועקגעשטעלט זיך אין דער מיט און ער האָט געזאָגט: „איך געה נישט אוועק פון דאנען, ביז עס וועט נישט דעם אויבערשטען'ס גזרה אויף מיר בטל ווערען!"

דערנאָך האָט ער זיך אָנגעטהון א זאַק, געוואלגערט זיך אין אש און אוועקגעשטעלט בעטען צו גאָט אזוי שטארק, אז עס זיינען אזש אויפגעטרייסעלט געווארען אלע זיבען הימלען צוזאמען מיט דער ערד און די גאנצע יצירה. אין 515 תפלות האָט משה געבעטען. איז דאָס אזוי פיעל, ווי דאָס וואָרט „ואתחנן" באטרעפט.

— לאָז מיך מיטגעהען קיין ארץ־ישראל — האָט זיך משה רבנו געבעטען ביי גאָט — ווי א חיה פון פעלד, וואָס עסט גראָז! לאָז מיך מיטגעהען קיין ארץ־ישראל ווי א פויגעל, וואָס פליהט ארום אין אלע זייטען, קלויבט זיך זיין עסען א גאנצען טאָג און פאר־נאכט קומט ער צוריק אין זיין נעסט.

האָט דער אויבערשטער דורך זיין מלאך אכזריאל געלאָזט אויסרופען אין אלע הימלישע טויערען, מען זאָל דאָרט משה'ס תפלות נישט אָננעהמען, ווייל דער גזר־דין איז שוין פארזיגעלט. אין איי־

לעניש זיינען דאן אלע מלאכים געלאָפען פארשליסען די טויערען פון אלע הימלען, ווייל דער קול פון משה'ס תפלות איז געווען גאָר א שטארקער און ער האָט זיך געשטופט מיט כח, צו מאַכען פאַר זיך א וועג.

דערשראָקענע האָבען זיך דאן די רעדער פון דער „הייליגער מרכבה" אָפּגעשטעלט און די פייערפלאַמענדיגע מלאכים האָבען גע־וויינט, ווען דער אויבערשטער האָט זיי געהייסען נישט אָננעהמען משה רבנו'ס תפלה.

און ווען משה רבנו האָט געזעהען, אז זיינע תפלות העלפען נישט, האָט ער ווייטער געזאָגט : „פאַר דיר, גאָטוניו, איז באוואוסט מיין מיה און מיין צער, וואָס איך האָב געהאט מיט דיינע אידען, ביז זיי האָבען זיך גענומען גלויבען אין דיר און ביז איך האָב פאַר זיי באַשטימט א תורה מיט מצוות. האָב איך ביז יעצט געדענקט, אז אזוי ווי איך האָב געזעהען זייער נויט, וועל איך זוכה זיין צו זעהען ווי עס וועט זיי גוט ווערען; און איצט, ווען עס איז געקומען פאַר זיי א בעסערע צייט, זאָגסטו מיר, אז איך וועל זיי נישט פיהרען איבער'ן ירדן. אליין האָסטו אָנגעשריבען אין דיין תורה, אז מען טאָר נישט פאַרבאַהאַלטען דעם לויהן פון אן אָרימען ארבייטער, אויף וועלכען ער קוקט ארויס, ווייל איך דיך יעצט פרעגען, צי דאָס איז די באַצאָהלונג פאַר מיין פערציג־יעהריגע מיה ?"

האָט זיך דער אויבערשטער אָנגעבייזערט אויף משה'ן און ער האָט געזאָגט : „האָסט נישט קיין רעכט, איבער־צוקלערען ווענען מיין גזרה !"

דערנאָך האָט דער אויבערשטער געזאָגט צום מלאך גבריאל : „געה, ברענג מיר משה'ס נשמה !" — האָט גבריאל געענטפערט : „א מענש אזא וויכטיגער ווי אלע זעקס מאָל הונדערט טויזענד אידען, ווי קען איך איהם ברענגען דעם טויט ?"

האָט דאן דער אויבערשטער געזאָגט צום מלאך מיכאל : „געה, ברענג מיר משה'ס נשמה !" — האָט מיכאל געענטפערט : „איך בין געווען זיין רבי און ער איז געווען מיין תלמיד, טאָ ווי קען איך איהם יעצט ברענגען דעם טויט ?"

איז דערנאָך דער מלאך סמאל ארויסגעשיקט געוואָרען, צו ברענגען משה'ס נשמה. האָט זיך סמאל אָנגעטהון אין כעס, ארומ־געגורט זיין שווערד און איינגעהילט זיך אין אכזריות. און וויסען דאַרף מען, אז דער מלאך סמאל, דער הויפט פון אלע שטן'ס, האָט

דריי מאָמענטען אין משה רבנו'ס לעבען

שטענדיג ארויסגעקוקט אויף דער צייט, וואָס ער וועט האָבען די מעגליכקייט, צו געהען נעהמען משה רבנו'ס נשמה. תמיד האָט ער זיך אויך געדענקט: „ווען וועט שוין קומען די צייט, אז מיכאל זאָל וויינען און איך זאָל לאַכען?" — אָבער אזוי ווי ער איז נעהנ־טער צוגעקומען צו משה'ן, האָט איהם אָנגעכאפט א ציטער און ער האָט מורא געהאַט, ארויסצוזאָגען א וואָרט.

האָט משה רבנו דערשפּירט, אז סמאל קומט צו'ן איהם, האָט ער איהם געפרעגט:

— צו וואָס ביזטו געקומען?

— נעהמען דיין נשמה וויל איך! — האָט סמאל געענטפערט.

— ווי קענסטו זיך דערוועגען, דו זאָלסט דאָס וועלען טהון?

— האָט איהם משה געפרעגט מיט כעס.

— דער באַשעפער פון אלע נשמות — האָט סמאל געענטפערט

— האָט מיך געהייסען נעהמען דיין נשמה!

— קענסט דאָס נישט טהון! — האָט אויף דעם משה גע־זאָגט.

— די נשמות פון אלע באַשעפענישען זיינען איבערגעגעבען אין מיין האנד! — האָט סמאל געענטפערט און ער האָט געוואָלט אויספיהרען זיין שליחות.

איז משה רבנו צו'ן איהם צוגעלאָפען מיט זיין שטעקען, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט דער „שם המפורש", איז סמאל אויף גיך אַנטלאָפען. האָט איהם משה נאָכגעיאָגט און דערלאַנגט איהם א קלאַפּ, אז ער האָט איהם שיער נישט בלינד געמאכט. איז ארויסגעקומען א בת־קול פון הימעל, אז גאָט אליין וועט קומען נעהמען משה'ס נשמה און ער וועט זיך אויך אָפּגעבען מיט זיין קבורה.

באותו רגע האָט זיך משה רבנו צוגעגרייט, צו באַגעגענען דעם אויבערשטען. איז דאָן דער אויבערשטער אליין ארונטער־געקומען פון די העכסטע הימלען, צו נעהמען משה'ס נשמה.

דער אויבערשטער האָט אויך מיט זיך מיטגענומען דריי מלאכים, דהיינו: מיכאל, גבריאל און זגזגאל. מיכאל האָט אויפגעבעט א בעט פאר משה'ן, גבריאל האָט אויסגעשפּרייט א לינענעם קישען פאר משה'ס צו־קאָפּענס און זגזגאל האָט צו־רעכט געמאכט דעם צו־פוסענס.

נייע האַריזאָנטען

מיכאל און גבריאל האָבען זיך דאן אוועקגעשטעלט אויף ביידע זייטען פון משה'ס בעט און דער אויבערשטער האָט א זאָג געטהון צו משה'ן: „מאַך צו דיינע אויגען!" — האָט משה פאַרמאַכט זיינע אויגען. דערנאָך האָט גאָט געזאָגט: „לייג אוועק א האנד אויף דיין ברוסט!" און משה האָט דאָס געטהון.

דערנאָך האָט גאָט משה'ן געהייסען צוזאַמענגעהמען די פיס— און ווען משה האָט דאָס געטהון, האָט דער אויבערשטער א זאָג געטהון צו משה'ס נשמה: „טאָכטערקע מיינע, הונדערט און צוואַנציג יאָהר האָב איך דיך געלאָזען אין משה'ס גוף, איז יעצט ענדליך געקומען די צייט, דו זאָלסט ארויס־געהען פון איהם!"

האָט משה'ס נשמה אויף דעם געענטפערט: „רבונו של עולם! אזוי ווי עס איז נישט פאַרהאַנען קיין פיינערער גוף פון משה'ן אויף דער גאַנצער וועלט, וויל זיך מיר גאָר נישט ארויס־געהען פון איהם!"
— האָט גאָט ווייטער געזאָגט: „געה ארויס, נשמה, וועל איך דיך ארויפברענגען אין די העכסטע הימלען און איך וועל דיך אוועקזעצען אונטער מיין כסא־הכבוד צווישען אלע שרפים ואופנים!"

און אזוי ווי משה רבנו'ס נשמה האָט אלץ ווייטער נישט גע־וואָלט ארויסגעהען, האָט דער אויבערשטער משה'ן א קוש געטהון און אוועקגענומען ביי איהם די נשמה. האָבען אלע הימלען אָנגע־הויבען וויינען און זיי האָבען א זאָג געטהון: „פאַרלוירען געגאַנגען פון דער וועלט איז דער פרומסטער מענש!" צוגלייך האָט זיך די ערד געשטיקט אין טרערען און זי האָט צוגעגעבען: „דער צום מעהרסטען רעכטשאפענער מענש איז מעהר נישטאָ!"...

מדרש אחשורוש

צוטומעלט זיינען די גרעסטע היסטאָריקער פון דער וועלט, ווען עס קומט צו דער געשיכטע פון אחשורוש און אסתר. אזוי ווי זיי קענען נישט גענוי באַשטימען די יאָהרען פון דעם דאָזיגען געשעהעניש, וויל זיך זיי די גאַנצע מעשה אָפּלייקענען. האָט אָבער אונזער טראַדיציע יא גענוי באַשטימט די צייט פון יענעם געשעהעניש — און דער מדרש האָט עס אויך וואונדערליך אויסגעפּוצט מיט פאַרשידענע לעגענדעס.

געווען איז עס נאָך'ן טויט פון כורש מלך פּרס, וועלכער האָט ערלויבט די אידען, זיך צוריקצוקעהרען פון בבל קיין ארץ־ישראל. איז דאַן ארויף אויפ'ן טהראָן זיינער א זוהן, אחשורוש, וועלכער הייסט ביי די גוים ארטאקסערקסעס. איידער ער איז געוואָרען קעניג, איז ער געווען א שטאַלמייסטער ביי די פערד פון קעניג אויל מראדך אין בבל. און ווען בבל איז געפאַלען פונ'ם פערזישען שווערד, האָט ער ביים פריהערן באַלעבאָס זיינעם צוגענומען זיין שעהנע טאָכטער, ושתי, און ער איז אוועק מיט איהר קיין פּרס, וואו ער האָט זי געמאַכט פאַר זיין קעניגין.

זעהר שלעכט איז דעמאָלט געווען די לאַגע פון די אידען. יענע אלע אידען, וואָס האָבען מיט כורש'ס ערלויבנים אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל, זיינען געווען ארומגערינגעלט מיט שונאים פון אלע זייטען — און דאָס ערגסטע דאביי איז געווען, וואָס די דאָזיגע שונאים האָבען געהאַט די אונטערשטיצונג פון קעניג אחשורוש.

מיט דער ערלויבנים פון קעניג כורש האָט מען געהאַט אָנגעהויבען אויפבויען צוריק דעם חרוב־געוואָרענעם בית־המקדש, און ווען מען האָט געהאַלטען אין מיטען בויען, האָט אחשורוש פּלוצים פאַרבאָטען יעדע וויטערע טהעטיגקייט.

צו די שונאים פון די אידען, וועלכע זיינען כסדר געקומען פון ארץ־ישראל מיט בלבולים אקעגען די אידען, אז זיי ווילען מאכען רעוואָלוציעס און באַפרייען דאָס לאַנד פון פערזישער הערשאַפט, איז

נייע האָריזאָנטען

דערנאָך צונעקומען די קעניגין ושתי, וועלכע האָט גע'טענה'ט צו'ן איהר מאַן, אז ער דאַרף שטערען דעם בוי פונ'ם בית־המקדש, ווייל עס גרילצט איהר אין די אויערען צו הערען, וואָס ער וויל לאָזען צוריק אויפבויען אזא הויז, וועלכעס איהר זיידע האָט חרוב געמאַכט.

און ווען אחשורוש האָט שוין געהאַט אָפּגע'פטר'ט די פראגע פונ'ם בית־המקדש, האָט ער פּלוצים חשק באַקומען, זיך אוועקצוזעצען אויף שלמה המלך'ס קעניגליכען שטוהל, וועלכער האָט געהאַט א שם איבער דער וועלט, אז קיין שום גוי'שער קעניג קאָן אויף איהם נישט זיצען.

האָט ער זיך געהייסען ברענגען דעם שטוהל אין זיין פּאַלאַץ אריין, און ווען ער האָט אָנגעהויבען ארויף־געהען אויף די טרעפּ פונ'ם שטוהל, האָבען איהם די גאָלדענע ליבען געשלאָגען מיט זייערע לאַפּעס און די גאָלדענע אָדלערס, וואָס זיינען ארומגעפלויגען איבער'ן קאָפּ פון דער שטוהל, האָבען איהם געוואָלט ארויסרייסען די אויגען מיט זייערע שנאָבלען. האָט ער זיך קוים מיט'ן לעבען אָפּגעראַטעוועט. אזוי ווי ער האָט אָבער דורכאויס געוואָלט האָבען אזא שטוהל, האָט ער צונויפגערופען אלע מכשפים פון זיין מלוכה, וועלכע האָבען מיט זייער כשוף צונויפגעשטעלט פון זיינעטוועגען אן ענהנליכען שטוהל מיט דיזעלבע מעלות, וואָס שלמה המלך'ס שטוהל האָט געהאַט.

און אינ'ם דריטען יאָהר נאָכדעם ווי דער דאָזיגער שטוהל איז פאַרטיג געוועזען און מען האָט איהם געהאַט אויספּרובירט אויף אלע אופנים, און נאָכדעם ווי קעניג אחשורוש האָט געהאַט געשוואוירען צו זיינע מענשען, אז ווי לאַנג ער וועט לעבען, וועט ער די אידען נישט ערלויבען אויפצובויען צוריק זייער בית־המקדש, האָט ער געמאַכט א סעודה פאַר אלע זיינע מענשען, פאַר די פּריצים און פאַר די באַאמטען, אזוי ווי פאַר'ן גאַנצען פאָלק פון זיין הויפּט־שטאָדט שושן.

געוועזען איז דאָס א סעודה, ווי מען האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהען איהר גלייכען. הונדערט און אכציג טעג האָט מען כסדר געגעסען און געטרונקען, געהוליעט און געטאַנצט. און דער קעניגליכער שלאָס־גאָרטען, וואו די שמחה איז פאָרגעקומען, איז געווען אזוי אויסגעפּוצט, ווי די מענשליכע פאַנטאַזיע קען זיך נישט שעהנער פאָרשטעלען.

מדרש אחשורוש

ליגענדיג אויסגעשטרעקט אויף גאָלדענע און זילבערנע בעטלעך, אנגעשפּאַרט די פיס אויף פּערפּיל־געשטיקטע טעפּיכער, האָט איט־ליכער געקראָגען זיין ווייַן צו טרינקען אין גאָלדענע בעכערס, פאַר־שיעדענאַרטיג קינסטלעריש געשניצט.

צווישען אלע אנדערע איינוואוינער פון שושן האָט מען אויך איינגעלאַדען אידען, חאָטש אחשורוש האָט זיי נישט געוואָלט לאָזען בויען זייער בית־המקדש, האָט ער פון דעסטוועגען געגעבען די מעג־ליכקייט צו אלע, וועלכע האָבען געוואָלט בלייבען אין שושן אָדער אין אן אנדערער שטאָדט פון פּרס, דאָרט צו לעבען אויסגעמישט צווישען די גוים, נישט צו דערקענען, אז זיי זיינען אידען.

און ווען די אידען זיינען געקומען צו אחשורוש׳ס סעודה, האָט מען זיי נישט געהייסען טרינקען „יין נסך״ אָדער עסען טרפות. אָבער אזוי ווי זיי האָבען זיך געפּיהלט געהויבען, וואָס דער קעניג האָט זיי איינגעלאַדען און ער האָט אויך מיט מאנכע פון זיי פּער־זענליך גערעדט, האָבען זיי שוין נישט געקוקט אויף׳ן איסור פון טרפות אדער פון „יין נסך״.

ביים טרינקען האָט מען זיך אויך באַדיענט מיט די כלים פונ׳ם בית־המקדש. אחשורוש האָט דוקא געוואָלט טרינקען זיין וויין פון יענע בעכערס, מיט וועלכע די כהנים פלעגען גיסען וויין אויף׳ן מזבח. זיינען די כלים בלאָס געוואָרען אין זיין האנד. גלייכצייטיג זיינען אויך זיינע אייגענע כלים מעהר בלאַסער געוואָרען און דאָס גאָלד זייערס האָט אקעגען די כלים פונ׳ם בית־המקדש געקראָגען א צורה ווי בליי.

צווישען די אידען אין שושן איז דאַן געווען זייערער א פיהרער מיט׳ן נאָמען מרדכי, וועלכער איז געזעסען ביים טויער פונ׳ם קעניגליכען פּאַלאַץ, אז וועלכער איד עס וועט האָבען א משפּט מיט אן אנדערן אידען, זאָל מען קומען צו איהם און ער וועט דעם סכסוך אויסגלייכען, האָט מרדכי די אידען געוואָרענט, זיי זאָלען זיך נישט לאָזען אריינאַרען צו דער קעניגליכער סעודה.

— ס׳איז פּשוט מעשה־שטן — האָט ער גע׳טענה׳ט — אחשורוש וויל אייך ארונטערפיהרען פונ׳ם גלייכען וועג, איהר זאָלט דאָרט ביי איהם עסען טרפות און טרינקען „יין נסך״, דער אויבערשטער זאָל אויף אייך בייז ווערען און לאָזען איהם טהון מיט אייך, וואָס איהם וועט געפעלען.

נייע האָריזאָנטען

און ווי דער גאַנצער עולם איז שוין געווען גוט שכור פונ׳ם וויין און עס איז שוין איטליכען נמאס געווען דאָס טרינקען, האָט מען אָנגעהויבען ריידען וועגען פרויען. האָט יעדער געהאט צו זאָגען א וואָרט וועגען דער פראַגע, וועלכע פרויען עס זיינען שעהנער און בעסער.

האָט דער קעניג א זאָג געטהון: „וואָס ווייסט איהר וועגען שעהנע פרויען? איינער זאָגט, אז די פערזישע פרויען זיינען שעהנער און איינער זאָגט, אז די מעדישע פרויען זיינען שעהנער, און איך האָב א ווייב א כשדית, איז זי אזוי שעהן, אז ווען איהר זאָלט זי זעהען, וועט איהר אַלע פאַרציטערט ווערען".

— לאָמיר זי זעהען! — האָבען אַלע א געשריי געטהון אין איין קול — אָבער קומען זאָל זי נאַקעט, מיר זאָלען קענען באַוואונדערען איהר שעהנקייט!...

האָט דער קעניג ארויסגעשיקט זיבען דיענער זיינע, צו ברענגען די קעניגין ושתי אין אזא פּאָזיציע, ווי דער עולם פאַרלאַנגט. האָט אָבער די קעניגין נישט געוואָלט קומען.

און ווען דער קעניג האָט זי געשיקט פרעגען, פאַרוואָס זי וויל נישט פאָלגען דעם קעניג׳ס באַפעהל, האָט זי איהם געהייסען ענט־פערען, אז ווען ער איז שכור, זאָל ער זיך לייגען אויסשלאָפען. ער וואָלט אויך געמעגט האָבען מעהר שכל און פאַרשטעהען, ווי שלעכט דאָס איז פאַר איהם, וואָס ער פאַרלאַנגט פון איהר, ווייל „אויב איך בין טאַקי אזוי שעהן, ווי ער מיינט" — האָט זי צוגעגעבען — „וועלען די מענשען, וואָס וועלען מיך זעהען, קריגען צו מיר חשק, וועלען זיי איהם הרג׳נען, כדי צו קענען מיך נעהמען, טאָמער וועלען זיי אָבער אויסגעפינען, אז איך בין נישט אזוי שעהן ווי ער מיינט, וועלען זיי אויסלאַכען זיין געשמאַק און ער וועט זיך נאָך דאַרפען שעהמען!"

האָט זיך אחשורוש נישט געוואָלט צוהערען צו קיין שום ארגו־מענט און ער איז באַשטאַנען אויף זיין באַפעהל, אָנזאָגענדיג זיינע דיענער, זיי זאָלען ושתי׳ן געבען צו פאַרשטעהן, אז טאָמער וועט זי ווייטער נישט וועלען הערכען, שפּיעלט זי מיט איהר לעבען.

אויף דעם סטראַשונאַק האָט ושתי געשיקט נאָך א שאַרפערע תשובה צום קעניג.

— זאָל ער זיך נישט פאַרגעסען — האָט זי געזאָגט — אז איך בין די טאָכטער פון קעניג אויל מראדך און אחשורוש איז

מדרש אחשורוש

בלויז געווען א שטאַלמייסטער ביי מיין פֿאָטער. און טאָמער איז ער דאַמאָלס געווען צוגעוועהנט צו באַשמוצען זיינע אויגען מיט'ן אָנבליק פֿון נאַקעטע פֿרויען, דאַרף ער דאָס איצט אַלס קעניג פֿאַרגעסען.

אַזאַ שאַרפֿע תשובה האָט שוין אחשורוש נישט געקענט פֿאַר־טראָגען. האָט ער צונויפֿגערופֿען זיינע ראַטגעבער, זיי זאָלען איהם זאָגען, וואָס ער זאָל איצט טהון.

האָבען די ראַטהגעבער געשוויגען. זיי האָבען מורא געהאַט, אַז טאָמער וועלען זיי ראַטהען וועגען א שטראָף פֿאַר דער קעניגין, וועט דערנאָך דער קעניג חרטה האָבען און זיי וועלען דאַרפֿען באַצאָהלען מיט'ן לעבען פֿאַר זייער עצה.

איינער פֿון יענע ראַטהגעבער איז געווען המן בן המדתא, וועלכער האָט נאָך דאַמאָלס געהייסען „ממוכן". איז ער געווען אין כעס אויף דער קעניגין, ווייל גלייך ווי אחשורוש האָט געמאַכט א סעודה פֿאַר מענער, האָט אויך ושתי געמאַכט א סעודה פֿאַר ווייבער, צו וועלכער זי האָט פֿאַרבעטען אַלע יענע פֿרויען, וואָס זייערע מענער זיינען געווען פֿאַרבעטען צום קעניג, מיט דער אויסנאַהם פֿון איין פֿרוי — די פֿרוי פֿון המן, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין חן אין איהרע אויגען.

האָט דאָס המנ'ען זעהר פֿאַרדראָסען און ער האָט ביי זיך אין הארצען אָפּגעמאַכט, זיך נוקם צו זיין פֿאַר דער דאָזיגער חרפּה. און ווען ער האָט געזעהן, אַז אַלע ראַטהגעבער שווייגען, האָט ער גענומען דאָס וואָרט, חאָטש ער איז געווען דער קלענסטער פֿון אַלעמען און ער האָט געדאַרפֿט וואַרטען, ביז די אַנדערע וועלען האָבען געזאָגט זייער מיינונג. און זיין עצה איז געווען, אַז דער קעניג זאָל נישט מעהר צו זיך צולאָזען די קעניגין ושתי און ער זאָל זיך אויסקלויבען אַן אַנדערע קעניגין.

ביי דער דאָזיגער עצה זיינער האָט המן געהאַט אין זינען, אַז ער האָט א טאָכטער — און ווען דער קעניג וועט זיך נעהמען אויס־קלייבען א נייע קעניגין, וועט ער איהם צופֿיהרען זיין טאָכטער, זי זאָל פֿאַרנעהמען ושתי'ס פּלאַץ.

שפּעטער ווען דער קעניג האָט זיך געהאַט באַרוהיגט פֿון זיין כעס, האָט זיך איהם פֿאַרבענקט נאָך זיין שעהנער ושתי און עס האָט איהם אַרומגענומען א געפֿיהל פֿון חרטה וועגען זיין טהאַט. האָבען איהם די מענשען זיינע געגעבען אַן עצה, ער זאָל זיך הייסען אויסזוכען אַן אַנדערע פֿרוי. האָט מען דאַן צונויפֿגעבראַכט אַלע

נייע האַריזאָנטען

שעהנע מיידלעך פון'ם גאַנצען לאַנד — און אסתר, א קוזינע פון מרדכי, איז אויסגעקליבען געוואָרען אלס די שעהנסטע צווישען אַלע פרויען פון פּרס ומדי. האָט זי קעניג אחשורוש געהייראַטה און ער האָט איהר אָנגעטהון די קעניגליכע קרוין.

אָט די אסתר איז געווען אויפגעצויגען ביי איהר קאַזין מרדכי, וועלכער האָט זי אריינגענומען צו זיך אין הויז, נאָכדעם ווי איהרע עלטערן זיינען אָפּגעשטאָרבען. און ווען אסתר איז אריינגענומען געוואָרען אין קעניגליכען הויז, האָט זי זיך נישט געלאָזט דערקענען, ווער זי איז און פון וואָס פאַר א פאָלק זי קומט ארויס. מרדכי האָט איהר נישט געהייסען אויסזאָגען, אז זי איז א אידישע — און וואָס ער האָט געזאָגט, האָט זי געפאָלגט.

דערוויי̇ל איז אינ'ם קעניגליכען פּאַלאַץ פּאָרגעקומען א געשעהעניש, צוליעב וועלכען אסתר האָט איינמאָל דערמאָנט מרדכי'ס נאָמען. צוויי באדיענטע פון אחשורוש געהאַט צווישען זיך אָפּגערעדט, דעם קעניג צו פארגיפטען, האָט דאָס מרדכי גראָד געהערט. זיי האָבען גערעדט צווישען זיך א פרעמדע שפּראַך און זיי האָבען נישט געוואוסט, אז מרדכי פארשטעהט זי. האָבען זיי זיך נישט געהיט, צו ריידען וועגען זייער פּלאַן אין זיין אָנוועזענהייט. האָט מרדכי צו וויסען געגעבען וועגען דעם אסתר'ן און זי האָט דאָס דערצעהלט דעם קעניג. איז דאַן די זאַך אונטערזוכט געוואָרען און מען האָט אויך אויסגעפונען, אז עס איז אזוי, ווי מרדכי האָט געזאָגט. האָט מען די צוויי פארשוינען אויפגעהאַנגען און די גאַנצע מעשה איז אין די כראָניקעס פארשריבען געוואָרען.

און נאָכדעם ווי דער קעניג האָט אסתר'ן שטאַרק ליעב באַקומען, האָט ער זיך דערמאָנט, אז המן איז געווען דער ערשטער, איהם צו ראַטהען, ער זאָל ארויסטרעטען שאַרף געגען ושתי'ן, ווייל זי האָט איהם נישט געפאָלגט. האָט ער געפיהלט דאַנקבאַרקייט צו המן'ען און ער האָט איהם געמאַכט פאַר זיין אייציגען בעל־יועץ. צוגלייך האָט ער אויך געגעבען א באַפעהל, אז אַלע קעניגליכע הויף־מענשען זאָלען קניען פאַר המן'ען און זאָלען זיך צו'ן איהם בוקען.

האָבען אַלע קעניגליכע הויף־מענשען געפאָלגט, וואָס דער קעניג האָט געהייסען. וויפיל מאָל אין טאָג זיי האָבען המנ'ען געזעהען, האָט זיך איטליכער געוואָרפען פאַר איהם צו דער ערד און געבויגען אין דרייען. נור איין מרדכי האָט דאָס נישט געוואָלט טהון.

די אורזאך דערפון איז געווען, וואָס איידער המן איז אָנגעקומען אין שושן, איז ער געווען א באַלבירער אין א שטעדטעל מיט'ן נאָמען קרצום, וואו ער האָט נישט געהאט קיין פּרנסה. האָט ער זיך דאמאָלס פארקויפט פאר א שקלאַף צו מרדכי'ן פאר א שטיקיל ברויט, וואָס ער האָט איהם געדארפט געבען יעדען טאָג. דערנאָך איז המן זעהר רייך געוואָרען, און ווען ער איז אָנגעקומען אין אחשורוש'ס הויף, איז ער שוין געווען דער רייכסטער מענש אין גאַנץ פרס ומדי. האָט אָבער מרדכי נישט געוואָלט קיינמאָל פאר־געסען, אז המן איז אמאָל געווען זיין שקלאַף און ער האָט נישט געוואָלט האָרכען דעם קעניג'ס באפעהל.

האָבען די קעניגליכע הויף־מענשען מרדכי'ן געסטראשעט, אז מען וועט דאָס דערצעהלען המנ'ען און דער קעניג וועט איהם דער־פאר באשטראָפען. האָט זיי מרדכי געענטפערט, אז ער טאָר זיך נישט בוקען צו המנ'ען, ווייל ער טראָגט אויף זיינע קליידער א געטשקע, וועט דאָס אויסזעהען, גליך ער זאָל זיך בוקען צו דער געטשקע, און דאָס טאָר ער נישט טהון, ווייל ער איז א איד.

און ווען המן האָט דאָס געהערט, איז ער זעהר בייז געוואָרען און ער האָט זיך געזאָגט: „אויב מרדכי קען זיך פאר מיר נישט בוקען, ווייל ער איז א איד, וועלען דאָס אלע אידען דארפען באַ־צאָהלען מיט זייער לעבען"...

האָט זיך דאן געמאכט א געלעגענהייט ביי א געשפּרעך מיט'ן קעניג, ווען עס איז אויסגעקומען צו ריידען וועגען די פארשידענע פעלקער פון דער מלוכה, האָט המן געזאָגט צום קעניג:

„זעהסטו, אדוני קעניג, אז וויפיל מיר מוטשען זיך ביידע צו מאכען געזעצע פאר די פעלקער פון דיין מלוכה, קענען מיר גאָר נישט אויפטהון, ווי לאַנג עס עקסיסטירט ביי אונז אזא פאָלק ווי אידען, וועלכע לעבען צוזייעט און צושפּרייט אין אלע דיינע פּראָ־ווינצען און זיי ווילען נישט פאָלגען דיינע געזעצען. ווען זיי געהען אמאָל אין א מלחמה אריין, האָבען זיי נור אין זינען, זיך ארויס־צודרעהען מיט כשוף פון יעדער געפאהר, אנדערע זאָלען זיך לאָזען הרג'נען פאר זייערטוועגען. און דארף מען אמאָל עטוואָס טהון פאר'ן לאנד, דארף מען בויען א וועג אָדער מאכען א בריק, האָבען זיי שטענדיג תירוצים פאר זייער נישט וועלען ארבייטען. איין מאָל איז ביי זיי שבת און אן אנדער מאָל איז ביי זיי יום־טוב. פאר גרויס וואוילטאָג האָבען זיי אמאָל ווידערשפּעניגט געגען זייער גאָט,

וועלכער איז שוין סיי־ווי זעהר אַן אַלטער און ער האָט מעהר קיין כח נישט זיי צו העלפען. איז דאַן נבוכדנצר געקומען און ער האָט פאַרברענט דאָס הויז פון זייער גאָט, אַרויסגעטריבען זיי פון זייער לאַנד און געבראַכט זיי אַהער צו אונז. אָבער טראָצדעם וואָס זיי זיינען פאַרטריבען אין גלות, האָבען זיי די העזה, חוזק צו מאַכען פון אונז, צו שפּעטען איבער אונזערע געטער און איבער אונזער אמונה"...

און ווען המן האָט געזעהן, אַז זיינע ווערטער האָבען אַ ווירקונג אויף'ן קעניג, האָט ער צוגעגעבען:

„זעהסטו, אדוני קעניג, אַז דערפאַר, וואָס דאָס דאָזיגע פאָלק טויג נישט, וויל איך דיר זאָגען, אַז דו דאַרפסט עס לאָזען פאַרניכטען, אויס׳הרג׳נען מיט ווייב און קינד, פון׳ם גרעסטען ביז צום קלענסטען. און טאָמער דענקסטו, אַז דאָס וועט שעדיגען דיין פאַרמעגען, אַז דו וועסט פאַרלירען שטייערצאָהלער, בין איך גרייט אַריינצוטראָגען צעהן טויזענד צענטען זילבער אין דיין שאַצקאַמער, וואָס באַטרעפט פיעל מעהר, ווי זייערע שטייערען".

האָט איהם דער קעניג אויף דעם געענטפערט, אַז ער שענקט איהם דאָס זילבער, און מיט יענעם פאָלק מעג ער טהון, וואָס איהם געפעלט.

און ווען המן איז אַרויסגעגאַנגען פון׳ם קעניגליכען הויף, האָט ער באַגעגענט מרדכי׳ן, וועלכער האָט דאַן גערעדט מיט דריי קינדער, וואָס זיינען גראַד דעמאָלט אַרויסגעקומען פון בית־המדרש, און ער האָט זיי געפרעגט, וואָס פאַר אַ פּסוק יעדער פון זיי האָט היינט געלערנט.

האָט איהם דער ערשטער געזאָגט דעם פּסוק: „זאָלסט קיין מורא נישט האָבען פאַר אַ פּלוצים׳דיגען פּחד גלייך ווי פאַר׳ן אומגליק פון די רשעים". האָט איהם דער צווייטער ציטירט זיין פּסוק: „איהר מעגט זיך האָבען וואָסערע עצה איהר ווילט, וועט זי צושטערט ווערען". האָט דער דריטער געזאָגט זיין פּסוק: „איהר מעגט זיך זאָגען, וואָס איהר ווילט, וועט עס נישט האָבען קיין האַפט, ווייל גאָט איז מיט אונז".

און ווי מרדכי האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך שטאַרק דערפרעהט, האָט איהם המן געפרעגט: „וואָס איז מיט דיר אַזוינס די שמחה?" — האָט איהם מרדכי געענטפערט: „אָט האָבען מיר די דאָזיגע דריי קינדער געבראַכט אַ טרייסט, איך זאָל קיין מורא

נישט האָבען פאר אלערליי שלעכטע עצות געגען אידען, ווייל גאָט איז מיט אונז און די שונאים וועלען אונז גאָר נישט קענען טהון!"

האָט המן צו זיך אליין געזאָגט: „ווען מיינע געטער וועלען מיר העלפען און איך וועל האָבען דורכגעפיהרט מיין פּלאַן געגען די אידען, וועל איך מיך דאָס ערשטע נעהמען צו זייערע קינדער!"...

און ווען המן האָט ארויסגעשיקט זיינע בריעף, אז מען זאָל אַלע אידען אויס'הרג'נען, איז מען אויבען אין הימעל געווען איינ־פארשטאַנען מיט איהם, ווייל די אידען האָבען זיך געלאָזט פארפיהרען, צו עסען און צו טרינקען ביי אחשורוש'ן אויף דער סעודה. איז דאַן דער „שטן מקטרג" ארויפגעקומען צום אויבערשטען מיט דער טענה: „ווי לאַנג נאָך וועסטו זיך האַלטען מיט אָט דעם ווידערשפּעניגען פאָלק, וואָס טהוט קיינמאָל נישט דיין ווילען און דענקט אפילו נישט וועגען תשובה טהון?"

האָט דער אויבערשטער אויף דעם א פרעג געטהון: „טאָ וואָס זאָל איך טהון מיט מיין תורה?" — האָט איהם דער שטן געזאָגט: „וועסט זיך דארפען באַנוגענען מיט די הימלישע קינדער דיינע!"

איז דער אויבערשטער געוואָרען אין כעס און ער האָט א זאָג געטהון צום שטן: „האָסט מיך געוואונען פאר דיין פּלאַן, ווייל צו־וואָס אין אמת'ן דארף איך טאַקי האַלטען אזא ווידערשפּעניג פאָלק, פאר וועלכען איך האָב ביז היינט אזוי פיעל וואונדער באַ־וויזען?"...

און נאָך האָט געזאָגט צום שטן: „ברענג מיר א פּאַפּיר, וועל איך אויף דעם שרייבען דאָס פארניכטונגס־אורטייל!"...

איז דער שטן שנעל געלאָפען ברענגען דאָס פּאַפּיר און דער אויבערשטער האָט אויף איהם אָנגעשריבען זיין אורטייל.

האָט דאָס די תורה דערזעהן, האָט זי זיך אָנגעטהון אין שווארצען ווי אַן אלמנה און זי האָט באַשאָטען איהר קאָפּ מיט אַש. זי האָט אויך אָנגעהויבען יעמערליך וויינען און שרייען צום אויבערשטען, ער זאָל רחמנות האָבען אויף זיין פאָלק ישראל. און ווי די מלאכים האָבען געזעהען, אז די תורה שטעהט און וויינט, האָבען זיי מיט איהר מיטגעוויינט און זיי האָבען געזאָגט צום אוי־בערשטען: „אויב דו געהסט לאָזען אויס'הרג'נען דיינע אידען, טאָ צו וואָס וועלען מיר טויגען?" און ווען די זון און די לבנה האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי באהאַלטען זייער ליכט. האָט זיך די זון

נייע האַריזאָנטען

באַדעקט מיט פינסטערע וואָלקענס און די לבנה איז אריינגעקראָכען אין א זאַק.

איז דאַן אליהו הנביא געקומען צו לויפען צו די אבות און צו משה רבנו און ער האָט צו זיי געשריגען: „ווי קענט איהר אזוי רוהיג ליגען אין אייערע קברים און איהר ווערד נישט אויפגעציטערט וועגען דער צרה, אין וועלכער עס געפינען זיך אייערע קינדער? טהוט א קוק, וועט איהר זעהען, ווי די מלאכי השרת וויינען ביטער, ווי די זון און די לבנה האָבען באהאַלטען זייער ליכט פון די מענשען, ווי עס טרויערען די שטערען און די פּלאַנעטען און עס קרעכצען אַלע באַשעפענישען פון אויבען!"...

האָבען די אבות געפרעגט: „פאַרוואָס קומט דען אונזערע קינדער אזא הארטע שטראָף?" האָט זיי אליהו געענטפערט: „ווייל זיי האָבען גענעסען פון אחשורוש'עס סעודה, איז דערפאַר ארויסגעגעבען געוואָרען אויף זיי אזא גזרה, אַפּצומעקען זייער אנדענק פון דער וועלט!"

„אויב זיי האָבען עובר געווען אויפ'ן אויבערשטען'ס געזעצע און די גזרה גענען זיי איז פאַר'חתמ'ט, טאָ וואָס קענען מיר טהון?" — האָבען די אבות אויף דעם געזאָגט.

דאָס הערענדיג, איז אליהו געלאָפען צו משה רבנו און ער האָט געזאָגט:

„משה, דו טרייער פאסטוך, וויפיל מאָל האָסטו זיך איינגעשטעלט פאַר דיינע אידען און דו האָסט עס נישט צוגעלאָזען, ווען דער אויבערשטער האָט זיי געוואָלט פאַרניכטען. וואָס ועסטו זאָגען צו דער איצטיגער צרה?"

האָט משה געזאָגט: „איז דען היינט נישט פאַראַן קיין איינציגער פרומער איד, וואָס זאָל זיך אוועקשטעלען בעטען פאַר זיי?"
— האָט אליהו געזאָגט: „פאַרהאַנען צווישען זיי איינער א פרומער מיט'ן נאָמען מרדכי!"

— טאָ געה און לאָז איהם וויסען, וואָס עס געהט איצט פאָר!
— האָט משה אויף דעם געזאָגט — זאָל ער זיך אוועקשטעלען פון איין זייט בעטען צו גאָט און איך וועל בעטען פון מיין זייט, וועט אונזער ביידען'ס תפלה זיכער האָבען א ווירקונג.

איז אליהו הנביא געקומען צו מרדכי'ן בעת יענער איז געזעסען און האָט געלערנט מיט תלמידים און ער האָט מרדכי'ן דערצעהלט, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביים קעניג אין הויף.

האָט מרדכי צוריסען זיינע קליידער, אָנגעטהון זיך אין א זאַק און יאָמערליך געשריגען. האָט מען דאָס דערצעהלט אסתר'ן, האָט זי זיך זעהר דערשראָקען און זי האָט געשיקט פרעגען, וואָס עס איז אזוינס געשעהן. האָט איהר מרדכי געשיקט זאָגען, זי זאָל זיך דערמאָנען דעם חלום, וועלכען ער האָט איהר אמאָל דערצעהלט, ווי צוויי ריעזען האָבען געהאַלטען מלחמה און אין מיטען פון זייער מלחמה האָט זיך באַוויזען א קליין מענשעלע, וואָס איז שיער נישט צוקוועטשט געוואָרען אינ'ם קאַמפף פון יענע ריעזען. איז פלוצים אָנגעקומען א קליין טייכעל, וועלכעס האָט די צוויי קעמפפענדע ריעזען פאַרנאַנדערגעטיילט און דאָס קליינע שוואַכע מענשעלע איז דורך דעם טייכעל אָפּגעראַטעוועט געוואָרען. ביזט דו איצט דאָס קליינע טייכעל, וואָס דאַרף פאַנאַנדערטיילען די צוויי ריעזען אחשורוש און המן, אז דאָס קליינע מענשעלע, דאָס פאָלק ישראל, זאָל נישט צוקוועטשט ווערען צווישען ביידען!...

אויף דעם האָט איהם אסתר געלאָזט ענטפערען, ער זאָל געהען אויסרופען א תענית פאר דריי טעג און דריי נעכט. האָט ער זי געפרעגט: „ווי קען איך הייסען פאַסטען אים פסח, וועלכער פאַלט אוים מאָרגען?” האָט איהם אסתר געענטפערט: „מוזט מיר מוחל זיין, אלטיטשקער, ווען איך וויל דיך לעהרנען און איך מוז דיר זאָגען, אז דו רעדסט א נאַרישקייט. אים פסח, זאָגסטו, טאָר מען נישט פאַסטען. אָבער אז עס וועלען נישט זיין קיין אידען אויף דער וועלט, וועט נישט קענען מעהר זיין קיין פסח!”...

ערב־פסח אינ׳ם אלטען ארץ־ישראל

די געשיכטע פון „יציאת מצרים" איז די וויכטיגסטע געשעהעניש אינ׳ם אידישען לעבען — און דער רושם דערפון איז פאַרבליבען ביז צום היינטיגען טאָג, נישט בלויז אויף דער אנטוויקלונג פון אונזער רעליגיעזען לעבען, וואָס אַלע אונזערע ימים־טובים (אפילו ראש־השנה און יום־כפור) ווערען באַצייכענט אלס א „זכר ליציאת מצרים", נור זאָגאַר אויף אונזער מאָראַליש לעבען, וועלכעס איז אויך באַגרינדעט אויף די יסודות פון „יציאת מצרים".

דער ערשטער פסוק אין די „עשרת הדברות" דערמאָנט, אז דער אויבערשטער האָט אונז ארויסגעפיהרט פון מצרים. זאָגט ער אונז דאַדורך, אז מיר טאָרען נישט אנערקענען קיין אַנדערע געטער, און ווען דער אויבערשטער האָט אונז אָנגעזאָגט וועגען אָפּהיטען שבת, האָט ער אונז גלייכצייטיג געוואָרענט, מיר זאָלען נישט פאַרגעסען, אז מיר זיינען געווען שקלאַפען אין מצרים און דערפאר הייסט ער אונז האַלטען שבת (דברים ה׳ ט״ו). אזוי האָט ער אונז אויך געהייסען האַלטען דעם פרעמדען אלס גלייכווערטהיג צום בירגער, ווייל מיר זיינען געווען פרעמדע אין מצרים (ויקרא י״ט ל״ד). דעסגלייכען איז אונז אָנגעזאָגט געוואָרען, מיר זאָלען נישט וועלען פאַראַכטען א מצרי, ווייל מיר האָבען אַמאָל געוואוינט אין זיין לאַנד (דברים כ״ג ח׳). און ווייל מיר זיינען געווען שקלאַפען אין מצרים און דער אויבערשטער האָט אונז אויסגעקליבען אלס זיינע דיענער, טאָר מען נישט פארקויפען א אידען פאר א שקלאַף (ויקרא כ״ה מ״ב). און וואָס מיר דאַרפען האָבען רחמנות אויף א יתום און אן אלמנה, איז אויך באַגרינדעט אין דער מעשה פון יציאת מצרים (דברים כ״ד י״ח און כ״ב).

האָט זיך דאן אָנגעהויבען דער פסח׳דיגער טאַראַראַם אינ׳ם אַלטען ארץ־ישראל באַלד פאר ראש־חודש ניסן — און ערב־פסח איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער יום־טוב גאַנץ באַזונדער פאַר זיך.

ערב־פסח אינ'ם אלטען ארץ־ישראל

די באשטימונג פונ'ם ראש־חודש איז אין יענער צייט געווען אפהענגיג אינ'ם „בית דין הגדול" אין ירושלים, און ביז מען האט נישט באשטימט דעם ראש־חודש ניסן, האט מען דאמאלס נישט געקענט וויסן, צי מען וועט דארפען מאכען אן „עבור". די ערשטע אורזאך פון אן „עבור" איז געווען, וואס דער פריהלינג האט זיך פארשפעטיגט און די תורה האט אנגעזאגט, אז פסח דארף געפייערט ווערען אים פריהלינג.

וועגען אנדערע אורזאכען פאר'ן באשטימען אן „עבור" ווערד ערקלעהרט אין דער גמרא, אז דער „בית דין הגדול" האט געקענט באשטימען אן „עבור", ווען די וועגען פאר די „פילגרימס" קיין ירושלים זיינען נישט געווען אין ארדנונג, ווען די בריקען איבער די וואסערען זיינען נישט געווען פאררירכט, ווען די פסח'דיגע אוי־ווענס זיינען נישט געווען ריכטיג צוגעגרייט, אדער ווען עס איז בארעכענט געווארען, אז די מענשען פון אויסערהאלב ארץ־ישראל וועלען נישט קענען אנקומען קיין ירושלים אין צייט (סנהדרין דף י"א עמוד א').

לויט די דאמאלסדיגע פיהרונגען אין די ענינים פון „טומאה וטהרה" האט איטליכער מיט וואכען פריהער געדארפט טראכטען וועגען זיין פערזענליכער ריינקייט לכבוד פסח — און ווען דער „בית־דין הגדול" האט אנגענומען דעם טאג פון ראש־חודש ניסן, האט מען זיך נישט מעהר באנוגענט מיט'ן בלויזען אנצינדען פאקלען אויף די בערג, וועלכעס איז דאן געווען א צייכען פאר גאנץ ארץ־ישראל, אז עס איז באשטימט געווארען דער טאג פון ראש־חודש, נור מען האט ארויסגעשיקט שלוחים איבער אלע שטעדט, וואו אידען האבען געוואוינט ביז טיעף אין די שכני'שע לענדער, יעדער זאל וויסען, ווען עס איז באשטימט געווארען ראש־חודש ניסן, כדי צו וויסען גענוי, ווען עס וועט אויספאלען פסח.

גלייכצייטיג פלעגען דאמאלס ארויסגעהען אנדערע שלוחים, וועל־כע האבען אויסגערופען איבער די ארומיגע דערפער, יעדער זאל וויסען, אז ווער עס האט זיין אייגענם שאף און רינדער, זאל זיי ברענגען קיין ירושלים צו פארקויפען, ווייל טאמער האט זיך געפונען איינער, וואס האט געוואלט באהאלטען זיינע בהמות פאר די אויגען פון קהל, האט מען זיי באלד קאנפיסקירט פאר קהל'שע קרבנות. איז דאן יעדער דארפישער מענש פון ארום ירושלים געקומען מיט

זיינע בהמות און פונ׳ם צעהנטען טאָג אין ניסן אָנגעהויבען, איז יעדער בעל־הבית געגאַנגען זוכען א שעפעלע פאר א „קרבן פסח״.

און ווען עס איז געווען די נאכט בעפאָר ערב־פסח, האָט איט־ליכער גענומען א שיסעלע מיט אויל, אָנגעצונדען אין דעם א קנויטעל און ביים ליכט פון דעם דאָזיגען קנויטעל האָט מען זיך גענומען זוכען, צי עס האָט זיך נישט ערגיץ פאַרוואַלגערט א שטיקל חמץ. און האָט איינער נישט אוספּעיעט, צו טהון דאָס אין יענער נאכט, האָט ער עס געדאַרפט טהון דעם אנדערן טאָג אין דער פריה אָדער זאָגאר שפּעטער — ביז צו דער צייט, וואָס מען האָט געדאַרפט דעם חמץ פאַרברענען.

דער 14טער טאָג פונ׳ם חודש ניסן (ערב פסח) איז דאן איבער־הויפּט געווען אין גאַנצען אייגענאַרטיג. פאַרהאַנען געווען ערטער אין ארץ־ישראל, א שטייגער ווי אין גליל, וואו מען פלעגט דאמאָלט נישט טהון א גאַנצען טאָג קיין שום אַרבייט. אין אַנדערע ערטער האָט מען זיך יאָ ערלויבט, צו אַרבייטען אים ערב פסח, אָבער נור ביז מיטאָג־צייט (פסחים דף נ׳ עמוד א׳ און דף נ״ה עמוד א׳).

מעהר אינטערעסאַנט פאַר אונז איז, וואָס דער אידיש־גריכישער פילאָזאָף פילאָן פון אַלעקסאַנדריען (ידידיה האלכסנדרוני) דער־צעהלט, אַז אין די איהם באַקאַנטע ערטער האָט מען גאָר א גאַנצען טאָג ערב־פסח געפאַסט. עטוואָס עהנליכעס צו דעם האָט ר׳ יהודה בן בתירה געזאָגט, אַז אום ערב־פסח זאָל מען נישט עסען קיין חמץ און נישט קיין מצה. דאָסזעלבע פלעגט אויך טהון ר׳ יהודה הנשיא (ירושלמי פסחים פרק י׳ הלכה א׳).

ווי עס דאַכט זיך אָבער, איז דאָס נישט געווען קיין אלגע־מיינער מנהג אין ארץ־ישראל, נור בלויז איינצעלנע חכמים האָבען זיך אויף אזא שטייגער געפיהרט. עס איז אויך מעגליך, אַז אפילו יענע מענשען, וואָס פלעגען נישט עסען קיין ברויט אָדער מצה אים ערב־פסח, האָבען געגעסען אַנדערע מאכלים, רויהע אָדער געקאָכטע (זעה פסחים דף ק״ז עמוד ב׳).

זאָנסט פלעגט מען אין ארץ־ישראל עסען חמץ אים ערב־פסח ביז נאָך פיער שעה אויף׳ן טאָג (ביז 10 אויף אונזער זייגער). אין דער פינפטער שעה פונ׳ם טאָג האָט שוין דער פשוט׳ער עולם נישט געגעסען קיין חמץ, אָבער כהנים האָבען נאָך געקענט עסען חמץ׳דיגע „תרומה״ ביז צום סוף פון דער פינפטער שעה, ד. ה. ביז 11 לויט אונזער זייגער (פסחים דף י״א עמוד ב׳).

ערב־פסח אינ'ם אלטען ארץ־ישראל

אנדערע מענשען פלעגען דאן צונויפנעהמען יעדער זיין בינטעל חמץ און עס אוועקטראגען צום ארט פונ'ם פארברענען, פאר וועלכען עס איז געווען באשטימט א באזונדער פלאץ אין ירושלים, און ווי עס איז אנצונעהמען, איז דער דאזיגער פלאץ געווען הינטער'ן בית־המקדש, דארט וואו עס איז געלעגען דאס האלץ פאר'ן מזבח. איז דאן געווען באשטימט א גאנצע שעה פאר'ן צונויפטראגען דעם חמץ, כדי עס זאל זיין גענוג צייט פאר אלע מענשען, וואס וואוינען אפילו אין די ווייטעסטע ווינקלען פון דער שטאדט, צו ברענגען די חמץ־בינטלעך.

ווי באמערקט, האבען די כהנים געמעגט עסען חמץ די גאנצע פינפטע שעה, איז די אורזאך פון דעם דאזיגען „פריווילעדזש" געווען, ווייל די כהנים זיינען געווען נאהנט צום פלאץ, וואו מען האט דעם חמץ פארברענט, וועלכעס איז געוועהנליך פארגעקומען אין דער זעקסטער שעה פונ'ם טאג, דאס הייסט צווישען 11 און 12, לויט דעם היינטיגען זייגער.

א גאנצע שעה איז באשטימט געווארען פאר'ן צוזאמענטראגען דעם חמץ, און כדי דאס פאלק זאל וויסען די אויבען־דערמאנטע צייטען, זיינען אויף א פאליצע אויף'ן „הר הבית" געלעגען צוויי חלות, וואס זיינען געבליבען פון א „קרבן תודה", איז ווי לאנג מען האט געזעהען די דאזיגע חלות ליגען, האט דער עולם פארשטאנען, אז מען מעג נאך עסען חמץ. האט מען אוועקגענומען איין חלה, האט מען פארשטאנען, אז דער פשוט'ער עולם טאר שוין נישט עסען קיין חמץ, נור די כהנים מעגען נאך עסען חמץ'דיגע „תרומה". און האט מען אוועקגענומען די צווייטע חלה, האט מען פארשטאנען, אז מען דארף זיך נעהמען פארברענען דעם חמץ, סיי פון „חולין" און סיי פון „תרומה".

נאך א סימן איז געווען, אז די פאלקס־מאסען זאלען וויסען די ריכטיגע צייט, וואס צוויי קיה האבען געאקערט אויף'ן „הר הזיתים". איז כל־זמן ביידע קיה האבען געאקערט, האט איטליכער געגעסען חמץ. האט מען אוועקגענומען איין קוה, האט דער פשוט'ער עולם נישט מעהר געגעסען, אבער די כהנים האבען נאך געמעגט עסען חמץ'דיגע תרומה. און האט מען ביידע קיה אוועקגענומען פונ'ם אקערען, האט מען פארשטאנען, אז מען דארף זיך נעהמען פארברענען דעם חמץ, סיי פון „חולין" און סיי פון „תרומה" (פסחים דף י"ג עמוד ב').

נייע האַריזאָנטען

לויט ווי די פאַרניכטונג פונ'ם חמץ איז אויסגעטייטשט אין דער גמרא, האָט מען עס געדאַרפט פאַרברענען, ווייל דאָס איז דאָס בעסטע מיטעל פון פאַרניכטונג. דאַגעגען האָבען אַנדערע חכמים געזאָגט, אַז מען מעג עס צוקרישלען אויף פיצלעך און אוועקלאָזען מיט'ן ווינד, אָדער גאָר וואַרפען אין ים אריין. אָבער וועגען פאַר־קויפען דעם חמץ צו א גוי, האָט מען דאַמאָלס נישט געוואוסט, סיידען עס איז געווען זיכער, אַז דער גוי וועט דעם חמץ פאַרברויכען בעפאָר פסח (זעה פסחים דף כ"א עמוד א').

נאָך'ן פאַרברענען דעם חמץ — דערצעהלט א רוימישער קאָנסול אין זיינע „זכרונות" — פלעגען דריי מענשען פון די לוים ארויפ־געהען אויף'ן העכסטען שפיץ פונ'ם בית־המקדש, מיט זילבערנע טרומפייטען אין די הענד, אין וועלכע זיי האָבען געבלאָזען און דאביי געררופען מיט דער שטאַרקסטער שטים, לאמור אזוי צו זאָגען: „גאָט'ס פאָלק! אָט איז געקומען די צייט, וואָס מען דאַרף שחט'ן דעם קרבן־פסח לכבוד דעם אויבערשטען!"

און נאָכדעם ווי מען האָט אין יענעם טאָג מקריב געווען דעם קרבן־תמיד של בין הערבים, וועלכען מען פלעגט מקריב זיין אים ערב־פסח מיט א שעה פריהער ווי אין אלע אנדערע טעג פונ'ם יאָהר, האָט מען זיך גענומען מאַכען דעם „קרבן פסח".

פלעגט זיך דאָס אָנהויבען נאָך דער אַכטער שעה פונ'ם טאָג (פסחים דף נ"ח עמוד א'), און לויט יאָזעפוס איז דאָס געוועהנליך פאָרגעקומען צווישען דער ניינטער און עלפטער שעה פונ'ם טאָג (דאָס הייסט צווישען 3 און 5 א זייגער נאָכמיטאָג).

בעפאָר מען האָט גע'שחט'ן דעם „קרבן פסח", האָט מען געדאַרפט אויסצעהלען די פערזאָנען, וועלכע האָבען זיך געוואָלט באַטייליגען ביי דער סעודה, ווייל פונ'ם „קרבן פסח" האָט מען נישט געטאָרט איבערלאָזען, און ווען עס איז עטוואָס איבערגע־בליבען, האָט מען עס געדאַרפט פאַרברענען.

צווישען די, וואָס האָבען געקענט עסען פונ'ם „קרבן פסח", זיינען אויך געווען אריינגערעכענט ווייבער און קינדער און גע'מל'טע שקלאַפען. מען האָט נור נישט געטאָרט מאַכען באַזונדערע גרופען פאַר ווייבער, קינדער און שקלאַפען.

די גרופען ביי א „קרבן פסח" זיינען — לויט יאָזעפוס — נישט געווען ווייניגער ווי צעהן מענשען אין יעדער גרופע און נישט מעהר ווי צוואַנציג. געוועהנליך האָט איינער פון א גרופע באַזאָרגט

דעם קרבן און די אנדערע, אויף ווי ווייט זיי זיינען נישט געווען מיטגלידער פון דער פאמיליע, האבען געדארפט באצאהלען פאר זייער חלק עסען.

יאזעפוס דערצעהלט אויך, אז אינ'ם יאהר 136 בעפאר דעם חורבן האט מען געצעהלט די קרבן־פסח'ס און מען האט אויסגע־פונען, אז עס זיינען דאמאלס גע'שחט'ן געווארען 256 טויזענד שאף. דעסגלייכען ווייסען מיר פון דער גמרא, אז אזוי ווי קעניג אגריפאס דער ערשטער האט אמאל געוואלט צעהלען די אידען, האט ער געהייסען דעם כהן־גדול, ער זאל נעהמען איין ניער פון יעדען „קרבן פסח", האט מען דערנאך איבערגעצעהלט 600 טויזענד פאר ניערן, וועלכעס האט געוויזען, אז די צאהל פון די אידען אין ארץ־ישראל באטרעפט צוויי מאל אזוי פיעל, ווי עס זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים (פסחים דף ס"ד עמוד ב').

ביי אן אנדערער געלעגענהייט ווערד דערצעהלט, אז א מאן איז אמאל צוקוועטשט געווארען אין דער „עזרה" ביים מאכען דעם „קרבן־פסח". האט מען שפעטער איינגעפיהרט, צו מאכען דעם „קרבן־פסח" אין דריי גרופען, און ווי אזוי יעדע פון די דאזיגע גרופען האט זיך געדארפט שטופען און אריבערגעהן איבער'ן צוויי־טען'ס קאפ, איז נישט אין ערגיץ באשריבען. אבער אזוי ווי די דריטע גרופע ווערד אנגערופען אין דער גמרא מיט א צונעמעניש „כת עצלנית", וועלכעס מיינט „א גרופע פוילענצער" (זעה פסחים דף ס"ה עמוד א' און תוספתא פסחים פרק ד'), איז דערפון גע־דרונגען, אז ווער עס האט פארשטאנען, צו באנוצען זיינע עלענבויי־גענס ביים ארײנשטופען זיך, איז פארערעכענט געווארען אלס א גע־שיקטער מענש (א „זריז").

אזוי ווי די ערשטע גרופע איז אריינגעגאנגען מיט איהרע קרבנות אין דער עזרה און די עזרה איז פול געווארען, האט מען דארט די טירען פארשלאסען. האט מען דאן געבלאזען אין די טרומ־פייטען און די כהנים האבען זיך אויסגעשטעלט אין לאנגע שורות, גרייט צו קוילענען די קרבנות. און בשעת מען האט געקוילעט, האט מען געקלאפט אין די פייקלען אקעגען דעם מזבח און די לויים האבען געזונגען דעם „הלל". און ווען מען האט געענדיגט דעם הלל, איידער עס האט זיך געענדיגט דאס מקריב זיין די קרבנות, האט מען ווידער־האלט דעם הלל א צווייטען מאל אדער גאר א דריטען מאל (פסחים דף ס"ד עמוד א' און תוספתא פסחים פרק ד').

נייע האָריזאָנטען

נאָך'ן ענדיגען די שחיטה פון די קרבנות אין איין גרופּע, איז די צווייטע גרופּע אריינגעגאנגען אין דער „עזרה" און די ערשטע גרופּע האָט זיך אוועקגעזעצט אויף'ן הויף פון בית־המקדש. ביי דער דריטער גרופּע האָבען שוין די לויים געוועהנליך נישט געהאַט קיין צייט צו ענדיגען אפילו איין מאָל „הלל", ווייל זיי זיינען געווען זעהר ווייניג. אַט די דריטע גרופּע איז שוין אויך געבליבען זיצען אין דער עזרה, ביז עס איז פינסטער געוואָרען.

און איז אַמאָל ערב־פּסח געפאלען אים שבת, האָט מען געטהון דאָסזעלבע וואָס אין א וואָכענטאָג, ווייל דער „קרבן פּסח" איז דוחה שבת. איינמאָל — ווערד דערצעהלט — איז ערב־פּסח געפאלען אים שבת, ווען די בני־בתירה זיינען געווען די פיהרער פון די סנהדרין, האָט מען נישט געוואוסט, צי דער „קרבן פּסח" איז דוחה שבת. איז דאַמאָלס געקומען הלל הבבלי, וועלכער האָט ערקלערט אויף'ן נאָמען פון שמעיה ואבטליון, וואָס ער האָט ביי זיי געלערנט.

ווי באַלד עס איז נור פינסטער געוואָרען, האָט זיך דער עולם גענומען בראָטען די קרבנות אין ספּעציעל צו דיעזען צוועק צוגע־גרייטע אויוועגס, וועלכע זיינען געווען קהל'שע אייגענטום און זיי זיינען געשטאַנען נאָהנט צום בית־המקדש. דערנאָך האָבען זיך אַלע אוועקגעזעצט עסען דעם קרבן אינעוויניג אין בית־המקדש.

לויט די אומשטענדען זיינען ווארשיינליך געווען פיעלע, וועלכע האָבען געגעסען זייער „קרבן־פּסח" אויסערהאַלב פונ'ם בית־המקדש, ווייל דער בית־המקדש וואָלט זאָנסט נישט געקענט אַלעמען אין זיך אריינגעהמען, האָבען די ירושלים'ער מענשען זיכער געגעסען דעם קרבן־פּסח יעדער ביי זיך אין הויז און די פרעמדע האָבען געגעסען אין בית־המקדש.

ווען ערב־פּסח איז געפאלען אין א וואָכען־טאָג און עס האָבען זיך צונויפגעקליבען אויף יום־טוב גרעסערע פאַמיליען־גרופּען, פאַר וועלכע איין קרבן־פּסח איז נישט געווען גענוג, האָט אַזא פאַמיליע אויך געקוילעט א קרבן „חגיגה" (פּסחים דף ע' עמוד א').

און בשעת די פאַמיליע איז געזעסען ביים „קרבן־פּסח", האָט איטליכער בעל־הבית געהאַט די אויפגאַבע, צו ערקלערען צו זיינע הויז־מענשען דעם ענין פון פּסח און דערצעהלען זיי די נסים פון „יציאת מצרים".

גערּאַנקען-שפּריצלעך פון שיר-השירים

וואָס דער פּסוק זאָגט „השמיעיני את קולך", האָט דער איטאַ־ליעניש־העברעאישער משורר ר' משה חיים לוצאטו ערקלערט, אז דאָס מיינט, וואָס די עקסיסטענץ פון א פאָלק איז אָפּהענגיג פון זיין לשון. דאָס איז אויך דער פּשט פון'ם פּסוק „מות וחיים ביד לשון" (משלי קאַפּיטעל י"ח פּסוק כ"א), ווייל כל־זמן א פאָלק האָט נאָך זיין שפּראַך נישט פאַרלאָרען, האָט עס א האָפנונג, צו בלייבען לעבען. דערפאַר זאָגט דער פּסוק „השמיעיני את קולך", לאָמיך הערען דיין קול, צי דו באַנוצסט זיך נאָך מיט דיין לשון און צי דו רעדסט נאָך אויף דיין אייגענער שפּראַך...

אויף דעם וואָס דער פּסוק זאָגט „בשוקים וברחובות אבקשה את שאהבה נפשי", האָט א חסידישער רבי געזאָגט, אז דאָס מיינט, וואָס אין שוהל אָדער אין'ם בית־המדרש זיינען אלע אידען וואויל און פיין. מען דאַרף אָבער זוכען און געפינען אזעלכע וואוילע אידען אין די גאַסען ביים האַנדלען מיט מענשען און אין די ענינים שבין אדם לחברו...

אויף'ן פּסוק „כפלח הרמון רקתך" דרשנ'ט די גמרא „אפילו ריקנין שבך מלאין מצוות כרמון" (סנהדרין דף ל"ז עמוד א'). האָט דאָס דער רבי ר' יונתן אייבעשיץ ערקלערט, אז דאָס מיינט, וואָס דער אמת'ר למדן און דער אמת'ר ירא־שמים געהט שטענדיג ארום מיט'ן געדאַנק, אז עס פעהלט איהם נאָך זעהר פיעל צו זיין שלימות. דאַגעגען מיינען וועגען זיך די „ריקנים", די פּוסטע פאַרשוינען, אז זיי זיינען „מלאים מצוות כרמון", אז זיי זיינען שוין פולקאָם פערטיג און אלסדינג איז ביי זיי אין אָרדנונג...

ל״ג בעומר

דער איבערברוך אין די טרויער־טעג פון צווישען פסח און שבועות

פונ׳ם צווייטען פסח׳דיגען „סדר״ אָנגעהויבען, דאַרף מען צעהלען 49 טעג אָדער זיבען וואָכען — ביז שבועות. רופט מען די־דאָזיגע טעג מיט׳ן נאָמען „ספירה״, ווייל מען דאַרף יעדען טאָג צעהלען, ווי ווייט מען איז אוועק פון פסח. דאביי זיינען דאָס אויך טעג פון טרויער. מען טאָר נישט מאכען קיין חתונות אָדער הערען מוזיק, מען טאָר נישט שעהרען די האָהר אָדער באָדען זיך אין טייך און נאָך אזעלכע זאכען.

אָבער ווען אידען זיינען אמאָל געווען א פאָלק אויף זייער אייגענעם באָדען, זיינען די טעג פון „ספירה״ געווען טעג פון פרייד און צופריעדענהייט. אפילו אין אזעלכע יאָהרען, וואָס ארץ־ישראל איז געווען אין מלחמה, איז קיינעמען נישט איינגעפאלען, צו מאכען פון דער „ספירה״ א טרויער.

דעם צווייטען טאָג פסח פלעגט מען ברענגען צום כהן אן „עומר״ פיינעם אין דרייצעהן זיפען דורכגעביטעלטען גערשטען, פון יענעם אויסערגעוועהנליך געראָטענעם גערשט, וואָס ארץ־ישראל איז מיט איהם געווען געבענשט.

בעפאָר מען האָט מקריב געווען דעם „עומר״, האָט מען נישט געטאָרט אָנהויבען שניידען די תבואות אין די פעלדער. דערנאָך איז יעדער איד אהיים־געגאנגען צו זיך, צעהלען זיבען וואָכען ביז שבועות, ווען מען האָט געדאַרפט ברענגען די ערשטע רייפע פרוכטען („ביכורים״) קיין ירושלים.

אין דער צייט פון די דאָזיגע זיבען וואָכען פלעגען אלע ארץ־ישראל׳דיגע פירות און תבואות רייף ווערען. פלעגט דאן רייף ווערען דער ווייץ און דער גערשט, דער ווייַנשטאָק און דער פייגענבוים, דער מילגרוים, די אויליווען און די טייטעל. פלעגט איטליכער אויסקלויבען דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע פון די דאָזיגע ערשטע

נור וואָס רייף־געוואָרענע פּירות און תבואות, אוועק צו פיהרען דאָס אין די טייערסטע כלים קיין ירושלים, וואו מען האָט געדאַרפט איבערדערצעהלען אין קורצע ווערטער פאַר׳ן כהן, וואָס עס איז מיט אידען פאָרגעקומען אין מצרים ווי דער אויבערשטער האָט זיי אויסגעלייזט פון זייער קנעכטשאַפט.

צוזאַמען מיט די דאָזיגע „ביכורים״ פלעגט מען אויך מיט־פיהרען בהמות פאַר קרבנות. געוועהנליך פלעגט מען פיהרען אַן אָקס, די הערנער באַצירט מיט גאָלד און באַהאַנגען מיט גלעקלעך פון אַלע זייטען, די גאַנצע וועלט זאָל וויסען, אז מען געהט מיט „ביכורים״ קיין ירושלים.

האָט מען דאַן מיט אונגעדולד געצעהלט די „ספירה״־טעג — און ווען עס האָט זיך דערנעהנטערט די צייט פון שבועות, האָט זיך אָנגעהויבען א וואַנדערונג פון אַלע עקען לאַנד אויף די וועגען פון ירושלים. די עלטעסטע פון ירושלים און איהרע פאָרשטעהער פלעגען אויך אקעגען־געהען, באַגריסען די געסט פונ׳ם לאַנד. און ווען דער עולם איז אָנגעקומען אין ירושלים, זיינען די הייזער געוועזען צו ווייניג, אריין צו נעהמען די אַלע מענשען. האָבען די מעהרסטע פון די אָנגעקומענע געמוזט נעכטיגען אין די גאַסען. איז אָבער פון דעסטוועגען קיינעמען נישט איינגעפאַלען די מינדעסטע מחשבה פון אומצופריעדענהייט.

אָט אַזוי האָבען אויסגעזעהען די ספירה־טעג ביי די אידען אין ארץ־ישראל. זיינען דאָס דאַמאָלס געוועזען טעג פון פריידיד און פאַר־געניגען.

האָט זיך אָבער דאָס אידישע פאָלק פארזינדיגט, איז ירושלים חרוב געוואָרען און אידען זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון זייער לאַנד. זיינען די „ספירה״־טעג פארוואַנדעלט געוואָרען אין טעג פון צער און אומעט. די תורה האָט געהייסען צעהלען זיבען וואָכען פון פּסח ביז שבועות, פונ׳ם „עומר״ ביז צו די „ביכורים״, קען מען אָבער נישט מקריב זיין דעם „עומר״ און מען קען נישט מעהר ברענגען קיין „ביכורים״. איז שוין דאָס צעהלען געוואָרען ווי א משא, וואָס קיינער האָט זיך נישט געקענט ערקלערען, צו וואָס עס טויג.

דער פריהלינג איז געקומען. די ערד האָט זיך אָנגעטהון איהר גרין קלייד, די ביימער האָבען געגעבען זייערע פּירות און די טהאָלען זיינען געוואָרען אָנגעפילט מיט תבואות. אָבער דאָס לאַנד איז

געווען באַזעצט פון פרעמדע פעלקער און אידען זיינען געווען שקלאַפען אויף זייער אייגענער ערד. איז נישט מעהר געווען קיין פרייד אים פסח און עס איז נישט איינגעגאנגען קיין פארגעניגען אים שבועות. זיינען די „ספירה"־טעג געוואָרען טעג פון טרויער — און ווען מען האָט דאן געצעהלט די טעג, ווייל די תורה האָט געהייסען צעהלען, האָט זיך איטליכער געפרעגט: „ווי לאַנג נאָך וועלען מיר אזוי דארפען ליידען?"

האָט מען אָנגעהויבען קלערען וועגען באפרייאונג. איז אויפ־געשטאַנען דער העלדישער רעוואָלוציאָנער בר־כוכבא געגען רוים און דער גרויסער פאַטריאָט רבי עקיבא מיט זיינע 24 טויזענד תלמידים זיינען איהם נאָכגעגאנגען. זיינען דאן געקומען די ספירה־טעג, האָט רוים באזיעגט די רעוואָלוציע. בר־כוכבא איז געפאַלען, געביסען צום טויט פון א שלאַנג. ר' עקיבא'ן האָבען די רוימער געהאַפט און צום טויט פארמוטשעט, געריסען זיין פלייש מיט אייזערנע קעם, און די 24 טויזענד תלמידים פון ר' עקיבא זיינען אויך אויסגעקוילעט געווארען אין די טעג פון דער „ספירה".

זייט יענער צייט זיינען די „ספירה"־טעג געוואָרען טעג פון גרעסטען צער און אומעט. קייזער האדריאן האָט געלאָזט אויפ־אַקערען ירושלים, איהר א נאָמען געגעבען „אעליא קאפיטאָלינא", און ארץ־ישראל האָט ער א נאָמען געגעבען „פאַלעסטינא", אָפצומע־קען פון דאָרט יעדען זכר פון אידען, עס זאָל זיי קיינמאָל נישט מעהר קענען איינפאַלען, זיי זאָלען זיך פרובירען, צו וועלען צוריק קריגען דאָס לאַנד.

האָט זיך דאן אָנגעהויבען א לאַנגער פינסטערער גלות. פאַר די גוים פון ארום איז געקומען יעדעס יאָהר א פריהלינג. אומעטום איז די נאַטור אויפגעוואַכט און די גאַנצע וועלט איז געווען אָנגע־פילט מיט פרייד. נור אידען האָבען נישט געהאַט, מיט וואָס זיך צו פרעהען, דער אויבערשטער האָט זיי געהייסען צעהלען זיבען וואָכען פון פסח ביז שבועות, פונ'ם „עומר" ביז צו די „ביכורים" — און ווען זיי האָבען זיך דערמאָנט, צו וואָס דאָס דאָזיגע צעהלען האָט געטוינט, האָט זיי ארומגעהאַפט א שרעקליכע טרויער און עס האָט זיי געשטאָכען ווי מיט מעסערס.

דערווייל פלעגען זיך די גוים פאַנאַנדערפיהרען די הענד יעדעס יאָהר פריהלינג אין דער אידישער גאַס, אויסצופרובירען די באַניימע כחות זייערע אויף די אידען'ס פלייצעס. אין די טעג פון „ספירה"

ל״ג בעומר

האבען אידען געמוזט געהען הערען דרשות פון גלחים אין גוי׳שע קירכען און זיי האבען אויך נישט געטארט אפענטפערען, ווייל טאמער האט אמאל א איד געוואלט אפענטפערען, האט ער דאס געמוזט באצאהלען מיט׳ן לעבען.

אין די „ספירה״-טעג האבען זיך אנגעהויבען די „קרייצציגע״, ווען די קריסטען זיינען געגאנגען אפנעהמען ארץ־ישראל פון די מאחמעדאנער, און וואו זיי זיינען אנגעקומען אויף׳ן וועג, האבען זיי דערוויילע אלע אידען אויסגעקוילעט און לעבעדיגערהייד פארברענט.

וועהרענד צוויי יאהרהונדערטער זיינען זיבען „קרייצציגע״ פארגעקומען — און יעדער קרייצצוג האט זיך אנגעהויבען אין די „ספירה״-טעג. ווען אידען פלעגען זיך דערמאנען, ווי מען פלעגט זיך ביים ברענגען די „ביכורים״ גיסען מיט „טרויבען-בלוט״ אין די גאסען פון ירושלים, האבען זיך די קריעגער פון די „קרייצציגע״ וועהרענד צוויי יאהרהונדערטער געגאסען מיט אידיש בלוט.

אזוי זיינען אלע אידישע צרות און פרעניות פארגעקומען אין די טעג פון „ספירה״. אין אט די טעג זיינען פארגעקומען אלע פסח׳דיגע בלוט־בלבולים און די פארברענונגען פון די „אנוסים״ אין שפאניען און פארטוגאל. אין די טעג פון „ספירה״ זיינען אויך פארגעקומען די פאגראמען אין קיעוו און אין יעקאטערינאסלאוו — און 22 יאהר שפעטער אין קישינעוו.

„ספירה״-צייט האבען זיך אויך די גוים גענומען צו פארניכטען אונזער גייסט. אין די טעג פון „ספירה״ האבען די דאמיניקאנער אין פראנקרייך פארברענט די ספרים פונ׳ם רמב״ם און עטליכע יאהר שפעטער האט מען געברענט אין די גאסען פון פאריז אלע תלמוד־ספרים, וואס האבען זיך דעמאלט געפונען ביי אידען.

און ווען אידען האבען געזעהן, אז אלע צרות און פרעניות טרעפען זיך זיי דווקא אין דער צייט פון „ספירה״, האט זיי ארומגענומען אן אומבאשרייבלאכע מורא פאר די דאזיגע טעג און זיי האבען אנגעהויבען גלויבען, אז די טעג פון פסח ביז שבועות זיינען פאר זיי גלייך ווי די דריי טרויעריגע וואכען פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב.

שפעטער זיינען געקומען די בעלי „קבלה״ און זיי האבען אנגעהויבען ערקלערען די „ספירה״-טעג אויף אן איבערנאטירליכען שטייגער. די תורה האט געהייסען „צעהלען״ זיבען וואכען פון פסח ביז שבועות, האט דאס ווארט „ספירה״ (צעהלען) וואהרשיינליך א

צוזאמענהאנג מיט די קבלה'שע „ספירות", וועלכע זיינען — לויט דער מיינונג פון די מקובלים — די „כלים", מיט וועלכע דער אויבערשטער האט די וועלט באשאפען און זיי זיינען אויך די רעהרען, וואס זיינען משפיע זיין גוטסקייט, גלייך ווי זיי זיינען די קליידער און די הייליגע מעלות אין דער אנטוויקלונג פון דער וועלט־באשאפונג.

די מקובלים אליין זיינען אפילו נישט ביי זיך קלאר וועגען די ספירות, וואס זיי זיינען, צי זיי זיינען בלויז טיטולען פונ'ם בורא אדער זיי פארקערפערען געוויסע כחות. האבען זיי אבער פון דעסט־וועגען באצייכענט יעדען טאג פון דער „ספירה"־צייט מיט א ספירה פון דער קבלה און זיי האבען אזוי איינגעפלאכטען און איינגעקייטעלט איין ספירה אין דער אנדערער, אז יעדע ספירה זאל כולל זיין אין זיך אנדערע ספירות.

האבען די מקובלים דאן ערקלערט, אז אים ל"ג בעומר ווערד איבערגעריסען די טרויער פון דער ספירה.

וועגען ל"ג בעומר איז פארהאנען א נוסח אין דער גמרא, לויט וועלכען ר' עקיבא'ס תלמידים האבען דאמאלס אויפגעהערט צו שטארבען. געשטיצט אויף דעם האט דער מהרי"ל (געבוירען 1365, געשטארבען 1427) גע'פסקנ'ט, אז די טרויער־מנהגים פון די ספירה־טעג דארפען אפגעהיט ווערען בלויז ביז ל"ג בעומר. אים ל"ג בעומר — האט דער „חתם סופר" בארעכענט — האט דער מן אנגעהויבען פאלען פאר די אידען אין דער מדבר. דארף דאדורך אויפהערען יעדע טרויער אין דעם דאזיגען טאג. און ווי די „מקובלים" דער־צעהלען, איז ר' שמעון בן יוחאי נפטר געווארען אים ל"ג בעומר, עטליכע שעה פאר זיין פטירה האט ער זעהר טיעפע געטליכע סודות אנטפלעקט צו זיינע תלמידים, דארף מען דאדורך באטראכטען דעם ל"ג בעומר ווי א יום־טוב, וועלכער רייסט איבער די אבלות פון דער „ספירה", גלייך ווי יעדער אנדערער יום־טוב איז מבטל די אבלות.

צוליעב היסטארישער גערעכטיגקייט דארף מען מודה זיין, אז עס זיינען אויך פארגעקומען מאנכע גוטע געשעהענישען פאר אידען אין די ספירה־טעג. אזוי האט, למשל, יונתן החשמונאי ערא־בערט אין א געוויסען ספירה־טאג איינע פון די ירושלים'ער פעסטונגען. 21 טאג אין „ספירה" האט קהאליף אמאר ערלויבט די אידען פון זיין מלוכה, זיי זאלען זיך ארגאניזירען אין א זעלבשטענדיגע גע־מיינדע מיט בוסתנאי (פון זרע מלכות בית דוד) אלס „ראש הגולה",

ל״ג בעומר

22 טעג אין ספירה האט נחמיה בן חכליה פערטיג געמאכט די מויערען פון ירושלים, ווען די אידען זיינען צוריקגעקומען פון גלות בבל. 23 טעג אין ספירה האט די האלענדישע רעגירונג געגעבען בירגער־רעכט צו אידען. 28 טעג אין ספירה האט די קייזערין מאריא טע־רעזיא פון עסטרייך בטל געמאכט איהר גזרה, ארויסצוטרייבען די אידען פון בעהמען. און אין די ספירה־טעג פון 1920 איז עפענטליך דורך אלע אייראפעאישע מלוכות באשטעטיגט געווארען אין סאן רעמא די באלפור־דעקלאראציע וועגען ארץ־ישראל מיט'ן רעכט פונ'ם אידישען פאלק אויף'ן לאנד פון די אבות.

די מעשה פון „מתן־תורה״

צוויי טויזענד יאָהר איידער דער אויבערשטער האָט די וועלט באַשאַפען, האָט ער שוין געהאַט באַשאַפען די תורה. און יעדען טאָג פון די דאָזיגע צוויי טויזענד יאָהר האָט ער זי געהאַלטען אויף זיין שויס און זי געפּיעשטשעט ווי אַ צערטליכער פאָטער פּיעשטשעט זיין איינציג קינד, ביז דער אויבערשטער האָט דערנאָך באַשלאָסען, אַז עס איז געקומען די צייט, ער זאָל די וועלט באַשאַפען.

און ווען ער האָט באַשאַפען די וועלט און די מענשען, האָט ער ווייטער דורכגעזופט אַלע דורות און ער האָט נישט געפונען איינעם אַ מענשען, וואָס זאָל זיין ווירדיג, אַז די תורה זאָל געגעבען ווערען דורך זיין האַנד, ביז משה רבנו איז געקומען. און פאַר־וואָס האָט משה רבנו זוכה געווען צו אַזאַ כבוד, אַז די תורה זאָל געגעבען ווערען דורך זיין האַנד? ווייל משה איז געווען דער באַ־שיידענסטער און דער גאָטספאָרכטיגסטער צווישען אַלע מענשען. מויל צו מויל האָט דער אויבערשטער מיט איהם גערעדט. צו איהם האָט ער זיך אויך באַוויזען אין זיין גאַנצער געשטאַלט. פון דעסט־וועגען האָט משה נישט שטאָלצירט מיט דעם און ער האָט דעם נידריגסטען פון צווישען די אידען תמיד באַטראַכט ווי זיינס־גלייכען.

משה׳ס באַשיידענקייט איז שטאַרק וואוילגעפעליג געווען ביים אויבערשטען אין די אויגען, ווייל ווען דער אויבערשטער האָט איהם געהייסען געהען צו פּרעה׳ן, אויסלייזען די אידען פון גלות, האָט ער געזאָגט: „רבונו של עולם! וואָס האָסטו עפּעס גראָד מיך אויס־געקליבען צו אַזאַ וויכטיגער שליחות? ווער בין איך דען, איך זאָל געהען צו פּרעה׳ן און איך זאָל מיך אונטערנעהמען ארויסצופיהרען די אידען פון מצרים? פאַרהאַנען פיעל חשוב׳ע משפּחות ביי אידען, אפילו אין מיין אייגענער משפחה זיינען פאַראַן מענשען קליגערע און פעהיגערע פון מיר. טאָ קלויב אויס איינעם פון זיי און גיב איהם איבער די דאָזיגע שליחות, וועט ער זי זיכער בעסער דורכפיהרען!״

די מעשה פון „מתן־תורה"

האָט איהם דער אויבערשטער געענטפערט: „דיך האָב איך אויסגעקליבען פאַר'ן אויסלייזער פון מיין פאָלק, און טאָמער וועסטו זיי נישט קענען אויסלייזען פונ'ם גלות, וועל איך זיי שוין דורך קיין שום אנדערן נישט אויסלייזען!"

דערנאָך האָט זיך דער אויבערשטער ארומגעקוקט צווישען אַלע בערג און ער האָט נישט געפונען קיין בארג, וואָס זאָל זיין ווירדיג, אז די תורה זאָל אויף איהם געגעבען ווערען און די געטליכע שכינה זאָל אויף איהם רוהען. איז איהם נאָר דער בארג סיני געפעלען געוואָרען פאר אַט דעם צוועק. און פאַרוואָס האָט דער בארג סיני זוכה געווען צו דעם? ווייל דער בארג סיני איז זעהר א באַשיידענער. דער חרמון און דער שריון, דער כרמל און דער תבור האָבען זיך שטענדיג געקריגט, ווייל יעדער האָט זיך איינגערעדט, אז נור אויף איהם וועט דער אויבערשטער געבען זיין תורה. אָבער דער בארג סיני האָט זיך געהאַלטען באשיידען און ער האָט זיך נישט געמישט אין דער מחלוקה. האָט דערפאַר דער אויבערשטער דוקא איהם אויס־געקליבען.

געווען איז דאָס אינ'ם דריטען חודש, נאָכדעם ווי אידען זיינען ארויסגעגאַנגען פון מצרים. איז דאָך א קשיא: פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער נישט געגעבען די תורה צו די אידען באַלד ווי זיי זיינען ארויסגעגאַנגען פון מצרים? צו־וואָס האָט ער נאָך געוואַרט זיבען וואָכען? איז די אורזאַך דערפון געווען, וואָס דער אויבערשטער האָט זיי פריהער געוואָלט געבען צייט, זיי זאָלען זיך קענען צוגרייטען צום אָננעהמען די תורה.

ס'איז גלייך ווי עס איז אמאָל א קינד אויפגעשטאַנען פון א קרענק. זאָגט איהם די מוטער: „געה איצט אין שולע אריין לער־נען!" זאָגט דער פאָטער: „ער איז ערשט אויפגעשטאַנען פון א קרענק, שיקסטו איהם שוין לערנען? זאָל ער ווארטען א צוויי חדשים, ביז ער וועט צוריק־קומען צו די כחות און דערנאָך וועט ער געהן לערנען!"...

דאָסזעלבע איז אויך געווען ביי די אידען. באַלד ווי זיי זיינען ארויסגעקומען פון מצרים, האָבען זיי נישט געהאַט די פעהיגקייט אָנצונעהמען די תורה. געווען דאמאָלס צווישען זיי פיעל קאַליקעס: בלינדע, טויבע, שטומע, אויסגעקרומטע רוקענס מיט אָפּגעהאַקטע הענד און לאָמע מיט אָפּגעהאַקטע פיס.

נייע האָריזאָנטען

אזוי ווי זיי האָבען געארבייט ביי די העכסטע בנינים פונ'ם לאנד, פלעגט ארונטערפאַלען א שטיין פון א הויז און אָפּהאַקען ביי איינעם א האנד אָדער א פוס. און אנדערם מאָל האָט אן אָפּגע־טרוקענטע שטיק לייהם פארשטויבט איינעם די אויגען און ער איז בלינד געוואָרען. צומאָל האָט אויך א בארבארישער מצרי דער־לאַנגט איינעם א זעץ מיט דער פויסט אונטער די אויערען און ער איז טויב געוואָרען.

האָט דער אויבערשטער געזאָגט: „זיי האָבען זיך נאָך נישט אויסגערוהט פון דער שווערער ארבייט. זאָלען זיי זיך פריהער אויסהיילען פון זייערע פעהלערען, זאָלען ביי זיי די אָפּגעהאַקטע אברים צוריק אויפוואַקסען, זאָלען די בלינד־געוואָרענע אויגען זייערע צוריק זעהענדיג ווערען, זאָלען די טויב־געוואָרענע אויערען צוריק באקומען דעם כח צו הערען!"

און ווען דער אויבערשטער האָט שוין געהאַט באשלאָסען, צו געבען די תורה צו די מענשען און ער האָט שוין געהאַט אויסגע־קליבען די אידען אלם דאָס פאָלק, וואָס איז ווערטה, די תורה צו קריגען, האָבען דאָס די מלאכים נישט געוואָלט דערלאָזען און זיי האָבען זיך געבעטען, דער אויבערשטער זאָל האַלטען די תורה פאר זיינע הימלישע באשעפענישען, ווייל די מענשען זיינען זינדיג און זיי וועלען אויך נישט פארשטעהען, אזא טייערע מתנה, ווי די תורה, געהעריג אָפּצוהיטען.

האָט זיך די תורה דאמאָלס צולאַכט און דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו די מלאכים: „וואָס טויג אייך א תורה? נישט איהר זייט אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים, נישט איהר זייט געוועזען קנעכט ביי פּרעה'ן. און איז דען ביי אייך פאַרהאַנען די מדה פון עסען אָדער טרינקען, איהר זאָלט דאַרפען וויסען, וואָס מען מעג יאָ און וואָס מען טאָר נישט? טאָ צו וואָס דאַרפט איהר א תורה? א מענש דאַרף האָבען א תורה, זי זאָל איהם לערנען געהען אויף'ן ריכטיגען וועג, זי זאָל איהם לייטערען זיינע געדאנקען און קאָנטראָלירען זיינע שטרעבונגען!"

און איידער דער אויבערשטער האָט געגעבען די תורה צו די אידען, איז ער ארומגעגאַנגען מיט איהר צווישען אלע פעלקער פון דער וועלט, קיינער פון זיי זאָל נישט קענען דערנאָך זאָגען, אז ווען מען וואָלט איהם פאָרגעשלאָגען די תורה, וואָלט ער זי געוועזען אָנ־גענומען.

די מעשה פון „מתן־תורה"

דאָס ערשטע איז ער געגאַנגען צו די קינדער פון עשו און ער האָט צו זיי געזאָגט: „איך האָב א תורה אוועקצוגעבען, ווילט איהר זי אָננעהמען?"

האָבען איהם די קינדער פון עשו געפרעגט:

— וואָס שטעהט דאָרט אין דיין תורה און וואָס איז דאָרט די הויפּט־מצוה?

„לא תרצח", דו זאָלסט נישט מאָרדען, איז איינע פון די חשוב'סטע מצוות אין מיין תורה! — האָט דער אויבערשטער געענטפערט.

האָבען זיי איהם אויף דעם געזאָגט: „ווילסטו דען קאַליע מאַכען די ברכה פון אונזער זיידע'ן יצחק, וועלכער האָט עשו'ן געבענשט, אז ער זאָל לעבען אויף זיין שווערד?"

דערנאָך איז דער אויבערשטער געגאַנגען צו די קינדער פון לוט און ער האָט צו זיי געזאָגט: „א תורה האָב איך אוועקצוגעבען, ווילט איהר זי אָננעהמען?"

האָבען איהם די קינדער פון לוט געפרעגט:

— וואָס שטעהט דאָרט אין דיין תורה און וואָס איז דאָרט די הויפּט־מצוה?

„לא תנאף!" איז איינע פון די הויפּט־מצוות אין מיין תורה!

— האָט דער אויבערשטער געענטפערט.

האָבען זיי אויף דעם געזאָגט: „אונזער גאַנצע עקזיסטענץ האָבען מיר צו פאַרדאַנקען דעם ניאוף פון אונזער זיידע'ן לוט, ווילסטו אלזאָ קאַליע מאַכען אונזער וועלט?"

איז דער אויבערשטער דערנאָך געגאַנגען צו די קינדער פון ישמעאל און ער האָט צו זיי געזאָגט: „א תורה האָב איך אוועקצוגעבען, ווילט איהר זי אָננעהמען?"

האָבען די קינדער פון ישמעאל געפרעגט:

— וואָס שטעהט דאָרט אין דיין תורה און וועלכע מצוה איז דאָרט די וויכטיגסטע?

„לא תגנוב!", דו זאָלסט נישט גנב'נען, איז איינע פון די הויפּט־מצוות אין מיין תורה! — האָט זיי דער אויבערשטער געענטפערט.

האָבען זיי איהם אויף דעם געענטפערט: „אונזער זיידע ישמעאל איז געבענשט געוואָרען, אז זיין האַנד זאָל זיין אין אלעמען. קענען מיר נישט אזאָ ברכה מיט אונזער גוטען ווילען קאַליע מאַכען!"

נייע האָריזאָנטען

דערנאָך איז דער אויבערשטער געקומען צו די אידען און ער האָט צו זיי געזאָגט: „איך האָב א תורה ספּעציעל באַשאַפען פאַר אייערטוועגען. האָב איך פריהער אויספּרובירט מיט אַנדערע פעלקער און זיי האָבען זי נישט געוואָלט אָננעהמען. וויל איך אייך פרעגען, צי איהר ווילט זי אָננעהמען?"

האָבען די אידען געפרעגט:

— וואָס שטעהט דאָרט אין דיין תורה?

— פאַרהאַנען דאָרט 613 מצות — האָט זיי גאָט געזאָגט — 248 פון זיי זיינען אַזעלכע, וואָס א מענש איז מחויב צו טהון, און 365 זיינען אַזעלכע, וואָס א מענש טאָר נישט טהון!

האָבען די אידען אויף דעם געענטפערט: „אַלעס וואָס דער אויבערשטער זאָגט, וועלען מיר טהון און געהאָרכען!"

און ווייל זיי האָבען צוגעזאָגט צו טהון אַלסדינג, איידער זיי האָבען נאָך געהערט, וואָס זיי דאַרפען טהון, זיינען אַרונטערגעקומען 120 מאָל צעהן טויזענד מלאכים, וועלכע האָבען געפלאָכטען צו צוויי קרוינען פאַר יעדען אידען: איינע, ווייל ער האָט געזאָגט „נעשה" און איינע, ווייל ער האָט געזאָגט „נשמע".

דערנאָך האָט דער אויבערשטער גערופען צו זיך משה רבנו, ער זאָל ביי איהם נעהמען די תורה, איז משה אַרויפגעשוועבט אויף א וואָלקען אין הימעל אריין, אַזוי וויט ווי קיין שום מענש־געבוי־רענער פאַר איהם און נאָך איהם האָט נישט געקענט קומען. און ווען דאָס איז נאָך נישט גענוג געווען פאַר אַזאַ מענשען ווי משה, האָט דער אויבערשטער אַרונטערגעבויגען דעם הימעל צום באַרג סיני. איז דאַן דער גאַנצער באַרג געוואָרען באַדעקט מיט א נעפּעל און דער אויבערשטער איז געזעסען אויבען אויף זיין טהראָן, אָנגע־שפּאַרט מיט די פיס אויפ'ן נעפּעל.

האָבען דאָס די מלאכים געזעהען, זיינען זיי פאַרציטערט גע־וואָרען און זיי האָבען דורכאויס געוואָלט משה'ן אַרונטערשטופּען פונ'ם הימעל. האָט דער אויבערשטער געהייסען זיינע בעסטע מלאכים זיי זאָלען באַשיצען איהם מיט זייערע פליגלען און ער אַליין האָט איהם באַדעקט מיט זיין וואָלקען.

און ווען די אידען האָבען אָנגענומען די תורה, האָבען זיי דאָס נישט בלויז פאַר זיך געטהון, נור אויך פאַר אַלע שפּעטערע דורות, וועלכע האָבען געדאַרפט קומען פון יענער צייט אָן ביז צום ענד פון דער וועלט, ווייל די נשמות פון אַלע דורות, וואָס האָבען

געדארפט געבוירען ווערען פון יענעם טאָג אָן ביז צו דער צייט וואָס משיח וועט קומען, האָבען זיך דאָרט צונויפגעקליבען ארום דעם בארג סיני און דער אויבערשטער האָט זיי אַלעמען איינגע־שוואוירען אין זייער פליכט, אָפצוהיטען זיין תורה, ווי לאַנג די וועלט וועט שטעהען.

האָט זיך דאן די אידען פלוצים פארגלוסט, צו זעהען דעם אויבערשטען'ס „שכינה" און צו הערען דעם אויבערשטען'ס קול. איז דער אויבערשטער ארונטערגעקומען אויפ'ן בארג סיני אין באַ־גלייטונג פון 22 טויזענד מלאכים. און ווען די אידען האָבען דאָס געזעהען, זיינען זיי פשוט פארבלענדעט געוואָרען פונ'ם פייערדיגען גלאַנץ און די נשמה איז ביי זיי אויסגעגאַנגען הערענדיג דעם אויבערשטענס שטים. די גאַנצע ערד איז אויך אויפגעציטערט געוואָ־רען און דער הימעל איז שיער נישט צוגאַנגען אין וואסער, די בערג האָבען געטאַנצט ווי די לעמער און די היגלען האָבען ארומגעשפרונ־גען ווי יונגע שאָף. בלינדע האָבען אָנגעהויבען זעהען, שטומע האָבען אָנגעהויבען ריידען, טויבע האָבען אָנגעהויבען הערען און לאָמע האָבען אָנגעהויבען געהען.

און דעם אויבערשטענס שטים איז געהערט געוואָרען פון איין עק וועלט ביז צום אנדערן עק. האָט דאן אַלע קעניגע פון דער וועלט אָנגעחאַפּט א ציטער, טאָמער איז שוין געקומען דער סוף פון דער וועלט. האָבען זיי זיך אַלע צונויפגעקליבען ביי זייער „נביא" בלעם בן בעור און זיי האָבען איהם געפרעגט, צי וויל נישט דער אויבער־שטער ווייטער ברענגען א מבול אויף דער וועלט. האָט זיי בלעם געטרייסט, אז דער אויבערשטער האָט שוין איינמאָל געשוואוירען, אַז ער וועט נישט מעהר מאַכען קיין מבול.

דערווייל האָט זיך גאָט'ס שטים געשטארקט, באַגלייט פון די שרעקליכסטע דונערען און בליצען. צוגלייך האָט דער אויבערשטער אויפגעהויבען דעם בארג סיני אין דער לופטען, אז דער שפיץ זיינער זאָל אויסקומען צו שטעקען העט אויבען אינ'ם הימעל — און אזוי ווי די אידען האָבען געהאַלטען אין איין ציטערען און פלאַטערען, האָבען זיי דאן געזוכט א באַהעלטעניש אונטער'ן בארג.

ביי יעדען וואָרט, וואָס זיי האָבען געהערט פון גאָט'ס מויל, זיינען זיי אוועקגעטראָגען געוואָרען פון זייער פלאַץ אויף צוועלף מייל, און ווען זיי האָבען ווייטער דערהערט א וואָרט, זיינען זיי מיט'ן אָטעם פונ'ם וואָרט צוריקגעטראָגען געוואָרען אויף צוועלף מייל.

נייע האָריזאָנטען

האָט דאַן די תורה זיי אַלעמען אַרונטערגענומען אונטער איהרע פליג־לען און האָט זיי אויפגעלעבט מיט אַ ביסעל פון יענעם טוי, וועל־כער וועט אַרונטערנידערען אויף דער ערד, ווען עס וועט קומען די צייט פון „תחית המתים".

האָבען זיך די אידען געבעטען ביי משה'ן, ער זאָל מיט זיי אַליין ריידען, וועלען זיי איהם הערען, ווייל זיי האָבען נישט מעהר קיין כח, צו הערען דעם אויבערשטענס שטים.

און אין יענעם אויגענבליק, ווען דער אויבערשטער האָט גע־זאָגט „אנכי ה' אלהיך", איז די גאַנצע נאַטור געבליבען שטיל שטעהען, די זון און די לבנה זיינען פאַרהאַלטען געוואָרען אין זייער גאַנג. עס האָט אויך נישט קיין פויגעל געפּיפּסט און קיין פליגעל האָט זיך ניט באַוועגט, קיין שעפעלע האָט נישט געמעקעט און קיין ראָד האָט זיך נישט גערירט, דער ים איז געבליבען שטיל און זיינע כוואַליעס זיינען געוואָרען ווי פאַראַליזירט, ביז דער אויבערשטער האָט נישט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „אנכי".

דערנאָך ערשט האָט משה רבנו איבערגענומען די תורה פון גאָט'ס האַנד, און די תורה איז געווען געשריבען אויף פייערדיגען פּאַרמעט מיט פייערדיגער שוואַרצער טינט, פאַרזיגעלט מיט פייער און אַרומגענומען מיט פייער. האָט זיך איהר אָפּגלאַנץ אָפּגעשלאָגען אויף משה'ס פּנים און ער האָט זיך געמוזט אָנטהון אַ מאַסקע, ווייל דאָס פאָלק האָט איהם נישט געקענט קוקען אין פּנים אַריין, גלייך ווי זיי האָבען פריהער נישט געקענט קוקען אויף דער געטליכער „שכינה" . . .